לכבוד

25 יאָר „אגודת־ישראל"

און

20 יאָר בית־יעקב־שולן

בית־יעקב

ליטעראַרישע שריפט פאַר שול און היים

דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און אָרגאַניזאַציעס בנות אגודת־ישראל אין פּוילן

רעדאַקטירט דורך א״ג פרידנזאָן

סיון תרע״ב — סיון תרצ״ז

אגודיזם־אַלמאַנאַך

תוכן

א״ג פרידנזאָן: גינוג גירעט — עת לעשות!

א״ז פרידמאַן: פון דער אגודיסטישער גידאַנקען־וועלט

עובדי' הכהן: דאָס קאַפּיטל תשובה

ד״ר נתן בירנבוים: מיין רייזע אויפן ים

גדלי' בובליק: פאַרוואָס מ'האָט אונדז פיינט

ז. שאַכנאָוויטש: די אָרטאָדאָקסישע אָרג. אין דער גישיכטע

ד״ר יצחק ברויער: די אַקטואַליזירטע כנסת־ישראל

יהודה לייב אָרלעאַן: וואָס איז מוסר?

לייב פּראַם: די תשובה פון ציבור

הרב ש. ד. לאַסקי: אַ פאַרגעסענע טעמע

יהודה לייב גערשט: דער אויפריכטיקסטער אין דער מחנה

הרב מנחם עקשטיין: די פּסיכאָלאָגישע עלימענטן אינים חסידות

דוד אַפּטייקער: לידער פון דער צייט

ד״ר העשיל קלעפּפיש: די פרוי וואָס האָט גיהייסן שרה רחל

ישראל עמיאָט: 1) אבות, 2) אַ הספד אויף טאַדרוס שוסטער (שירים)

בנימין מינץ: גישיכטע און פּראָבלעמען פון אונדזערע קיבוצים אין א״י

הרב ד״ר פּינחס כהן: זכרונות פון דער ערשטער אגודה־תקופה אין פּוילן

הרב יוסף לעוו: איר וועט זיגן!

אלימלך שטייער: ווי אַזוי ס'האָט זיך אָנגיהויבן

א. י. ליפּמאַנאָוויטש:

י. עמיאָט: אין דערוואַרטונג

צו דער דריטער כנסי' גדולה

הרב דוד צבי זילבערשטיין: וואָס קען אונדז ראַטיווען

חיים ישראל אייז: איר קענט אַ סך העלפן!

פּ. לאַנדענבערג: קאָנסטרוקטיווע מעשים!

מ. שענקעלעווסקי: אַ וואָרט וועגן אַמעריקע

צוואַנציק יאָר בית־יעקב־שולן

יעקב ראָזענהיים: בית יעקב און בנות פאַר נייע אויפגאַבן

י. ל. אָרלעאַן: קביעות און התחדשות

הרב ב. ז. יאַקאָבזאָן: 25 יאָר אַגודת־ישראל—20 יאָר בית־יעקב

אג״פ: וואָס זאָלן מיר טון?

אסתר הייטנער: אונדזער שטילער יום־טוב

יהודית געלבלום: לאָמיר געבן פרייד אונדזערע קינדער

פעסא נאַשעלסקאַ: אַ משל פאַר איינע, אַ משל פאַר אַלע

שרה הילזענראַט: שבת אין תל־אביבער בנות־קיבוץ

ערב אונדזער בנות־קאָנגרעס

רחל בת־טובים: מיר קומען זיך צונויף

רייזל ראָזאַ־דאַפנער: אונדזער אַקטועל פּראָבלעם

רייכער סדר־היום, וואָס זאָגט דער סדר־היום, די קאָמיסיעס אויפן קאָנגרעס, די אָרדינונג אין זאַל, פּרעסע־אַמט, באַריכט־אויסגאַבע פון דער צענטראַלע, וועג־ווייזער, זאַמל־פּונקט פון דעלעגאַטנס און געסט, דער סך־הכל פון די פרעג־בויגנס, באַריכט פון לאָדזשער בנות, ידיעות און מודעות אאַ״וו.

נאָטיץ!: דער גרויסער אינטערעס צום היסטאָרישן אַקט, דער

ויעשו כולם
אגודה אחת
לעשות רצונך
בלבב שלם!

בית־יעקב

ליטעראַרישע שריפט פאר שול און היים
דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און ארגאַניזאַציעס בנות אגודת ישראל אין פוילן
רעדאַקטירט דורך א״ג פרידנזאָן

לאדזש־וואַרשע־קראָקע	כ״ה סיון תרצ״ז	נומער 143	פערצנטער יאָר־גאַנג

גינוג גירעט – עת לעשות

האָבן מיר הייסט עס אַ יום־טוב: 25 יאָר אגודת ישראל און 20 יאָר בית־יעקב כנהוג וואלטן מיר גידאַרפט פראַווען שמחות און חגיגות.

דער אגודיזם האט אויף זיין חשבון גרויסע תיקונים צו פאַרצייכנין. דער סך־הכל פון אגודיסטישן ווירקן פאר דער אָפגילאָפינער תקופה איז א גאַנץ רייכער. דאָס ארט וואָס די ארגאַניזירטע יריאים פאַרנעמין היינט אין יידישן פאלק איז אַ שיינס, אַ בכבודס. די שטים פון דער תורה, וואָס רופט טאָג־איין טאָג־אויס דורכן מויל פון די אגודיסטישע פירער אינים חלל פון דער יי ישער וועלט, רייסט זיך ס ף־כל־סוף אדורך און האט דאָ און דאָרט ווי ס־איז אַנ־ שפּעה.

פאַראַן אויף וואָס זיך משמח צו זיין. דער שכר פאַר אונדזער מי איז דער גרויסער יידישער עולם אין אַלע עקן וועלט, וואָס פאַרבינדט זיין דענקין, שטרעבן און דערוואַרטונג מיטן נצחון פון אגודיסטישן רעיון.

דערמאָנין מיר די 20 יאָר בית־יעקב, קען מען ערשט רעכט מיט שטאָלץ זאָגן, אז ס־איז אַ גרויסער יום־טוב. ווער ס־איז מיטגיגאַנגען טריט ביי טריט די גאַנצע צוואַנציק יאָר, ווייס ווי השם האט מצליח גיווען אונדזער שווערן וועג, און ווי נישט מיר זענין ווערט גיווען זיינע חסדים דערבּיי.

ערשטע בויער ביז די היינטיקע אקטיווע אין ב״י, ציט זיך א גאָלדינע ...ן לויטער ריינים אידעאַליזם, ערלעכן רצון, גיטריישאַפט אָן אַ גבול ...רייטקייט אויף ק בנות אָן א מאָס.

...ות פון ב״י, איז בנות; ווי שווער ס־זאָלן נישט זיין די פראָבּלעמין, מיר פאַר זיך אַ נייען שעפערישן אָון בויענדיקן כוח אין ישראל. אפשר דורות נישט גיווען אזאַ מחנה פון בנות־ישראל, גיטרייע און צוגיבנדינע ...ער אמתער פאלקס־נשמה אַקטיווע מיטהעלפער פאַר די נויטן פון כלל, ווי ס־איז בנות א ורת ישראל.

פּועל־יוצא פון אמתן אביעקטיוון אָפשאַצן דאָס דערגרייכטע, מוז אבער ...ן א שאַרפע קריטיק אויף דעם נישט דערגרייכטן. די פרייד אויף די גי...ן פון דער תקופה הינטער אונז, מוז באַגלייט ווערן מיט אַ גרינטלעכער ...ק פון אונדזערע פעלערן און שוואכקייטן. ס־מוז דערהערט ווערן: „בואו חשבון“!

...ן אייגינם רצון צו וועלן זיין באַשיידן און שטיל אין זיך, מוז מען גאָר ...יפטרעטן אין דער ראָל פון אַ מוכיח. אַ גיטרייער אגודיסט מוז דאָס אבער ...ן, און דווקא יעצט, ווען ער וויל נאר זיין אין אָרדינונג מיט זיין גיוויסן.

...טוט דיר דער־עיקר וויי, וואָס גראַד אין דער צייט, ווען בכח האט דער אגודיזם אַזויפיל הונדערטער טויזנטער אָנהענגער איז בפועל צו אונדזער בושה אַ שלימזלדיקייט אויף אַלע פראָנטן.

נאכמער ווייטיקט דאָס האַרץ, אַז בשעת יידן און אפילו פירער פון פרעמדע מחנות זינגין דעם אגודיזם לויב־גיזאַנגין, מעג עס זיין אַמאָל לשם העפלעכקייט און אָפּטמאָל גאַנץ ערנצט, ווייל די יידישע נשמה גיט פארט אַ צאַפּל און אַ ברי אַמאָל. גראָד דעמלט זענין מיר אזוי אומגישיקט און אומפעאיק צו פּראַקטישע מעשים.

אונדזערע אונטערנעמונגין, אונדזערע זאמל־אַקציעס, אונדזער ארגאַניזאַציע־אַפּאַראַט, דאָס התחייבות פון אונדזערע רייכע — זאל זיין אפילו יחידים — וכו׳ וכו׳ – אוי אַ שרעק!

בינו לבינו זענין די יידישע צרות אַזוי מוראדיק, איין צרה גרעסער ווי די צווייטע, דאָס יידישע פאלק אַרומגירינגלט מיט שונאים און שנאה אָן אַנ־אויס־וועג און מיר, דער קערן פון דער יידישער אומה, די טרעגער פון אמונה און אייביקייט זיצן בחיבוק ידים.

דאָס פאלק וויל הערן און זעען אונדזערע מנהיגים, דער גרויסער יידישער המון, אַ פשיטא די יוגנט, איז גרייט אויפצונעמין אַ פייערדיק ווארט פונים נישט־פאַרלאַשינים אש־דת און מיר — שווייגן!

אין נאָמין פון אַלע מיני קינסטלעכע אידעען און אויף אַלע לשונות, ווערט דאָס יידישע פאלק גימונטערט, גיוועקט און אַקטיוויזירט — און מיר... קוים מיר לאזן פון זיך הערן.

די השגחה האט גיוואָלט, אַז יעצט, אין דער צייט פון די טאָפּלטע היסטאָרישע שייד־טעג, ערב דער דריטער כנסי׳ הגדולה, ערב דעם בנות־קאָנגרעס זאָלן מיר האָבן פאַרלוירן דעם גרויסן ייד, דעם טיף־רעליגיעזן גיוויסנס־מענטש, נתן בירנבוים ז״ל.

באַלד ווי ער איז גיקומין אין דער פרומער מחנה האט ער דערזעען אונדזער גרעסטע שוואַכקייט, מיר זענין נישט פעאיק אויף גרויסע מעשים און דעריבער איז זיין ערשטער אויסגישריי גיווען „עת לעשות“.

נישט דאָ איז דאָס ארט אויפצושטעלן אַ פּראָגראַם פון אונדזער אַרבּיט. ס־פעלט אונדז אגב נישט קיין אַ־בּיט־פּראָגראַם, יעדער טאָג שטעלט אונדז פאַר נייע דרינגענדע אויפגאַבן, צו וועלכע מיר קענין זיך אבער נישט צורירן אפילו. זאָלן מיר נישט אזוי פיל חקרינין זיך, עוסק זיין אין קריטיק. איינער אויפן צווייטן זוכן חטאים, ווייניקער רעד, און מער טון איז דאָס גיבאָט פון דער שעה:

גינוג גירעט — עת לעשות!

א״ג פרידנזאָן.

רחל בת טובים

מיר קומין זיך צונויף

שוין לאַנג וואַרטן מיר אויפן דאזיקן מאָמענט און איצט איז ער גיקומין.

שוין יאָרן־לאַנג, ווי מיר האָבן זיך נישט צונויפגירעט. מיר חברות און פירערנס פון „בנות אגודת ישראל“

יאָרן־לאַנג... אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, אין בראשית פון אונדזער באַוועגונג, איידער ס־איז נאָך גיזאָגט גיוואָרן: זאָלן זיך די צוואָרפינע גלידער צונויף וואַקסן צו איין קערפּער — דעמלט זענין מיר זיך צונויפגיקומין, פאַרוואָגלטע שוועסטערן פון שטעט און שטעטלעך, פון פאַרוואָרפינע מקומות; מיר האָבן זיך נאָך גישראָקן. מיר האָבן נאָך גישטאַמלט, ווי אַ נישט דערוואַקסן קינד, מיר האָבן נאָך גיהאַט מילך אויף די ליפּן — און ווען מיר זענין זיך צונויפגיקומין איז פון אונדזערע אַלע פאַרשעמטע, ציטערדיקע, נישט־גיוואַגטע שטאַמלינישן גיוואָרן איין גרויס גישריי — אַ גישריי נאָך דער רעליגיעזער ווידער־אויפלעבונג פון דער יידישער טאכטער, וועלכע מע האט גימאַכט פאַר אַ היטערן פון די ווייַן־גערטנער, נאָר איר אייגינים ווייַן־גאָרטן האט זי נישט גיהיטן...

און דעמלט איז פּראָקלאַמירט גיוואָרן פאַר גאָר דער וועלט, אַז די יידישע פרוי, וואָס האט דורך דורות גיהיטן די יסודות פונים יידישן פאלקס־קיום — איז ווייטער גיבליבן גיטריי איר פאלק און איר ג־־ט.

ס־איז קלאָר גיוואָרן, אַז די יידישע פרוי מיט אַ הא הידיעה, די אמת־יידישע פרוי, וועלכע לעבט און ליידט פאַרן יידישן פאלק און זיינע הייליקייטן, די יידישע פרוי, וועלכע האט אַזאַ גרויסע ראָל גישפּילט אין דער יידישער גישיכטע, גיהער נישט בלויז צום עבר, ווי ס־האָבן אונדז גיוואָלט איינרעדן די משכיליזירטע און ככל־הגוימדיקע פאלקס־פאַרזאָרגער — נאָר זי לעבט און וויל לעבן און ווייטער שפּינין דעם גאָלדינים פאָדים פון הייליקער יידישער מסורה.

און דעמלט האָבן זיי, די פרעמדע און פאַרפרעמדטע, גיעפנט די אויגן.

פאַר זיי איז עס גיווען אַ סענסאַציע, אַ־שטיק „עקזאָטיק“. עפּיס אַ נייער טיפּ יידישע פרויען־יוגנט איז דערשינין פאַר זייערע אויגן; אַן־אינטעליגענט - באַוואוסטזיניקע יידישע טאכטער, וואָס איז דערביי גיטריי צו ג—ט און זיין תורה.

ביי זיי איז עס גיוועז סענסאַציע־שוים, וואָס צושווימט זיך – אבער ביי אונדז איז עס גיוועז האַרטע, שווערע ווירקלעכקייט און אַנ־אָנזאָג פון אַ נאָך פיל האַרטערן און שווערערן קאַמף.

מיר זענין זיך צופאָרן אין אונדזערע שטעט שטעטלעך. יעדע פון אונדז איז צוריק מגולגל גיוואָרן אין איר ווינקל, גיוואָרן פאַרוואָרפן איינזאַם און אַליין צו שטיין אויף דער פּאָזיציע.

ווייל דאָס איז גיווען דער בראשית און מיר זענין נאָך גיווען יונג, אומבאַהאָלפן, אָן אַ וועג־ווייזער און אָן הילף־מיטלען האָבן מיר גידאַרפט ווייזן און פירן אונדזער פרויען־יוגנט אויפן באַנייטן אַלטן יידישן וועג.

און אין די יאָרן וואָס זענין אַוועק זינט דאַמאָלט האָבן מיר גיקעמפט, יעדע אַליין אין איר ווינקל, יעדע פאַרוואָרפן אויף אַנ־איינזאַמע פּאָזיציע — גיקעמפט, אַמאָל שווער און ביטער — גיקעמפט מיט כלערליי שטערונגין, מיט כלערליי נשמה־כאַפּערס, מיט שיין־גיטאַקטע טעאָריעס, וואָס האָבן גילאַקט מיט כלומרשטע „וועלט־באַגליקנדיקע“ אידעאַלן און מיט ערדישע קאָנקרעטע „גליקן“ און אונדזערע קרבנות און מסירת־נפש איז נישט גיוועזן אַרויסגיוואָרפן, מיר האָבן זיך ברוך־השם צואוואַקסן און זענין גיוואָרן אַנ־אָנזעהעודיקער כח אין דער יידישער גאַס. פון פאַראייַנזאַמטע, שעמיוודיקע, צושראָקינע, צושטאַמלטע איינצל־גלידער זענין מיר גיוואָרן איין גוף.

פון יחידות זענין מיר גיוואָרן אַנ־ארגאַניזאַציע. אבער צוזאַמין מיט אונדזער אויסוואַקסן — זענין אויך גיוואַקסן אונדזערע פּראָבלעמין, האָבן זיך אויך צוצווייגט די אָן אַ שיעור ווייטאָגלעכע פאַרוויקלטע פראַגן. מיר האָבן אויפגיהערט צו זיין אַ טעמע פאַר סענסאַציעס, ווייל מיר זענין גיוואָרן לעבנס־ווירקלעכקייט, און לעבנס־ווירקלעכקייט — האט אויך לעבנס־פּראָבלעמין.

ס־זענין דאָ אידעאישע פראַגן צו באַהאַנדלין און ס־זענין דאָ סאָציאַלע און עקאָנאָמישע לעבנס־אינטערעסן צו פאַרזאָרגן.

די גייסטיקע נויט פון די יידישע פרויען־יוגנט, זייער פּוסטקייט און אידעאישע אויס־גיהוילטקייט האט זיי גימאַכט מוכשר גיפאַנגין צו ווערן אין די אויסגישפּרייטע נעצן — און די מאַטעריעלע נויט אויף דער יידישער גאס, דער שווערער קאַמף פאַרן קיום, די נויטיקייט פון פּראָדוקטיוויזאַציע האט גימאַכט שטרויכלין די טריט פון יונגין יידישן פרויען־דור.

און אט דאָ מוזן מיר לאזן הערן אונדזער וואָרט. מיר זענין שוין אויסגיוואַקסן פון די „קינדער־שיכלעך“, מיר מוזן געבן אַ פּתרון די אַלע ברענינדיקע לעבנס־נויטן.

און לכן האט זיך שוין לאַנג, לאַנג גיפילט דער הכרח מיר זאָלן זיך צונויפקומין און אויסשמועסן.

יעדע פון אונדז אין איר ווינקל, אויף איר פּאָזיציע האט גיטון וויפל זי האט גיקענט, מיט קרבנות, מיט מסירת־נפש — אבער מיר האָבן אַלץ גיטון אויף אייגינער האַנט, אָן דערפאַרונג, אָן געגנזייטיקן קאָנטאַקט און אָן צולערנין יעדע פון די צווייטנס הצלחות און דורכפאַלן.

יעדע פאַר זיך איז גיווען אַ מין „ראָבינזאָן קרוזע“ אויף אַנ־איינזאַם אינזל מיט פּרימיטיווע אור־אייגינע המצאות און אויפטוען. בלויז אונזער צענטראַלע האט אונז צוזאַמינגינומין, גידינט מיט אָנווייזונגין.

איצט, נאָך אַזויפיל יאָרן פון אַרבּייט, ווי ס־איז אַוועק אונזער „קינדהייטס“־תקופה, די תקופה פון „בראשית“ און ס־איז גיקומין אַ תקופה פון אונזער ארגאַניזאַציאָנעלער רייפקייט, ווען ס־איז אויסגיוואַקסן אונזער כוח בכמות און באיכות און ס־איז אויסגיוואַקסן גלייכצייטיק אונזער פּראָבלעמאַטיק, איז אַזאַ צונויפטרעף פון אונזערע שוועסטערן, פון אונזערע חברות און פירערנס גיוואָרן אַ ברענענדיקע צורך־השעה, כדי זיך אַדורכצושמועסן, צו טיילן מיט איינדרוקן, מיט דערפאַרונג, זיך צו טוישן קעגנזייטיק מיט אויפטוען און נסיונות.

אַ סך אידעאישע און פּראַקטישע ענינים וואַרטן אויף זייער באַהאַנדלונג און אַ סך פּראָבלעמין וואַרטן אויף זייער לעזונג. לאַנג, לאַנג וואַרטן מיר אבער אויפן דאזיקן מאָמענט — און איצט איז ער גיקומין.

זאָל די דאזיקע כנסי׳ לשם שמים מצליח זיין און ג—טס ברכה זאָל רוהען אויף אירע מעשים פאַרן וואויל פון תורה־גיטרייען יידישן פאלק.

„ויהי נועם ה׳ עלינו“.

א. ז. פרידמאן

פון דער אגודיסטישער גידאנקען-וועלט

(איבער טאָג-ענינים)

א. אחדות און שלום

אחדות ביי יידן איז איינס פון די גרעסטע זאַכן. אַ טעות איז אבער צו מיינין אַז ס-קען זיין אַ שלמותדיקע אַחדות אָן דעם הויפּט יסוד פון תּורה און אמונה בלויז נאַציע אדער ראַסע קענין ביי יידן נישט זיין דאָס ליים וואָס זאָל אויף אַן-אמת צוזאַמינקלעבן פאַרשידינע פאָלקס טיילן. אזאַ אַחדות איז א גיקינצלטע און ממילא אַ נישט דויערהאַפטיקע. דער קיבוץ פון יעקבס קינדער—בני יעקב—האט נאר אַ ווערט, ווען דער יסוד פון אט דעם קיבוץ איז דאָס צוהערן זיך צו די אידעאַלן פונים אַלטן און אייביקן ישראל.

„הקבצו ושמעו בני יעקב, ושמעו אל ישראל אביכם".

•

דאָס אָפּזונדערן זיך ארגאַניזאַטאריש און גיזעלשאַפטלעך פון גייסטיק פאַר-דארבינע, אומגלויביקע אדער אַפּיקורסישע יידן איז בשום אופן נישט קיין סתירה צו יידישער אַחדות און ברודערלעכקייטס-באַגריף, פונקט ווי דאָס אי-זאלירן די גיזונטע ברידער אדער שוועסטער פון זייערס אַנ-אָנשטעקנד-קראַנקן ברודער איז נישט קיין סתירה צו זייער ברודערלעכקייט און נאָנטקייט. אַדרבא, גיטרייע טאַטע-מאַמע היטן גאָר שטאַרק אָפּ די דאזיקע איזאָלאַציע וואָס פריער און וואָס בעסער בידיים אַדורכצופירן.

ס-איז דאך אַנ-אַלטער כלל אַז ביי גייסטיק-קראַנקע—חולי הנפש—דאַרף מין זיך נוהג זיין פונקט אַזוי ווי ביי פיזיש קראַנקע — חולי הגוף.

•

שלום—הייסט בשום אופן נישט מוותּר צו זיין אויפן אמת און מכניע זיין זיך צום שקר. אַ שלום וואָס קומט פון בייגן זיך און פון אָפּזאָגן זיך פונים אייגינים אמת, איז אַ פאַלטשער און אָפּגיהאַקטער שלום, און נאר האַלטנדיק זיך פעסט און מוטיק ביים אמת קען דערנאָך קומין דער שלום וואָס איז אַ ברכה.

„ד' עוז לעמו יתן, ד' יברך את עמו בשלום".

•

פאַראייניקן זיך קענין נאר גלייכע שותּפים, אַ שטאַרקער מיט אַ שטאַרקן פאַר-אייניקן זיך, ביי אַ שוואַכן מיט אַ שטאַרקן, הייסט עס נישט פאַראייניקונג, נאר אונטערגעבונג פונים שוואַכן און אַרונטערפאַלן אונטער דער השפעה און ממשלה פונים שטאַרקן.

וויל מין זיך קענין פאַראייניקן מיטן געגנער, מוז מין קודם אַליין גינוג שטאַרק זיין, ווען נישט ווערט די דאזיקע פאַראייניקונג פאַרוואַנדלט אין קאַפּיטולאַציע.

ב. יוגנט און דערציאונג

די יונגע יאָרן זענין די ערשטע פּירות פונים מענטשלעכן לעבנס-פעלד, און זיי דאַרפין פונקט ווי די בכּורים אינגאַנצן גיבּרענגט צו ווערן אינים געט-לעכן בית-המקדש, פאַרן הייליקן מזבח אַלס קרבן. דערמיט פאַרהייליקט מין דאָס גאַנצע לעבן. די זאָרג פאַרן מאַטעריעלן תּכלית. דאַרף קומין ערשט נאָכדעם ווי די ערשטע יוגנט-יאָרן זענין גיוואָרן גיווידמיט פאר תּורה און יידישקייט. די מאַמיס וואָס רייסן אַוועק זייערע יינגע קינדער פון לערנין כדי זיי שוין צו פאַרהאַרטעווין צום לעבנס-קאַמף, באַגייען פונקט אַזוי אַכזריות ווי ס-באַגייט דער שטרויס-פויגל וואָס וויל צוגרייטן צום שווער, מדבר-לעבן דעם קליינים שטויסל און גיט אים צו עסן גלאָז אנשטאט מילך. דאָס יונגע פיי-נעלע קאן דאָס גלאָז אבער נאך נישט פאַרדייען און פאַרבלייבט אַ קאַליקע אויפן גאַנצן לעבן.

„בת עמי לאכזר כיענים במדבר".

•

די יוגנט-יאָרן זענין די פאַרבּרייטונגס יאָרן אויפן גאַנצן מענטשלעכן לעבן און ווירקן אויפן גאַנצן לעבן אַרויס, די מעשים פון דער יוגנט ווירקן ממילא אויף זייער אַ ווייטע שטרעקע פונקט ווי די פיילן וואָס ווערן אַרויסגישאָסן. עס פאָדערט זיך דעריבער פון דער יוגנט גיוואַלטיקע פאַרזיכטיקייט אין איר טעטיקייט, פונקט ווי ס-דאַרף זיין פאַרזיכטיק דער העלדישער שיסער איידער ער לאָזט אַרויס די פייל פון זיין בויגן.

„כחצים ביד גבור כן בני הנעורים".

•

דאָס צופיל שלאָפן אין די מארגן-שעהן מאַכט פאַר אויס מענטש—זאָגן אונד-זערע חכמים. מכל-שכּן אַז מע-קען בכלל קיין מענטש נישט ווערן, אויב מע-פאַרשלאָפט דעם מארגן פונים לעבן—די יונגע יאָרן.

•

כּדי מצליח צו זיין ביי קינדער-דערציאונג פאָדערט זיך וואַכזאַמקייט, ווייט-זעעוודיקייט און אַקטיוויטעט. די עלטערן וואָס קוקן זיך נישט אום, ווייען זיך זייער גיוואוינהייטס-וועג, טוען גאָרנישט און פאַרלאָזן זיך אויפן נאַטירלעכן לעבנס-גאַנג אדער אפילו אויף נסים—די, מוזן עס שפּעטער באַדויערן, רייסן פון זיך ס-פליש, האָבן גיוויסנס-ביסן אבער זיי קענין זיך שוין דעמלט גאָר-נישט העלפן.

„הכסיל חובק את ידיו ואוכל את בשרו".

•

עלטערן דאַרפן זיין אַ מוסטער פאַר זייערע קינדער. זיי מוזן אַליין פריער מקיים זיין דאָס וואָס זיי פאַרלאַנגן פון די קינדער, זיי מוזן אַליין דערהערן דאָס וואָס זיי זאָגן אָן זייערע קינדער. אויב זיי זענין נישט אַזעלכע, קענין זיי גאָרנישט דערוואַרטן, אַז זייערע ווערטער זאלן האָבן אַ ווירקונג און זאלן פון די קינדער דערהערט ווערן.

און אַזוי זאָגן אונדזערע חכמים, אַז אויב פאָטער און מוטער זענין טויב—זיי דערהערן נישט דאָס וואָס זיי זאָגן און פאַרלאַנגין פון זייער קינד—ווערט דער זון נישט באַשטראָפט אַלס בן סורר-ומורה ווען ער פאלגט זיי נישט. ווייל דאָס איז נישט די שולד פון קינד נאָר פון די עלטערן אַליין.

•

פּעדאַגאגיק איז אַ חכמה, אָבער נאר אַ מענטשלעכע חכמה, גיבויעט בעיקר אויף מענטשלעכע לאגיק און מענטשלעכן באַגרעניצטן שכל. ווען מע גייט דעריבער די דאזיקע חכמה באַנוצן צו תּורהדיקער דערציאונג מוז מין גי-דענקין, אַז תּורה איז געטלעכע חכמה, אַז תּורה איז אומבאַגרעניצט, אַז תּורה איז פיל טיפער פונים מענטשלעכן שכל און העכער פון מענטשלעכער לאגיק, און אז תּורה איז אַזוי פאַרדעקט און אַזוי פאַרבאַהאַלטן פון דער מענטשלעכער השגה, אַז אויב מיר פאַרשטייען עפּיס פון איר איז עס אַ גרויסער זכיה. גי-דענקט מין אט דאָס אַלץ, פאַרשטייט מין ערשט אויף ווי ווייט מע קען און מע מעג אָנווענדן די פּעדאַגאגיק צו תּורה און יידישקייט.

„אָמון-פדגוג, אָמון-רבתי, אָמון-מכוסה, אָמון מוצנע".

•

ביי דערציאונג פון קינדער, דאַרף מין בעיקר אַכט לייגן אויפן תּוכן, אויפן מהות און נישט אויף אויסערליכע שיינקייט, אויפן הצוניותדיקן גלאַנץ און עפעקט. פון אַ חינוך וואָס איז גיבויט אויף בלויז אויסערלעכער שיינקייט אָן אינערלעכקייט קענין קיין גוטע קינדער נישט דערצויגן ווערן.

„כל הלוקח יפת-תואר סופו להוליד בן סורר-ומורה"

•

צו זאָרגן פאַר דער פיזישער אַנטוויקלונג און גיזונט פון קינד, איז אַ חוב אויף יידישע עלטערן. ווייל מין אבער מאַכן דעם ספּאָרט אַלס הויפּט יסוד אין דער דערציאונג איז עס העלעניסטישער עבודה-זרה, וואָס איז ווייט פון יידיש-קייט כרחוק מזרח ממערב.

דער פוטבאָל-מעטש היינט איז פונקט ווי די גלאַדיאַטאָרן קאַמפּן אַמאָל, דער אויסדרוק פון גויאישקייט, פון דער יידישער יוגנט, אַ שטייגער ווי זי וואָלט גיגעבן איר די הסכּמה אויף דער פאָדערונג פון די יוונים און זייערע נאָכ-פאָלגער: „כתבו לכם על קרן השור שאין לכם חלק באלוקי ישראל".

•

דער וועג פון דער אמתער יידישע יוגנט איז צו אָנערקענין דאָס שלמותדיקייט און גרויסקייט פון די עלטערן, פון די פריערדיקע דורות און צו שטרעבן צו דערגרייכן צו זייערע מעשים. דאָס איז שוין אַ פולע סתירה צו פרעמדע אדער פאַרפרעמטע יוגנט-באַוועגונגין, וואָס קומין בעיקר צושטערן און צולייגן דאָס וואָס עלטערן און פריערדיקע דורות האָבן גישאַפן. ביי זיי הייסט דאָס „פּראָגרעס" און „פאַרשריט", ביי אונדז הייסט דאָס חורבן און פאַראַט. דער מעסטער פאַרשריט פון אונדזער יוגנט דאַרף זיין, דאָס פאַרפעסטיקן דעם קאָנטאַקט און דעם אָנריר מיט די פריערדיקע דורות, מיט זייער הייליקייט, מיט זייער תּמימותדיקע אמונה און צדקותדיקע מעשים. ווי לערנין אונדז די חז"ל: „לעולם חייב אדם לומר מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי"

•

אַ יונגער אידעאַליסט שטעלט זיך נישט אָפּ ביי דער אַרבּיט פאַר זיין אידעאַל אַפילו אויסצופירן די קלענצטע טעכנישע פונקציעס, אויב זיי קענין צוהעלפן צו דער פאַרשטאַרקונג, פאַרשפּרייטונג און אַנטוויקלונג פון דער אידעע. ער פאַרשטייט אַז ביי יעדער הייליקער עבודה מוז אויך זיין אַ האַלץ-טרעגער און דאָס טוט דווקא דער יונגער יצחק בעת זיין אַלטער פאָטער אברהם גייט מקריב זיין אַ קרבן. ער ווייסט אַז די יונגע לויים ביים משכּן האָבן גישלעפּט גיטראָגן, צולייגט און גיהיטן און דאך איז זייער אַרבּיט גיווען אַ הייליקע אַרבּיט. זיי זענין פאַר איר נישט קלענער גיוואָרן נאר דערהויבן און דערהייכט.

„הארון נושא את נושאיו"

ג. ארץ ישראל און גאולה

דאָס יידישע לאַנד, ארץ-ישראל, איז באַשטימט גיוואָרן פאַרן יידישן פאלק נאר בתנאי אַז דאָס דאזיקע פאלק זאל אין דאזיקן לאַנד פירן אַ תּורהדיק לעבן, אַ לעבן וואָס א'ז פאַרהייליקט מיט די קדושה פון די געטלעכע גיבאָטן און גיזעצן, אַ לעבן וואָס איז אַ כּסדרדיקע פאַרשטאַרקונג פונים אייביקן בונד צווישן יידן און ג—ט. אַ גיפערלעכער טעות איז עס, ווען מע מיינט אַז ס-קען זיך דערהאַלטן דאָס יידישע לאַנד ביי יידן אָן תּורה און יידישקייט, און אַז אַזאַ וואַכידיקער בנין קען האָבן אַ קיום. עס רעט אַקייגן דעם די תּורה, די נבואה און די גאַנצע יידישע גישיכטע. מ-איז דעריבער נישט יוצא צו טוען פאַר ארץ ישראל, אויב מע טוט נישט פאַר אַ תּורהדיק און פאַרהייליקט ארץ ישראל.

„מי שלא אמר ברית ותורה בברכת הארץ לא יצא ידי חובתו."

•

משה רבינו האט פאַר יידן די תּורה גיבּרענגט ווערט סימבּאַליזירט מיט דער זון — פני משה כּפני חמה — און יהושע וואָס האט די יידן אַריינגיפירט קיין ארץ ישראל ווערט סימבאַליזירט מיט דער לבנה — פני יהושע כּפני לבנה — פונקט ווי די לבנה האט נישט אין זיך קיין אייגן ליכט און גיט נאר דעמלט פון זיך אַרויס ליכטיקייט ווען זי ווערט באַשטראַלט מיט די ליכט שטראַלן פון דער זון. אַזוי קען נאר ארץ-ישראל האָבן אַ באַדייטונג ווען זי ווערט באַלויכטן און באַשטראַלט מיט די ליכט-שטראַלן פון דער תּורה. יעדער צווישנשייד צווישן תּורה און ארץ-ישראל מאַכט דאָס לאַנד פינצטער און קאַלט, פונקט ווי אַ צווישנשייד צווישן דער זון און דער לבנה ברענגט צו אַ לקוי-לבנה און מאַכט איר פאַר אַ פינצטערן גאָרנישט-זאָגנדיקער קויל.

•

ריכטיקע אַרבּיט פאַר אַ הייליק ארץ-ישראל קען זיין אַ זכות וואָס זאל דער-נענטערן די אונדז צוגיזאָגטע גאולה. באַטראַכט מין אבער די מענטשלעכע אַרבּיט אַלס גאולה, איז נישט בלויז מע פּראַפאַנירט און מע פאַרשוואַכט די גאולה-האפינונג, נאר מע דערווייטערט איר מיט טויזנטער מיילן. די אמתע משיחישע גאולה וועט נאר קומין ווען די מענטשן וועלן אויפהערן צו מיינין אַז דורך זייער אַרבּיט און פּאָליטישע חכמה ברענגין זיי די גאולה.

„אין משיח בא אלא בהיסח-הדעת"...

•

די סימנים פונים ריכטיקן גואל זענין — לויט ווי יעקב אבינו האט זיי אָנגי-געבן: דער וואָס קומט אין נאָמין פון דער אמונה אינים איינציקן ג—ט, — הבא בסגנון שלו: אנכי; דער וואָס שטעלט אין שפּיץ פון פאלק אַלס פירער און וואָרט-זאָגער, די תּורה-אויטאָריטעטן און די צדיקים פונים דור — הממנה זקנים בראש; און דער וואָס פאַרבינט זיין אַרבּיט מיטן גידענקין פונים יידישן עבר אַזוי, אַז די געגנוואַרט און די צוקונפט זאלן זיך ציען ווי אַ גאַלדינע קייט פון דער פאַרגאַנגינהייט — והאומר פקד יפקד.

די וואָס רעדן וועגן דערלייזונג פונים יידישן פאלק און מע זעט נישט ביי זיי די דאזיקע סימנים זענין נאר אָפּנאַרער און פאַלשע משיחים.

•

דווקא ביי הייליקע זאַכן מוז מין זיין שטאַרק פאַרזיכטיק זיי אָפּצוהיטן פון אומריינקייטן. דאָס הייליקער אַ זאַך איז, קען עס ווערן טמא ביים מינצסן אין אַ נישט ריינע זאַך און דערפון איז גידרונגין, אַז דווקא ווייל ארץ-ישראל איז אַזוי הייליק און ליב, מוז מין ביי דער אַרבּיט פאַר ארץ-ישראל, זיין פיל מער פאַרזיכטיקער און אָפּגיהיטינער פון יעדן אָנריר אין שלעכטס און אין אומריינקייט סיי פון דיעות און סיי פון מעשים.

נעבן סדר קדשים, גייט דער סדר טהרות...

•

דאָס שטעלן צו אָפּשטימונג, צי מע דאַרף היטן דעם דת אינים צבורדיקן לעבן אין ארץ-ישראל און דאָס אָפּהענגיק מאַכן דעם ענין אין אַ שטימין-מערהייט איז פונקט אַזוי ווי מע וועט שטעלן צו אָפּשטימונג, צי דאָס יידישע פאלק דאַרף עקזיסטירן. דאס אָנטייל נעמין אין אַזעלכע אָפּשטימונגין איז פונקט אַזוי כּפירה אין די יסודות-הדת ווי דאָס שטימין אַקייגן זיי.

„לא תהיה אחרי רבים לרעות".

•

אַז די קליינע קינדער זענין פאַרפרעמדט גיוואָרן פון ציון, דעמלט איז אַוועק איר הייליקער גלאַנץ און פראַכט. עס קען ממילא נישט גימאָלט זיין קיין גאולה פון ציון, כּל זמן אירע קליינע קינדער זענין פון איר פאַרפרעמדט דורך אַ פרעמדע נישט יידישע דערציאונג. איר שכינה איז אין גלות, כּל זמן אירע קינדער זענין גיפאַנגין פון פרעמדע דיעות און השקפות. נאר אַנ-אמת יידישע דערציאונג פון ציונס קינדער קען מאַכן אַ סוף צום גלות-השכינה.

„כיון שגלו תינוקות של בית רבן—גלתה שכינה עמהם".

ד. שפּראַך

ביי יידן איז די שפּראַך נאר אַ לבוש צום תּוכן און נישט קיין עיקר. אַנ-אומריינער תּוכן, ווערט בשום אופן נישט הייליק דורך דעם וואָס ס-איז פאַרקליידיט אין לשון הקודש. און אַ הייליקער תּוכן בלייבט הייליק אין וואָס פאַרע שפּראַך ס-איז. קריאת-שמע קען גיזאָגט ווערן אין אַלע לשונות און ס-בלייבט קריאת-שמע, און אַ מסית ומדיח, אַפילו ווען ער רעט לשון-קודש באַקומט זיין שטראָף אַלס מסית ומדיח. די מענטשן פון דור-הפלגה האָבן גירעט לשון-הקודש, ווען זיי האָבן אבער גיוואָלט מלחמה האַלטן מיטן רבונו-של-עולם זענין זיי צושפּרייט גיוואָרן און זייער שפּראַך איז צומישט גיוואָרן.

„מסית אומר בלשון הדיוט מדיח אומר בלשון הקודש."

•

פונקט ווי אַ מענטש מוז זיך קליידן אין גיהעריקע מלבּושים וואָס שיצן אים פון פאַרשידינע סכּנות, אַזוי מוז אַ פאלק היטן זיין אייגנאַרטיקייט דורך זיין שפּראַך. דאָס אָפּהיטן די אייגינע פאָלקס-שפּראַך איז אַ גרויס שוץ-מיטל אַקייגן אַסימילאַציע און קען ווערן אַ גורם צו גאולה.

„בשביל שלא שנו את לשונם נגאלו אבותינו ממצרים."

•

לשון-הקודש איז ביי אונדז הייליק. יידיש איז אונדז ליב, אבער ביידע דאַרפן ווערן גישטעלט אין דינסט פון יידישקייט און פון אמונה. מאַכן פון זיי אָפּגעטער, צו וועלכע מע דאַרף דינין איז פונקט אַזוי ווי יעדע עבודה-זרה.

•

אויב העברעאיש איז גיוואָרן דער אָפּגאָט פונים פרומין אַפּיקורסישן נאַציא-נאַליזם און יידיש — פונים גאָטלאָזן סאָציאַליזם, דאַרפן זיי דאך ביי אונדז נישט פאַרלירן זייער חשיבות, פונקט ווי ס'דאַרף נישט ווערן מיאוס די זון ווייל אויך געצנדינער בוקן זיך צו איר.

„אם כן יאבד העולם מפני השוטים".

•

צו לערנין זיך לשון-הקודש איז טאַקי אַ מצווה. אבער דערפאַר איז דאָס שרייבן אדער רעדן אויף לשון הקודש, נבול-פה, ליצנות און ספירה, אַ גאָר האַרבע עבירה. פיל האַרבער ווי ווען דאָס ווערט גיטוען אין אַנדערע שפּראַכן.

ה. קאָנסעקווענטקייט און פעסטקייט

יידישקייט הייסט צו זיין קאָנסעקווענט און אויסגיהאַלטן און נישט קענין מסכּים זיין צו צוויי אַקייגנגיזעצטע שיטות. דאָס „שפּרינגין אויף צוויי שוועלן"

קען דורכן נביא אליהו נישט געדולדעט ווערן. בעסער צו גיין אפן און קלאָר נאָכן בעל, איידער צו פאַרדעקן די שטילע הסכמה צום בעל מיטן דער־מאנין אמאָל אויך ג–טס נאָמין, ווייל אין דעם פאַל איז עס אַ סכנה, אַז אַנדערע זאלן אויך פאַרפירט ווערן.

„עד מתי אתם פוסחים על שני הסעפים. אם ד' אלקים לכו אחריו ואם הבעל – לכו אחריו".

•

אַז ירבעם בן נבט האט אויפגישטעלט גאלדינע קעלבער אין בית-אל און אויסגישאכטן די יידן, וועלכע זענין אַרויף גיגאַנגין צום געטלעכן בית-מקדש אין ירושלים – איז דער יידישער גלות נאָך נישט גיקומין, ווייל אַקייגן אַנ-אפינים שונא ווייסט מ'ען צו קעמפן. ווען אבער הושע בן אלה האט אַראָפּ-גינומין די וואָכן פון די וועגן און האט זיך דערקלערט טאלעראַנט צו דולדן סיי ירושלים און סיי בית-אל, דאַן האט זיך אָנגיהויבן דער גלות פון די יידישע שבטים.

אומפּאַרטייאישקייט און טאלעראַנץ אין באַצוג צום שלעכטס איז פיל ערגער ווי אַנ אפינער אָנהענגער פונים שלעכטן. דער לעצטער רופט אַרויס רעאַקציע פון קאַמפּ-לוסט. דער ערשטער אבער שוואַכט אָפּ דעם ווידערשטאַנד און פאַר-דעקט מיט זיין טאלעראַנץ די גרויזאַמקייט פון דער סכנה.

•

די תורה האט פאַרבאָטן צו מאַכן אַנ-אָפּגאָט, אַ פסל ומסכה. אבער אַ באַזונדע-רע קללה איז גיזאָגט גיוואָרן אויף דעם, וואָס פאַרבאַהאַלט דעם פסל ומסכה, וועלכן ער מאַכט, כדי מ-זאל נישט דערקענין וואָס עס איז. דאָס וועלן פאַר-באַרגן די עבודה-זרה אין אַ באַהעלטיניש פון פאַרשידינע גידאַנקן, ווערטער און אידעען, כדי מענטשן זאלן זיך נישט אַזוי שנעל קענין אָריענטירן, אַז אונטערן דעק-מאַנטל פון די שיינע און פיינע ווערטער ליגט אַ געטש – אט דאָס איז אַזאַ מיאוסע און שעדלעכע מלאכה, וואָס פאַרדינט אַנ-אָרור.

„...אָרור אשר יעשה פסל ומסכה ושם בסתר".

•

צו שווימין מיטן שטראָם פאָדערט זיך נישט קיין שטאַרקייט און גבורה, דאָס קען אַ שטרוי אויך. אבער צו שווימין אַקייגן שטראָם—צו דעם פאָדערט זיך מוט און גבורה, אבער אויך ערלעכקייט.

אויב אַנ-עוף איז גיפאַלן און קען נישט שווימין אַקייגן שטראָם איז אַ סימן, אַז ס-איז טריפה, אַז ס-האט שוין נישט קיין חיות אין זיך. דער דאזיקער סימן קען אויך אָנגיווענדיט ווערן צו אַ מענטש, וואָס ווערט מיטגישלעפּט מיטן צייט-שטראָם און האט נישט אין זיך קיין מוט צו גיין אַקייגן אים...

•

„דארט, ווי ס-איז נישטאָ קיין מענטש, באַמי זיך צו זיין אַ מענטש". וואַג און טו, האב מוט און ווער נישט נתפעל פון קיינים. ווייל נאר די דתן ואַבירמס פרעגן: „מי שמך לאיש ?". ווען ס-האַנדלט זיך אינים קאַמף מיטן שלעכטס, זיי נישט ביי דיר קיין עניו. און זאָג נישט, אַז דו ביסט נישט ראוי דערצו!

דווקא שמואל הקטן, וואָס איז גיוועזן אַזוי קליין ביי זיך האט מתקן גיוועזן די קאַמפס-תפלה אַקייגן די מינים און רשעים. דערמאַן זיך אויך, אַז אַ קליין, שוואַך פייגעלע, אַ יתוש, קאן אַמאָל לעכערן דעם מוח פונים גרעסטן און שטאַרקסטן טיטוס ווען ער וואַגט צו פאַרשוועכן די יידישע הייליקייט.

•

אַ יידישער פירער, דאַרף פירן דאָס פאלק און נישט זיך לאָזן פירן פון די מאַסע און נאָכגישלעפּט ווערן נאָך אירע וואונטשן און פאַרלאַנגין. די מנהיגים וואָס קוקן זיך אום צו זעען, וואָס די מאַסע פאַרלאַנגט, כדי אויך דאָס זעלבע מיט צו שרייען און אַזוי אַרום צו ווערן פאפולער און באַליבט – זענין ענלעך צום הינטל וואָס לויפט טאַקע פאָרויס פאַרן בעל-הבית, אבער ער דרייט זיך אַלע מאָל אום, כדי צו זעען אין וועלכער ריכטונג דער בעל-הבית וויל גיין און דארט לויפט ער ווייטער פאָרויס. אַזעלכע פירער זענין איינס פון די שלעכטע סימנים אין די לעצטע און ערגסטע גלות-תקופות פאַר משיחן.

„פני הדור כפני הכלב"...

•

פרומקייט און ערלעכקייט בלויז איז נאָך נישט גינוג צו קאָנין זיין אַ מנהיג פון פאלק און עס שיצן פון פרעמדע און שלעכטע השפעות. מע מוז דערצו אויך זיין מוטיק און פעסט, מע מוז קענין אַלע גענג און כוונות פונים שונא און באַנוצן זיך מיט גיהעריקע סטראַטעגישע מיטלין, כדי אָפּצושלאָגן זיינע אָנגריפן.

משה רבינו, ווען ער באַשטימט פירער פאַרן פאלק לאָזט ער זיך נישט באַגניגן בלויז מיט „יראי אלקים" און „אנשי אמת", וואָס יתרו האט אים גיראָטן, נאר ער קלויבט אויס אַזעלכע יראי אלקים און אַנשי אמת וואָס זענין אויך אַנשי-חיל...

צו שיצן יידישקייט איז אַ שווערער קאַמף און–„בתחבולות תעשה לך מלחמה"...

•

אויב דיין געגנער איז שטאַרק און גרויס, ביסטו שולדיק דערין, ווייל דו ביסט נישט גינוג פעסט און גינוג טעטיק. ווערסטו אַליין באַזיצן גינוג מוט, פעסטקייט און וואַגונג, וועט דער שונא נישט זיין אַזוי שטאַרק.

•

דער עצל זאָגט: אַ לייב איז פאַראַן אויפן וועג, אַ לייב איז פאַראַן אין די גאַסן.

ער זאָגט נישט קיין ליגן, דער עצל. גיוויס זענין פאַראַן שטערונגין, שוועריקייטן און מניעות. אבער ווען מע ציט זיך צוריק צוליב שוועריקייטן און מע וויל זיך נישט באַקעמפן, מע וויל זיך נישט איבער זיי מתגבר זיין – אט דאָס הייסט עצלות.

דער יידישער וועג איז: פעסט אַריבערצושפרייזן איבער די שטיינער, וואָס ליגן אין וועג; אַוועק צו יאָגן די לייבן און משחיתים, זיבן מאָל גיפאַלן – צוריק אויפשטיין און מאַרשירן צום ציל.

„שבע יפול צדיק – וקם".

עוברי הכהן

דאָס קיפּיטל: תשובה

(אויפן ראַנד פון אַ גרעסערע שטודיע איבער נתן בירנבוים ז"ל)

פאַראַנען ביי יעדע אומה ולשון מענטשן, גרויסע פערזענלעכקייטן, וועלכע זענין אַליין די פאַרקערפּערונג פון אַ שטיק נאַציאָנאַלער גישיכטע. שוין די ביאגראַפיע פון די דאזיקע מענטשן זעלבסט שטעלט מיט זיך פאַר אין מיניאַטור אַ גאַנץ קיפּיטל פון דער גישיכטע פון זייער פאלק.

און עס זענין, מיינסטנס, דידאזיקע מענטשן, וועמינס לעבנס-וועג ס-איז אַנ-אָנ-קינדיגונג פון דעם לעבן פון אַ סך צוקונפטיקע דורות – אומפאַרשטענדלעך פאַר זייערע צייט-גינאָסן. רעטינישן זענין זיי פאַר זייער דור, אין וועלכן זיי לעבן.

אַזאַ פערזענלעכקייט איז אויך גיוועזן דר. נתן בירנבוים. אויך די ביאגראַפיע פון דר. נתן בירנבוים איז אַ גאַנץ אויסגיפערטיקט קיפּיטל פון אונדזער גישיכטע.

אַ גאַנץ קיפּיטל, אין וויין גאַנצן היקף פון סאַמע אָנהייב ביזן סוף – אט אַזאַ קיפּיטל פון אונדזער גישיכטע האט זיך אָנגיצייכנט אויף דעם לעבנס-בלאַט פון ד"ר נתן בירנבוים

נתן בירנבוים איז גיווען די פאַרקערפּערונג פון אונדזער געגנווערטיקן קי-פּיטל, פאַר וועלכן דער צוקונפטיקר היסטאָריקער וועט קיין פאַסיקערן נאָמ ן

נישט גיפינען ווי דעם נאָמין: ת ש ו ב ה.

יאָ. ת ש ו ב ה – אט ד אָ ס וועט זיין ד ע ר נ אָ מ י ן פ ו ן א ו נ ד ז ע ר ג ע ג נ וו ע ר ט י ק ן ק י פּ י ט ל א י ן ד ע ר ג י ש י כ ט ע.

דען וואָס הייסט אַזעלכיס תשובה ?

– תשובה אין דער יידישער אויפפאַסונג איז נישט דער טייטש–אַנ-אָפּקומיניש פאַר באַגאַנגינע זינד. תשובה אינים עכטן יידישן זין ווי אויך אינים בוכ-שטעבלעכן זין פון דעם ווארט איז טייטש: צ ו ר י ק ק ע ר – צוריקקער צום אייגינים שורש, צום אורשפּרינג, צו זיך זעלבסט...

און אט דעם דאזיקן וועג פון צוריקקער, דעם „דרך תשובה", וועלכער האט זיך אָנגיהויבן אינים סוף פונים פאַריקן יאָר-הונדערט מיט דעם צוריקקער צום יידישן פאלק דורך די באַוועגונגין פון חובבי-ציוניזם און יידישער נאַצ-יאָנאַלער אויפוואַכונג און וועלכער וועט סוף-כל-סוף זיך מוזן ענדיקן מיט דעם פולשטענדיקן צוריקקער צו דער נאַציאָנאַלער גישיכטלעכער באַשטימונג – אט דעם דאזיקן וועג פון צוריקקער האט בירנבוים אָנגיצייכנט פאַר אונדז מיט די טריט זיינע, מיט זיין אייגנאַרטיקן לעבנס-וועג.

• . •

גיבוירן אין דערצויגין אין ווין אין אָנהויב פון דער אַנדערער העלפט פונים פונים פאַרגאַנגינים יאָרהונדערט; אויסגיוואַקסין אין דער באַקאַנטער ווינער סביבה פון יענער צייט, וואָס האָט זיך מיט עפּיס באַזונדערס נישט אויס־ניצייכנט, אַ חוץ מיט אַנ־אויפגיבלאָזינער סאַלאָן־גאווה ביי די רייכע, אַנאַר־כיסטישן פאַרמענט ביי די אָרימע, און מאָדערניסטישן סנאָביזם ביי דער יוגנט; אויסגיוואַקסין אט אין יענים עכטן „יידישן" ווין, ווי יעדער שפור פון אַ יידישן אייגנאַרטיקן לעבן איז שוין לאַנג גיוועזן אָפּגיריבן און ווי דאָס גאַנצע יידישקייט האָט באַזירט אויף פוסטע הוילע עפעקטן – האט עס בירנבוימין באַלד אין זיין פריער יוגנט אָנגיהויבן ציען צוריק צו זיין יידישן שורש. נאָך אַלס אַקאַדעמיקער גרינדיט ער אין יאָר תרמ"ג דעם ערשטן יידישן נאַציאָנאַלן אַקאַדעמיקער פאַריין „קדימה". פאַרשפרייט נאָך אַ סך פריער פאַר הערצלין די גרונט־אידעען פון „פאליטישן ציוניזם". פראָפּאַגירט אינים ווארט און אינים שריפט די יידישע נאַציאָנאַלע אויפלעבונג צווישן די מערב-יידן. שפעטער ווען דר. הערצל הויבט אָן פון דאָסניי אויסבויען און אָרגאַ-ניזירן דעם פאליטישן ציוניזם, ווערט ד'ער יונגער, אבער שוין דערפאַרענער דר. נאַטאַן בירנבוים זיין רעכטע האַנט. ער איז איינער פון די הויפּט-איניציאַטאָרן פון ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, ווי ער האַלט איינע פון די פּראַג.־אַם־רעדעס. ער איז דאָס גאַנצע ערשטע יאָר אַליין דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער גאַנצער באַוועגונג.

עס איז בירנבוימס ערשטער עטאַפּ אויפן וועג צום זיין צוריקקער צום אורשפּרינגלעכן יידנטום.

בירנבוים שטעלט זיך אבער נישט אָפּ ביי דער ערשטער קרעטשמע. די אַרבייט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ברענגט בירנבוימין אין אַ נאָענטער באַרירונג מיטן מזרח אייראָפּעאישן יידנטום. פאַר בירנבוימין דעם פאַרפרעמטן ייד פון מערב-אייראָפּע איז, די פּלוצלינגע אַנטדעקונג פון אַ גיזונטן, לעבעדיקן יידישן פאלקס־צענטער אין מזרח־אייראָפּע אַ גיוואַלטיקע איבעראַשונג. עס זעט ביי אים אויס ווי אַ ווילד חידוש. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן זעט ער, אַז דאָס יידישע פאלק – זיין פאלק וועגן וועלכן ער, און זיינע חברים רעדן אין פּלאַפּלין אַזוי פיל; דאָס דאזיקע פאלק, וועלכיס זיי ווילן ערשט מכלומרשט באַשאַפן, אויפלעבן – דאָס דאזיקע פאלק לעבט דאָך! עס איז כלל נישט גישטאַרבן, עס לעבט מיט אַלע סימנים פון אַ לעבידיק פאלק. מע דאַרף עס גאָרנישט ערשט אויפלעבן מע דאַרף עס נאר שטאַרקן און קרעפטיקן. אין געגנזאַץ צו אַלע אַנדערע זיינע חברים פון מערב הויבט בירנבוים דעמלט אָן באַקומין אַ טיפן רעספּעקט און סימפּאַטיע פאַר זיינע ברודער פון מזרח־אייראָפּע. און ווי פאַראַדאָקסאַל עס זאל נישט קלינגין, איז עס פּאַרט אַ פאַקט: בירנבוים, דער גימיטלעכער גילאַסענער ראַציאָנאַליסט, דער ווינער עסטעט און „הויך עלעגאַנט", דער דאזיקער בירנבוים ווערט – ווי עס דריקט זיך שפעטער וועגן אים אויס דער באַקאַנטער היסטאָריקער ש. דובנאָוו – „דער ריטער פון מזרח יידנטום". פון אט דעם יידנטום וועמינס כאַראַקטער־אייגנשאַפטן זענין אין פולשטענדיקער סתירה צום מערב.

בירנבוים פירט אַדורך אַ רעוויזיע אין זיינע ביז־איצטיקע איבערציגונגין און גיפינט איין, אַז דער ציוניזם באַרירט אייגנטלעך נישט מער ווי איין פּאָזיטיוון פּונקט אין יידנטום: ארץ־ישראל מיט דער אויפגילעבטער העברעאישער שפּראַך. דער ציוניזם איז אבער צו ענג־האַרציק און האט נישט די גיהעריקע פאַרשטענדיניש פאַר די יידישע פאלקס-מאַסן. פאַר זיי, פאַר די-דאזיקע יידישע פאלקס-מאַסן פערמאָגט דער ציוניזם נאר אַ גיפיל פון גרינגשעצונג און פאַר־אַכטונג. פון זייער שפּראַך שפּאַט ער אָפּ. זייערע פאלקס-טראַדיציעס טרעט ער מיט די פיס.

און בירנבוים קען נישט ווייטער בלייבן אין דער דאזיקער ענגער סביבה, צו טאַרק איז זיך אין צווישן צוואַוואַקסן בירנבוימס יידישקייטס-באַגריף, אַז עס זאל אים דעם דאזיקן באַגריף, נאָך קענין אַרומנעמין דאָס ענגע רעמיל פון ציוניזם. נישט פאַרלאַזנדיק זיין הייסע חבת ציון – פאַרלאָזט אבער דאָך בירנבוים די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, ער דערנענטערט זיך צו דער יידישיסטישער באַוועגונג. בירנבוימס שיטה איז גיוואָרן: העברעאיש – פאַר ארץ ישראל; יידיש – פאַרן גלות.

אבער אויך דאָ שטעלט זיך ב. נאָך נישט אָפּ. בירנבוים דער פיין-פילנדיקער פאַרשער הייבט אָן פאַרשטיין און פילן, אַז בלויזע נאַציאָנאַלע טרוקינע לעבנס-פאָרמיי, אַפילו דאָס וואָס רופט זיך אַזוי שרייענדיק „יידישע קולטור" – איז נאָך אַלץ ווייט פון צו זיין דער אמתער נאַציאָנאַלער וועזן פון אַ פאלק; פּאַרט מוז עקזיסטירן עפּיס אַנ-אינערלעכער פאלקס־נשמה, וועלכע טיילט ערשט אייס

פון זיך די אַלע שאָלן – אט די אַלע נאַציאָנאַלע פאָרמין, די אַלע פאלקס־טראַדיציעס. עס מוז דאָך פּאַרט עקזיסטירן אַ צענטראַלע אידעע אינים יידישן פאלק, וואָס זאל ווי אַ אייביקער פאָדים אַדורכלויפן די גאַנצע יידישע גישיכ־טע און צונויפבינדן אַלע אירע איינצלנע לויזע בלעטער פון דער פאַרגאַנגינ-הייט, געגנוואַרט און צוקונפט אין איין גאַנצן באַנד, און בירנבוים הייבט אָן זיך צו דער דאזיקער יידנטום־אידעע, – וועלכע איז אַגב ביי אים תחילת נאָך שטאַרק פאַרנעפּלט, – אַלץ מער און מער צו דערנענטערן.

אַוודאי איז עס נישט פון די גאָר לייכטע זאַכן פאַר אַ מענטש, וועלכער האט דאָס רוב לעבן זיינס גישטעקט מיט דער גאַנצער נשמה און וועזן אין אַ מאַ־טעריאַליסטיש-ראַציאָנאַליסטישער וועלט־אויפאַסונג, – אַוודאי קומט עס אַזאַ מענטש אָן גאַנץ שווער מיט דער דאזיקער גאַנצער וועלט מיטאַמאָל צו אָי־בעררייסן און אַריינשפּרינגין אין אַ וועלט אַ נייע, אין אַ וועלט פון גלויבן און אידעע.

לאַנג, לאַנג האט אין בירנבוימס אינטערבאַוואוסטזיין גימוזט יעדן דער ווילן זיך איינמאָל צוריק צובאַהעפטן צו היסטאָרישער הונדערט-פּראַצענטיקער יידישקייט, וועמינס אייגנט עכסטע אייביקייטס-וועזן עס איז די יידישע תורה און אמונה; לאַנג, לאַנג האט עס גימוזט דויערן, ביז דער דאזיקער דראַנג איז גיוואָרן רייף צו קענין אַרויסרופן אין בירנבוימן די גיוואַלטיקע גייסטיקע אי־בערקערעניש. – קוים אבער איז ענדלעך דידאזיקע אינערלעכע איבערקערעניש און איבערברוך גיקומין, איז נישט גיווען די זאַך וואָס זאל בירנבוימן קענין צוריקהאַלטן פון צו געבן זיין רעליגיעזן גלויבן אַ רעאַלער פאָרים און ווירקלעכקייט.

ב. איבערענדערט מיטאַמאָל זיין גאַנץ ביז־איצטיקן לעבנס-שטייגער. ער ווערט אַ גאָר הייסער יידישער ייד – אַ פּאַטריאַרכאַלע גישטאַלט פון מערב־אייראָפּא ערשט נאָכדעם ווי בירנבוים איז אַליין אַ נאה מקיים – ווערט ער אַ נאה דורש. ער פּרעדיקט דעם צוריקקער צו אַ הונדערט-פּראַצענטיק יידנטום. וועלכיס זאל זיין טריי דער אורשפּרינגלעכער גישיכטלעכער באַשטימונג זיינער; אַ יידנטום וואָס זאל זיין פאַראָוואַרצלט אין דעם יידישן עבר, פאַרפלאָכטן אין פאַר.ועבט מיט דער וועזנטלעכער געגנוואַרט, פאַרצווייגט אין אַריינגיוואַקסן אינים יידישן אייביקייטס־עתיד,

אַזוי האט בירנבוים נאָך לאַנגע וואַנדערונגין אויפן וועג פון זיין צוריקקער ענדלעך דערגרייכט דעם ענד-ציל.

זענין בירנבוימס אַלע לעבנס־וואַנדלונגין סתם נערוועז איבערשפּרינגין און אומ־רואיק איבערלויפן פון אי"ן עקסטרעם צום צווייטן ? – ניין.

פאַלטש איז די באַהויפּטונג, אַריבערגייענדיק פון איין לאַגער צום צווייטן האט בירנבוים יעדעס מאָל צוהאַקט די פאַריקע לוחות זיינע אויף שאַרבן.

בירנבוים האט קיינמאָל גאָרנישט צוהאַקט, קיינמאָל גאָרנישט צושטערט. ביי־טנדיק תמיד שיטות איינע אויף די צווייטע – האט בירנבוים פּאַרט קיינמאָל נישט, אָננעמנדיק אַ נייע שיטה, די פריערדיקע אינגאַנצן אַוועקגיוואָרפן.

מע האט אַ מאָל גיפרעגט אַ באַרימטן בילד-הויער וועגן זיין טעאָריע אין בילד-הויעריי. גאַנץ פּשוט – האט גיענטפערט דער בילד־הויער – איך נעם אַ גאַנץ גי־וועגלעכן שטיין און וואַרף אַוועק, דאָס איבריקע וואָס איז דאָ אין אים, דאָס בילד אַנטפּלעקט זיך ממילא...

אַזאַ אידעען־קינסטלער איז אויך גיווען בירנבוים. אַוועקלייגנדיק איין שיטה און שאַפנדיק אויף איר שטעל אַ נייע האט בירנבוים קיינמאָל נישט דאָס פריערדיקע אינגאַנצן אַוועקגיוואָרפן. בירנבוים האט נאר ווי אַ גיניטער מייסטער, אַוועקגי־האַקט, אַוועקגיצייעסיט אַלדאָס פאַלטשע, אלדאָס פּסולת – דאָס אַלעס וואָס ער האט איינגיפונין פאַר איבעריק פאַר דער עצם־שיטה זעלבסט און אַזוי אַרום קומט אים אַרויס אַ נייע שיטה, וועלכע איז אין סאַמע תוך נישט עפּיס אַנדערש ווי אַ פאַרטיפונג און פאַרברייטערונג פון דער פריערדיקער...

• . •

איז בירנבוימס וועג נאר אַ צופעליקער לעבנס־וועג פון אַ יחיד ?

ניין. עס איז דאָס דאזיקע דער גאַנג פון דער גישיכטע דער גראָד־ליניקער פון צוריקקער צום אייגינים שורש, צום אורשפּרינג: צו נאַציע, פאלק און תורה.

און מיר זענין זיכער, אַז אויף דעם דאזיקן וועג איז בירנבוים נישט דער לעצ-טער נאר ערשט דער סאַמע ערשטער. אויף דעם דאזיקן וועג, וועלכן עס האט אָנגיצייכנט בירנבוים מוז פריער צו שפּעטער נאָכקומין דאָס גאַנצע פאלק. ווייל אויף די דאזיקע ליניע פירט דאָס געגנווערטיקע קאַפּיטל פון אונדזער גישיכטע; עס איז דער איינציקער אומפאַרמיידלעכער אויסוועג, דער ענד-ציל צו וועלכן מיר אַלע, צי מיר ווילן יאָ, צי מיר ווילן נישט מוזן מיר אבער פּאַרט צוקומין!

ד"ר נתן בירנבוים ז"ל

מיין רייזע איפן ים

(פון זיינע כתבים וואָס דערשיינען בקרוב)

זכרונות און רעיונות

בין אהער אַלץ נאר ויוועָן, אַ הקדמה ערשט אצינד לאָזן מיר זיך אַרויס אפן אטלאַנטישן יַם.

אונדזער שיף איז דורך צָפון גיפאָרן קיין מַערב. נאך נעכטן אַ פאָר שָעה גישטאַנין אינים פּארט פון אַ באַוואוסטער סקאַנדינאַווישער שטאָט. מ־איז נישט אראָפּגיגאַנגין. צוויי יידן פון שטאָט גיקומין צו־אונדז: דער רָב און אַ פַּרנס. דער רָב, נאך אַן־אָמתער יידישער רָב, נישט קיין נאָכגימאַכטער, נישט לאַנג גיקומין פון מִזרח. די קהילה גופא אַ יונ׳ע, אַ קליינע, — פון אנטלאָפינע פון פּאגראָם־לאַנד. זיי האָבן דאָ פַּרנָסה. נאר פארט אַ רַחמָנות אף זיי און אף זייער יידישקייט. ווי גרויס ס־זאָלן נישט זיין די מידות פונים פאָלק, וואָס וואוינט אין דעם לאַנד — קיין מאָל וועט נישט אויסוואַקסן קיין יידישער יישוב, קיין ברייט יידיש לעבן. אַן־אומגליק מיט יידן: וואָס לענגער זיי זענין אין גָלות, און וואָס ברייטער עס ווערט, אַלץ ווייניקער טויגן זיי צונ־אים.

*

גיוועָן איז עס מיט העכער דרייצן יאָר צוריק, אין אַ ווינטער־נאַכט, אויך אפן יַם, אויך אין מיטן וועג פון אייראָפּע קיין אַמעריקע. די פּאַסאַזשירן זענין שוין אַלע לאַנג גישלאָפן אין זייערע קאַבינעס, איך בין איינער אַליין אין דרויסן גיוועָן, אַרויסגיקוקט אפן יַם מיט זיינע אויפגירודערטע כוואַליעס, אַרויפגיקוקט אפן הימל מיט זיינע מיליאָנין מיליאָסן בלישטשינדיקע שטערן, אַריינגיקוקט אין דער געָל־זילבערנער לְבָנה, צוגיהעָרט מיך צו דעם גיוואַלדיווין פון די וואַסערן, און די קרעכצן פון דער שיף. און פון מיין קוקן און הארכן איז ביי מיר אויסגיוואַקסן אין האַרץ אַ בענקיניש: אוי, וואו נעמט מין, וואו נעמט מין...? דערפילט, אַז עפּיס פעָלט מיר. אַ וואונדערלעכע יַם־לופט, און די נְשָמה מיינע קען נישט עָטימין. לְבָנה־ליכט איבער די וואסערן, און מיין נְשָמה זעָט נישט. מיין פּוטער וואַרימט מיך און די נְשָמה פרירט... און פונים בענקיניש איז מִמֵילא אַ פַּחד גיווארן. פארט נישט אַזאַ גלאַטע זאַך: די שיף טאַנצט אפן יַם, ווייט ווייט פון אַלע ברעגיס, אונטער איר טאַנצן די טיפינישן, איבער איר טאַנצן די הימלין, און מוזיק הערט זיך — נישט נאר וואָס די ווינטן בלאָזן, וואָס די כוואַליעס ליאַרימין, וואָס די באַלקנס קנאַקן — נאר טאַקי מוזיק, די שטילע מוזיק פון דער וועלט גופא... אוי... און... און... דאָס שפּילט דען פון זיך אַליין, דאָס טאַנצט דען פון זיך אַליין... אוי, אוי... רִבּונו־שֶל־עולם... און נאך אַ מאָל: רִבּונו־שֶל־עולם...

נאר וואָס טוט זיך דאָ עפּיס מיט דער לְבָנה? דאָס פָּנים אירס גישפּעט און גיבייזער אין איינים... עפּיס סטראַשיט זי, עפּיס שטעלט זי אויס אף מיר צוויי ליידיקע, הונגעריקע אויגן, אט, אט מיך איינצושלינגין... איך פיל, ווי מיינע אֵיברים ווערן פאַרגליווערט... איך הייב אָן צו פאַרגעסן אין מיר... ווי לאַנג דאָס האָט גידויערט, ווייס איך מער נישט, נאר דאָס דערמאָן איך מיך, ווען איך האָב מיך אַ כאַפּ אויף גיטון, האָט די לְבָנה רואיק גישמייכלט צו מיר, ווי קיין מאָל גאָר נישט, איך האָב ווייטער נישט גיקוקט און גיהאָרכט, נישט גיפילט און נישט גיקלערט, גאָר נישט, נאר אַ מידער אַראָפּגיגאַנגין אין מיין קאַבינע שלאָפן. ערשט צו מאָרגנס בין איך אַריין אין אַ גרויס חִידושן זיך וועָגן מיר אַליין, און גישאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער זאָגט: וואָס מע קען זיך נישט אַלץ דערלעָבן... נאר גילאַכט פון מיר האָב איך נישט.

*

און היינט זיץ איך מיר ווידער איינער אַליין אפן דעק פון דער שיף, ווידער ביי נאַכט — נאר וואָס ס־איז נישט ווינטער, נאר נאָך פֶּסח — און קוק און האָרך און טראַכט. טראַכט וועָגן דעמלט און היינט. דעמלט האָב איך אַרויסגיגאָרט פון אַן־אויסגיפלומפּטער, אויסגילאַשינער, צוגיפרוירינער וועלט; היינט, די נְשָמה טרינקט שוין גאַטס לופט, גאַטס ליכט, גאַטס וואַרימקייט — גאָרט זי נאָך וואָס מער דערנעָנטערונג צונ־אים, נאָך וואָס מער באַהעפטונג אין אים, נאָך וואָס העכערע מַדרֵיגות פון דַעת ד׳, נאָך תיקון. דעמלט, ווען איך האָב פלוצים אַ קוק, אַ האָרך אַריין גיטון פון דער ווייטנס אינים וועלט־וואַרשטאָט, און דערפילט דאָרטן אים, דעם בַעל־בַיִת אַליין, האָב איך מיך שטאַרק דערשראָקן, די נְשָמה נישט גיוועָן צוגיוואוינט צו זיין מאָס; היינט שרעק איך מיך מער נישט פאַר אים, פאַרט אויך דער טאַטע, היינט טרעָט איך צו צונ־אים מיט יִראָה: טאַטע, זיי מוחל...! פון דעמלט ביז היינט... אַ דאַנק דיר! בָּרוך מְשַנה עִתִים!

*

„עברי אנכי ואת ד׳ אלקי ישראל אני ירא". דער גרויסער נָביא האָט עס מיר פּיגיזאָגט, נאך מיט טויזנטער יאָרן צוריק, אויך אפן יַם.

אַגב אורחא, אַ מאדנע זאַך: אַנטלאָפן פאָרן אייבערשטן און פאַר זיין שליחות. פאַר וואָס, זאָגט ער שפּעָטער אַליין: הלא זה דרכי עד היותי על אדמתי על כן קדמתי לברוח תרשישה כי ידעתי כי אתה א׳ חנון ורחום ארך אפים ורב חסד ונחם על הרעה". דאָס הייסט, ער האָט גיוואוסט, אַז גאָט וועט חַרָטה האָבן, האָט ער גיוואָלט אויסמיידן דאָס עַגמת־נֶפש. נאר, דער־עיקר, וואָסער אַן־עַגמת־נֶפש איז דאָס גיוועָן, וואָס תחילת האָט ער עס גיוואָלט אויסמיידן, און צום סוף האָט עס אים טאַקי דערגרייכט? גלאַט, וואָס זיין נְביאות איז נישט מְקוים גיווארן, וואָס ער האָט זיך דערלעָבט אַזאַ חַרפּה? דאָס קען דאָך נישט זיין. ס־איז דאָך נישט מעָגלעך, אַז אַזאַ גרויסער, געטלעכער מענטש זאָל בעסער וועלן, אַ גרויסע שטאָט מיט העכער אַ מיליאָן באַוואוינערס זאָל איבערגיקעָרט ווערן, אַבי ער זאָל נישט בלייבן קיין „ליגנער". ס־איז דאָך נישט מעָגלעך, אַז יונה הנָביא זאָל האָבן גיהאַט אַזוינע קליינע מַחשָבות און נאר צוליב זיי תַרעומות צום אייבערשטן. נאר וואָס דען? דעמלט, ווען ער איז אַנטלאָפן אף דער שיף, האָט ער נישט נאר גיזעָן, אַז נינוה וועט זיך אונטערגיבן, און דער אייבערשטער וועט שאַניווין די שטאָט, נאר ער האָט אויך גיזעָן, אַז קום וועט זי ווערן גישאַניוויט, וועט זי ווידער באַלד צוריק שלעכט ווערן. און שפּעָטער, ווען גאָט האָט זיך טאַקי דערבאַרימט איבער דער שטאָט, האָט ער עס, פאַרשטייט זיך, ווייטער גיזעָן, און דעריבער „טוב מותי מחיי", ער קען עס נישט צוזעָן און דערביי בלייבן צופרידן. און דער מידת הדין? — טַעניט ער, — און דער מוסר השכל פאַר אַנדערע שטעָט און מענטשן? און בִּכלַל דער מיין פון תשובה? וואָס זאָל ווערן פון דעָם אַלימין...? הייסט עס: נישט קיין קליינער מענטש, מיט קליינע מַחשָבות און תַרעומות, נאר אַ גרויסער, פּרינציפּעָלער מענטש, מיט אַחרַייות־גיפיל אַקיגן דער וועלט, טאַקי אַ נָביא. נישט אין זיין כָבוד גייט אים, נאר גאַטס קריוודע נעמט ער זיך אָן, און גאָט איז טאַקי גאָר נישט ברוגז אף אים, פאַרשטייט אים, גיט אַ שמייכל און שטראָפט אים מיט ווייכע האַרציקע ווערטער.

*

אוי, שַבת, שַבת! גיוועָן אַ גאַנצע וואָך — אַ וואָך, זאָגט איר, דאַכט זיך, טויזנט יאָר — אין אַן־אויסטערליש שרעקלעכער תפיסה. זיצן טאָר מין דאָרטן נישט, נאר מע מוז אַרומלויפן אַ מְשוגענער צווישן טויזנטער אַנדערע מְשוגענע, און מע שטופּט זיך, מע פאַלט איינער איבערן אַנדערן, שטייט אויף און פאַלט איבער אַ נייס, און שטייט ווידער אויף. און די אויגן זעָצן אַרויס לויפנדיקערהייט, און אין די אויערן קלינגין מִיאוסע קלאַנגין. אין דער נְשָמה האָט מין בִּכלַל פאַרגעסן, ערגיץ ליגט זי אין דער בלאָטע... און פלוצים אויסגילייזט, מע יאָגט זיך נישט, מע שטופּט זיך נישט, די אויגן קלאָר, און די אויערן שטיל, און די נְשָמה — אַרויסגיזוכט פון אונטערן עיפּיש, זיבן מאָל אויסגילייטערט און אָוועקגישטעלט אין מיטן הימל אַריין: נאַ דיר, קוויק דיך נאָך די לאַנגע צָרות, קוויק דיך אינים גלאַנץ פון דער שכינה, קוויק דיך אינים הייליקן, סודותדיקן שטילקייט אַרום גאַט דעם באַשעפער, קוויק דיך אין דיינע אייגינע אייביקע בענקינישן, קוויק דיך, קוויק דיך...

אוי, יַם, יַם! גילעָבט יאָרן און יאָרן אף דער יַבָּשה, אין דער גרויסער שטאָט, גייאָגט זיך אַ מְשוגענער צווישן טויזנטער אַנדערע מְשוגענע, גישטופּט זיך צווישן זיי, גייאָגט זיך מיט זיי, מִלחָמה גיהאַלטן מיט כָל מיני ווילסטע כּוחות, מיט פרעמדע רְציחות און מיט אייגינע בייזע מַחשָבות, אַנגיברודיקט פון אויווין ביז אַראָפּ, און די אייגינע נְשָמה, — פאַר־לוירן זי אין דער מְהומה, גיטרעָטן זי מיט די אייגינע פיס, און פרעמדע האָבן אונטערגיהאַלפן... און פלוצים — אַ קורצער מְהַלך איבערן שיפס־בריקל: קַבָּלת יַם — פאַרזונקן גיווארן די יַבָּשה, אַן־אַנדערע וועלט! נישט מע יאָגט זיך, גישט מע שטופּט זיך, נישט מע ווערט פאַרברודיקט, נישט מע האַלט מִלחָמה מיט זיך און אַנדערע. נאָך די נְשָמה ווידער גיפונין, אין דעם אייגינים מַצב, ווי זי איז אַמאָל גיוועָן — נישט צו דערמאַנין זיך, ווען דאָס איז גיוועָן — ווי קיינער וואלט זי קיין מאָל נישט גיוועָן אַנגירירט. אַוועקגיזעצט זיך ביי אַ טייערער סעודה אף סאַמע הימלישע טישן: נאַ דיר, גינוג לאַנג פאַרשוואַרצט גיווארן, גינוג לאַנג תַעֲניתים גיפאַסט, נאַ דיר, אַלץ דיינס. דיינע די גרויסע נִפלָאות, דיינע די זיסע בענקינישן, דיינע די הייליקע רַעיונות, דיינע די שִמחה בִּמעונו. נאַ דיר, נעם, קוויק דיך...

וואָסער אַ ליכטיקער שַבת דאָס איז היינט גיוועָן, אַ טאָפּילער שַבת: דער שַבת פון דער תּורה און דער שַבת פונים יַם. און ביידע שַבָּתים איין שַבת פון זיין ליבן נאָמין.

*

פארט אַ בָּשר וָדָם. נאָך שַבת גלוסט זיך וואכנדיקייט (נאר נישט צופיל, נישט צופיל, טאַטע זיסער אין הימל!). העכער אַ וואך שוין אף דער שיף, פרייט מין זיך, ווען מע דערזעָט ווידער די יַבָּשה. די שיף פאָרט אַ שָעה צוויי נישט ווייט פונים ברעג. די אויגן ווילן זיך עס שיר נישט גלייבן: פעלדער, ביימער, בערגלעך. הייזלעך — יאַ, הייזלעך אויך. ס־מאַכט זיך אַ נעָפּל, אַ געָל־ברוינער, אַ שווערער. די לופט ווערט הייס. שיפלעך און שיפן אָן אַ צאָל יאָגן זיך. ס־הערן זיך גישרייען און גיוואַלדן. און פלוצים וואַקסן אויס אינים נעָפּל שטויכן ווי פון הייזער, נאר הויכע ווי בערג. און די שטריכן ווערן וואָס אַ מאָל בולטער, מע הייבט שוין אָן צו זעָן די פראַנטן און אַפילו די פענצטער! טאַקי מענטשן־הייזער, נישט קיין לופט־פּאַלאַצן, טאַקי הייזער בערג, איינער העכער פונים אַנדערן, מַדרֵיגות — וואו אַהין?

פאַרט פון נו־יאָרק: איך בין דאָך שוין איין מאָל גיקומין צו דיר איבערן יַם, און שוין דעמלט נִבהל וְנִשתּומם גיווארן, און אויך היינט זענין מיינע ערשטע ווערטער צו דיר: שיין ביסטו, — מיט אַ סטראַשנדיק שיינקייט!

צוריקפאָרנדיק

אַוועקפאָרן מיט דער באַן, איז גאָר נישט. אַוועקפאָרן מיט דער שיף, רירט אָן ביים האַרץ. אַפילו ווען ס־איז קיין נאָנטער נישטאָ, וואָס מע דאַרף אים איבערלאָזן. און אַפילו ווען מע פאָרט נישט דאָס ערשטע מאָל אינים לעָבן. די שיף איז נאָך צוגיבונדן צום ברעג. אַבער אָט, אָט וועט מין נאָכלאָזן די שטריק. און אַצינד לאָזט מין זיי טאַקי נאָך. די שיף ציטערט און גיט זיך אַ גליטש אַוועק. אַ גישריי פון טויזנטער מענטשן, פונים ברעג און פון דער שיף: „פאָרט גיזונטערהייט!" — „זייט גיזונט!" און די מענטשן אפן ברעג נעמין זיך לויפן, כאַפּן נאָך אַ לעצטן קוק אף זייערע, אדער גלאָט אף דער שיף. נאר אויסזעָן זעָט עס אויס, גלייך זיי וואָלטן זיך דערשראָקן: אַ שיף מיט מענטשן אין יַם גיפאַלן! און אָפשר פילן זיי טאַקי אַזוי, ווער ווייסט? נאר ווי ס־זאָל נישט זיין, די שיף אַרט דאָס נישט, שטאָלץ גיט זי זיך אַ דריי און אַנטשווימט.

*

בלייב מיר גיזונט, פארט פון נו־יאָרק, מיט דיין סטראַשינדיק שיינקייט! בלייב מיר גיזונט, נו־יאָרק! בלייב מיר גיזונט, אַמעריקע! צי איך וועל מיך נאָך אַ מאָל אומקעָרן צונ־אייך?

בלייב מיר גיזונט, אַמעריקע! בלייבט מיר גיזונט און שטאַרק, ברידער מיינע אינים נייעם לאַנד, אדער, ווי מע זאָגט דאָ, אינים יונגין לאַנד! און זאָל דער אייבערשטער געָבן, אַז דאָס יונגע לאַנד זאָל בלייבן יונג און אין איינים ווערן גיבענטשט מיט בְרָכות פון אַן־אַלט לאַנד, און אַז איר זאָלט בלייבן דאָס אַלטע פאָלק, נאר אין איינים ווערן גיבענטשט מיט די בְרָכות פון אַ יונג פאָלק.

*

אהין גיפאָרן פיר אין איינים, און צוריק — איך איינער אַליין! און אַנדערע יודן כְּמַעט נישטאָ אף דער שיף. דאָס הייסט, נאר עטלעכע, און די עטלעכע כְמעט נישט קיין יידן.

איינער אַ קליין וואַרשיווער יידל, אַ סוחרל, גיוועָן אַ צייט אין אַמעריקע, און וויל ווידער צוריק אַהין, נאר אַצינד פאָרט ער קיין וואַרשע. כאָטש נאָך נישט אין גאַנצן אַ צולאָזטער, כאָטש נאָך אַ רעשטל ייד, כאָטש נאָך אַ שטיקל דֶרך־אֶרץ פאַר יידישקייט, פאַר יידן.

אַנדערע צוויי — אַן־עלטערער מענטש און אַ יונגער־מאַן. זיי וואוינין שוין לאַנג אין אַמעריקע און פאָרן אַצינד מיט זייערע ווייבער נאר אף פאַרגינינגן קיין אייראָפּע. באַקענט האָבן זיי זיך ערשט אף דער שיף, נאר שוין האַרץ־פריינד גיווארן. און דאָס איז קיין חידוש נישט: גייסטיקע שותפים. ביידע גרויסע מַתמידים. זיצן, זינט די שיף איז אַרויס פונים פּארט — שוין אַ פּאָר טעָג אין דעָם — און ווערן נישט מיד. זענין נישט מַפסיק, אַחוץ ווען דער גלאָק רופט עסן, און אַ פּאָר שָעה ביי נאַכט, זיצן, און — שפּילן אין קאָרטן. אין איינים מיט אַ פּאָליאַק און מיט אַ דייטש... שפּילן אין קאָרטן, בִּשעת דאָס אייביקייט קלאַפּט אין די פענצטער... נאר זיי ברימין זיך כאָטש נאָך פאַר מיר מיט אַרטאָדאָקסישע קרובים אין דייטשלאַנד, דער איינער מיט אַ ברודער, דער אַנדערער מיט אַ גישוועסטער־קינד.

נאָך עפּיס צוויי. דריי מענטשן מיט אַ יידישער צורה, אדער מיט אַ יידישן נאָמין, רעדן נאר דעניש, הוליען און האַצקין אין איינים מיט די דענער (אַ דעָנישע שיף). דער רוח ווייסט זיי, צי זיי זענין שוין גישמַדט, צי וועלן זיי זיך ערשט שמַדן.

מיט די אָמת דעָנישע פּאַסאַזשירן האָב איך כְּמַעט קיין מַגע־מַשא נישט. מע קען זיך דאָך נישט צונויפרעדן. און אַ חוץ דעָם, זיי האָבן קיין צייט נישט. דאַרפן הוליען... איך פאַרשטיי עס נישט. איך פאַרשטיי פריילעך זיין אפן יַם. פאַר וואָס נישט, אַז די שכינה איז אַזוי בולט נאָנט?... אַבער הוליען אין אַזאַ צייט... ניין, נישט נאָך אונדזער יידישן גוסט.

צווישן די נישט־דעָנישע פּאַסאַזשירן גיפינט זיך אַן־אַמעריקאַנער דייטש. זאָגט ער, אַז ער איז אַן־אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָר אין אַ גרויסער אַמעריקאַנער שטאָט (און פאַר וואָס נישט?), אַמאָל האָט ער שטודירט אף אַ גַלח, האָט ער אָבער אויפגיהעָרט צו זיין אַ מַאמין אין גאָט. ער דערציילט עס מיט אַ שמייכל — האַלב גַדלות, האַלב רַחמָנות — ווי איינער זאָגט: אַצינד ווייסטו שוין, וואָסער אַ גָדול עס שטייט פאַר דיר, און וואָסער אַ קאַרליק דו ביסט... און איך, מער דאַרף איך נישט הערן און זעָן, קוועל איך שוין אָפּ פון דעָם בָחור: אַז נישט נאר מיר, אויך זיי פאַרמאָגן אַזעלעכס, אויך זיי פעָלט נישט. לא אַלמן עַשו. ווערט מיר לייכטער אפן האַרץ. אַבער נאר אף אַ קורצער צייט... וואָרן צוריק גישמועסט...

*

וואָס מ־עסט דאָס אויף אף אַזאַ שיף! און פאַר מיר נישטאָ... שוין אַ וואך צייט...

מ־האָט מיר דערציילט, אַז פאַר דער מִלחָמה זענין גיוועָן שיפן, וואָס אף זיי האָט מין אויך באַקומין כָשר עסן, און, אַז אַצינד האָט זיך ווידער אָנגיהויבן. נאר וואו, בין איך נישט דערגאַנגין, און אַחוץ דעָם, אין גאַנצן פאַרלאָזן קען מין זיך דאָרטן אויך נישט.

פאַלט מיר איין אַן־אַלטער חָלום מיינער: פאַר וואָס זאָלן בִּכלַל נישט זיין קיין יידישע שיפן? ס־וואָלט זיך נישט גילוינט? און די יידישע עמיגראַנטן? און נישט־יידישע וואָלטן נישט מיטגיפאָרן, אויב די תְנָאים וואָלטן זיי נאר גיפאַסט? וואָלטן קיין כָשרס נישט גיגעסן? (זענין דאָך נישט קיין „פרייע" יידן.)

נאר וועָגן עמיגראַציע האָט מין דען יאַ גיקלעָרט? מ־האָט דען פאַרשטאַנין, אַז פאַרענפערן דאָס עמיגראַציע־פּראָבלעָם הייסט פאַרענפערן דאָס מאַטעריעָלע גָלות־פּראָבלעָם, אף ווי ווייט מע קען עס פאַרענפערן? און מע פאַרשטייט דען היינט? און מע וועט דען אַ מאָל פאַרשטיין?...

*

די שיף איז אַלץ ווייטער און ווייטער קיין צָפון־מִזרח גיפאָרן. מיר זענין אייגנטלעך שוין אַרויס פונים רְשות פונים יַם, שוין אינים רְשות פון דער יַבָּשה, אדער בעסער, פון די בריטישע אינדזלין, ביים צָפון־שפּיץ פון שאָטלאַנד. די נאַכט איז אַ שוואַרצע — נאר וואָס די ליכט פון די לייכט־טאַרימס און לייכט־שיפלעך פלאַמין אויף צייטנווייז — און זי סטראַשיט מיך: וואָס פרייסטו דיך אַזוי מיט די ליכטעלעך, וואָס פלאַמין אויף וואָס קוקסטו אַזוי אף זייער זייט? דו שמעקסט די יַבָּשה? דו ווייסט דען נישט, אַז נאר איין בלאָז דאַרף קומין, וועלן דיר נישט העלפן די ליכטעלעך, וועט דיר נישט העלפן די נאָנטע יַבָּשה, וועט זיך די שיף איבערקעָרן און איר וועט אַלע אַראָפּ אינים תְהום, דער יַם וועט אייך צודעקן, און איך וועל אים צוהעלפן מיט מיין שוואַרצקייט... אַ צייט האָב איך גיציטערט, דערנאָך אַ שמייכל גיטון און גיענפערט דער נאַכט: וואָס זאָגסטו עס מיר? זאָג עס יענע, וואָס הוליען און האָבן פאַרגעסן אינים אייבערשטן. איך האָב נישט פאַרגעסן אין אים... צי יַבָּשה, צי תְהום, דער עיקר איז, וואָס סע קומט דערנאָך...

*

זיבן אַ זייגער אין דער פרי, אַ מאָדנע סיגנאַל... און די שיף שטייט! איך כאַפּ מיך אויף און אַרויס: אַ שטראַלנדיקער שיינער הערבסט־פרימאָרגן און אַ קליינינקער נאָרוועגישן פּאָרט. קליינע, חניוודיקע בערגעלעך. אַ קליין, פיין שטעטל. אַף יעדן הייזל אויסגיגאָסן ייחוס און טעם... אייראָפּע! דאָס אַלטע אייראָפּע, נאָך נישט אָנגירירט פון דעם מאָדערנים ווילדקייט — לְכָל־הַפָּחוֹת, אַף ווי ווייט עס זעט זיך פון אין דרויסן. און וואָסער אַ תַּרְעוּמוֹת איך זאָל נישט האָבן צו אייראָפּע, חיפּל ס־זאָל נישט האָבן גיזינדיקט — אַפילו דאָס אַלטע — אָקיגן דעם מענטשלעכן מין און אָקיגן זיך אַליין, ווי ווייט ס־זאָל נישט זיין פון אונדזערע יידישע תּביעות און גיפילן — פיל איך: פּאָרט אייראָפּע, פּאָרט נאָך דאָס לאַנד פונים אָמתדיקן יָפֶת, פּאָרט נאָך ייחוס. און ייחוס דאַרף זיך פאַרשטייען אַף ייחוס, אייגינער אַף פרעמדן, (פאַרשטייען זיך, אָבער נישט מישן זיך!), און וואָס זיי פאַרשטייען זיך נישט אַף אונדזער ייחוס, איז זיי לִגְנַאי, נישט אונדז, און מיר דאַרפן זיך נישט אָפּלערנין פון זיי.

די שיף איז אַריינגיפאָרן אינים לאַנגן, שמאָלן יַם־אויסגוס, וואָס ער הייסט נאָך דער גרויסער נאָרוועגישער שטאָט, וואו מיר דאַרפן זיך אָפּשטעלן. ס־איז פאַרנאַכט. דער הימל איז לויטער, בלויליך גרין און אַ ביסל רויטלעך איבערגיפאַרבט. נאָר וואָס אַ מאָל ווערט ער טונקילער, און ס־בלייבט נאָר אַ ביסל שיין איבער די שוואַרצע גלייכע בערג אַף ביידע ברעגיס. די בערג, אַליין אַפילו נישט קיין הויכע, קומען אויס הויך צוליב זייער שוואַרצקייט און גלייכקייט, ווי הויכע ווענט, וואָס מ־האָט אויפגיבויט, אַרומצוריינגלען גרויסע, שטערע סודות, זיי אייסצובאַהאַלטן פאַר דער ווע־... און עפּיס שמעקט שטאַרק מיט צָפוֹן: וואַסער און פעלדזן און ווינציק גיוויקסן, און גיוויקסן קליינע. און איך דערמאָן מיך: די הייזער פון אַ קליין פאָלק מיט גרויסע כּשרונות, מיט קאַלטע אויגן און מיט הייסע הערצער...

נאָר וואָס איז דאָס?.. קליינטשיקע אינדזעלעך, איינס נאָכן אַנדערן, און אָט דאָ איינס, דאָס קלענצטע, קלענער ווי אַ קליינע שטוב, מיט דריי אָדער פיר גאָר נידעריקע ביימעלעך, נישט העכער פון דריי־ ביז זיבן־יעריקע קינדער — דער פעלדז האָט זיי נישט גיגעבן מער כּוח צום וואַקסן. אַלץ קלאָר און בולט, און פּאָרט ווי אַ כּישוף אין דער גרינער טונקילער נאָוונט־לופט — טאַקי ווי אַרויס פון די שטילע, אָנגיסוידיטע מַעשׂיות, וואָס וואַקסן אויס אין צָפוֹן, נאָנט פון אַ וועלט מיט אייביק אייז און שניי... אַ שאָד, וואָס איך קען נישט צונעמען דאָס קליינטשיקע אינדזעלע און ברענגין עס אַ מַתָּנָה מיין קליינטשיק אייניקל ער זאָל לעבן.

•

די שיף איז די גאַנצע נאַכט גישטאַנען אין פּאָרט, און ערשט נאָכן עסן דאַרפן מיר ווידער פאָרן. מע לאָזט בִּכְלָל נישט אַראָפּ פון דער שיף. נאָר דער עלטסטער פון די צוויי קאַרטאַיוניקיס האָט באַוויזן צו באַקומען אַ פּאָר דורכגאַנג־בילעטן, און מיר אויך גיגעבן איינס. אין איין מינוט זיך גיקויפט, אַפילו נישט קיין עוֹלָם־הַבָּא, נאָר עַל־כָּל־פָּנִים אַ מִצְוָה. אַזוי האָט מיך גיצויגן אין שטאָט אַריין.

ווען מע וואָלט מיר אין מיינע אַלטע צייטן גיוועזן גיזאָגט, אַז איך וועל אַ מאָל זיין אין דער שטאָט פון מיין ליבסטן פּאָעט, אין דער הויפּט־שטאָט פונים צָפון־פאָלק מיט קאַלטע אויגן און מיט הייסע הערצער, וואָלט איך דעמאָלט גיוועזן מְקַנֵּא גיוועזן מיין אייגינים עָתִיד. און היינט — איך בין דאָ, איך איַיל מיך טאַקי אַראָפּ פון דער שיף, אַרויף אין דער שטאָט, נאָר ס־איז נישט דאָס: נישט וואָס איבסען איז שוין לאַנג נישטאָ, נאָר וואָס ער איז שוין לאַנג נישט מיין ליבסטער פּאָעט, וואָס ער איז שוין לאַנג, לאַנג נישט מיין רֶבִּי. נאָר אֶפשר האָב איך אים גאָר דעמאָלט גיטון אַן־עַוְלָה, אֶפשר האָט ער גאָר נישט גיהאַלטן דַווקא מיט איין צַד פון זיינע פיגורן, אֶפשר האָט ער זיי אַלע אָוועקגישטעלט מיטן אייגינים ליבשאַפט: די קליינע טוך־מענטשן, וואָס ווילן דַווקא יעדער „לעבן זיין לעבן" (מישטיינס גיזאָגט), דַווקא „זיך צולעבן": די מאָדנע בַּטְלָנִים, וואָס שטעלן אַרויס עַקשָנישע מוסר־תּביעות, וואָס מע קען נישט פּטרן; דעם מוסר־גָאוֹן בראַנד, וואָס, אַליין אַ מורד, וויל ער צונויפנעמען אַלע קליינע מענטשאַלעך אונטער דער פאָן פון אַ בְּשותפותדיקן מוסר־אידעאַל און זיי פאַרלאָזן אים פּאַמעלעך. און דעם שטאַרקן מֶלֶך האָקאָן, וואָס באַגליקט זיין פאָלק גאָר אָן תּביעות, נאָר מיטן כּוח הַמַּעֲשֶׂה פון אַ פריער אַן־אויפּבויער... קיין סך בין איך נישט גיוואָר גיוואָרן אין דער שטאָט, נאָר מיך גיפרייט מיט איר ייחוסדיקייט, מיט איר שטילקייט, מיט איר פיינקייט. אָנגיקוקט די מענטשן, גיוואָלט דערקענין איבסען־פיגורן אָדער ביערנסאָן־פיגורן. נישט דערקענט. אָפּנים, דערצו וואָלט איך גידאַרפט נעענטער צוקומען צו זיי... אַז איך האָב ווייניק צייט גיהאַט. מיך נאָך גיוואָלט זעען מיטן רַב, וואָס בְּשַׁעַ...

מיר זענען אַרויסגיפאָרן קיין אַמעריקע, און זענען אויך דאָ גישטאַנען אין פּאָרט. איז ער גיקומען צו־אונדז, אונדז שָלוֹם געבן.

•

דאָס איז די גאַס און דאָס איז דאָס נומער... דאָ דאַרף ער וואוינען. איך גיי אַריין אין הויז. הענגט און טריקנט זיך אַן־אויסגיוואַשינער טַלִית... איך שמייכל: אַזש אין נאָרוועגן... איך קלאַפּ אָן, מיט מיר אין איינים קומט דער ברייוו־טרעגער. די רֶבּיצין אַליין עפנט, אַ ליטוואַטשקע, און רעט מיטן ברייוו־טרעגער — נאָרוועגיש. ווידער שמייכל איך: אַזש נאָרוועגיש...

מיטן רַב און מיט נאָך אַ ייד צושמועסט זיך אַ ביסל. ס־פילט זיך, דער רַב אַרביט מיט אַלע כּוחות, ס־זאָל עפּיס אויסוואַקסן אַף דער שטייניקער עֶרד, די קינדער זאָלן עפּיס וויסן פון יידישקייט. אַ נייע שול אויך גיבויט, אַ שיינע, אַ ליכטיקע — די אַנדערע וואַך, ראש הַשָּנה, וועט זיין דער חינוך הַבַּיִת... הַלְוַאי גיראָט דעם רַב, ווי ער נעמט זיך פיר. נאָר אַז מע קומט אַרויס אין גאַס, נישט צו זען קיין ייד, נאָר אַ מאָל, אַ מאָל אַ שילד מיט אַ יידישן נאָמין... און האָפן, ס־זאָלן צוקומען, ס־זאָלן אימיגרירן... דאַכט זיך, צו קליין דער צוציאונגס־כּוח פונים לאַנד.

א) ד״ר נתן בירנבוים: גליַיכט אויס אַ וועג

אין דעם בוך גיפינין זיך 7 גרויסע גיקליבינע, וואַגיקע און ערנצטע אָפּהאַנדלונגין פונים גרויסן יידישן דענקער ד״ר נתן בירנבוים, וועלכע ער האָט גישריבן אין דייטש במשך די לעצטע יאָרן און זענען ספּעציעל גיוואָרן איבערגיזעצט אויף יידיש פון זיין זון ד״ר שלמה בירנבוים. אין די דאָזיקע מאמרים זאָגט זיך אַרויס דער גרויסער יידישער דענקער וועגן אַלע אַקטועלע דערשיינונגין אין דער וועלט בנוגע דעם יידישן לעבן. גאָר באַזונדער ווייזט אָן דער מחבר אויף די שליחותן פון די יראים אין דער יעצטיקער גורל־שעה פון יידישן פאָלק.

די מאמרים הייסן: א) מרידה, ב) אומקער צו ערד־אַרביט, ג) כּנסת ישראל, ד) דער אָנפאַל, ה) אויפן אייביקן יסוד, ו) פנימיותדיקער אויפהייב, ז) משיח.

פּרייז 1.50 גילדן, 2 עקז. 2.50, 5 עקז. 5.50.

ב) אלימלך שטייער: מענטשן פונים דור

דאָס איז אַ בוך פון 120 זייטן מיט העכער 25 דערציילונגין, נאָוועלן, סקיצן און לידער. אין דעם בוך ווערט גישילדערט דאָס שטורמישע לעבן פון דער יוגנט אין אונדזער צייט. בילדער פון צוריקגיקומינע צו יידישקייט נאָך דער היטלער־איבערקערעניש, תשובה־ראַנגלינישן פון חלוצים אין הייליקן לאַנד, שטימונגין און טרייסלונגין פון אַלטן און נייעם ישוב בעת די לעצטע אַראַבישע רוצחישע אָנפאַלן אין ארץ־ישראל אויף שטעט און קאָלאָניעס. טיפּן פון יונגע יידישע מענטשן אין סאָוויעט־רוסלאַנד. כאַראַקטעריסטישע מאמינטן פון גרויס־שטעטישן מהומה־לעבן און פון קליין־שטעטלדיקן עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכן אונטערגאַנג. אַ טיפן רושם מאַכן באַזונדער די לידער און פּאָעמעס, וועלכע זענען גישריבן מיט פּאַטאָס און טיף־האַרציקע געגועים.

אַלע שאַפונגין אינים בוך האָבן אַ רעליגיעזע טענדענץ און דערביי איז אַלץ ליטעראַריש און קינסטלעריש ביז גאָר אַ הויכער מדרגה. דאָס בוך איז אַ קוואַל פון ברכה פאַר דער יידישער יוגנט און קיין איין ייִנגער מענטש טאָר עס נישט פאַרפעלן צו לייענין!

ד) שרה שעניורער: ימים־טובים־בוך

דאָס ימים־טובים־בוך איז רייך מיט אינטערעסאַנט מאַטעריאַל אין פאָלגנדיקע אָפּטיילונגין: 1) אונדזערע ימים־טובים, 2) פון דער סדרה, 3) שוין נאָך צוועלף. 4) וואָס תלמידות דערציילן, 5) פאַרשטעלונגין און דעקלאַמאַציעס. אין בוך גיפינין זיך קרוב 50 פּרקים און ס־גיפינט זיך אויך דאָס בילד און פּאַקסימיליע פון דער מחברטע. נישטאָ קיין גרעסערע טואונג לטובת דעם רעיון ...ן יידישקייט צווישן יידישע פרויען און מיידלעך, ווי פאַרשפּרייטן שרה שעני־רערס וואָרט.

דאָס בוך האַלט 120 זייטן און קאָסט 2 גילדן, במשך דעם הייַנטיקן חודש נאָר 1.25 ג.

גדלי׳ בובליק

פאַרוואָס מ׳האָט אונדז פיינט

דער אַנטיסעמיטיזם איז גיבויט אויף זיבן זיילן. פיר פון די זיבן זענען אַלגימיינע פּסיכאָלאָגישע סבּות און דריי זענען סבּות, וואָס זענען ספּעציעל נוגע די יידן. מיר וועלן זיי אויסרעכינין אין פאָלגענדן סדר:

1. גרופּן־האָס. עס ליגט טיף איינגיוואָרצלט אין דעם כאַראַקטער פון מענטשן דאָס גיפיל פון פריינטשאַפט צו דער אייגינער גרופּע, צו וועלכער דער מענטש באַלאַנגט, דאַן אומפריינטשאַפט אָדער געגנערשאַפט צו דער גרופּע, צו וועלכע מע באַלאַנגט נישט. שטאַמין שטאַמט דאָס גיפיל פון דעם אויסגישפּרייטן און פאַרברייטערטן עגאָיזם פון מענטשן. די גרופּע צו וועלכע איר באַלאַנגט איז פאַרבונדן מיט אייך, עס איז אַלזא אַ טייל פון אייער „אייך", פון אייער עגאָ. די גרופּע פון וועלכער איר זענט אַ מיטגליד איז באַלויכטן מיט אייער ליכט, באַשיינט מיט אייער גלאַנץ, און ליב האָבנדיק אייער גרופּע האָט איר דורכדעם ליב זיך אַליין, גרויסנדיק זיך מיט אייער גרופּע, גרויסט איר זיך אַליין, איר זענט אַ שותּף אין אירע שבחים, ווייל איר זענט אין איר פאַראַן. ממילא איז אייער גרופּע ביי אייך דער אויסדרוק פון פאָלקאָמינהייט. די אַנדערע גרופּע אין וועלכע איר זענט נישטאָ איז אייך פרעמד, קאַלט, האָט מיט אייער עגאָ נישט מער צו טון; איר זייט דערצו איר אומפריינטלעך, געגנעריש גישטימט, און איר וואָלט עטענדיק גיוואָלט, אַז אייער גרופּע זאָל שטענדיק אַ בערווצגן, איבערשטאַרקן דער פרעמדער גרופּע, ווייל דאַדורך פירט איר, אַז איר שטאַרקט־איבער, איר פאַרשרייבט דעם זיג און אויסצייכינונגין פון אייער גרופּע אויף אייער אייגינים חשבּון. דער יונגערמאַן וואָס לערנט אין האַרוואַרד, אַפילו אויב ער נעמט קיין אַנטייל אין די רייסעס צווישן די האַרוואַרד־יעיל אַטלעטיקס, איז צופרידן און שטאָלץ ווען „האַרוואַרד" זיגט. ער נעמט דעם זיג אויף זיין אייגינים פערזענלעכן חשבּון, דורך זיין גרופּע איז ער חשוּבער גיוואָרן. ער האָט ליב האַרוואַרד און ער האָט פיינט (אין אַ גיוויסער מאָס) יעיל. אַזוי איז מיט דעם יונגערמאַן פון יעיל אין באַצוג צו זיין גרופּע. לאָמיר נעמען אַ נענטערן און אַ מער ווייטיקדיקן משל: צווישן פּוילישע און ליטווישע יידן איז פאַראַן אַ גיוויסער סאָרט אַנטאַגאָניזם. דער ליטווישער ייד איז שטאַרק באַוואוסטזיניק וועגן זיין גרופּע, די גרופּע פון ליטוואַקיס, און אַזוי איז דער פּוילישער וועגן זיין גרופּע, און אַפּט וואַרפט מען זיך מיט באַליידיגנדיקע ווערטער פון איין גרופּע צו דער צווייטער. ביי אונדז אין אַמעריקע וועט זיין אומזיסט. אַז מיר וועלן פאַרלייקינין, אַז ס־איז פאַראַן אַ גיוויסע פרעמדקייט צווישן די יידן פון ליטע, פּוילן און גאַליציע, טראָץ דעם וואָס אַלע לעבן צוזאַמין. דאָס איז די גרופּען־ייגונג און די גרופּע אַבנייגונג וואָס איז פאַראַן אין מענטשלעכן כאַראַקטער. די יידן זענען אַ גרופּע אין אַנדערע גרופּן און ווערן אימפריינטלעך באַטראַכט פון יענע גרופּן צווישן וועלכע זיי גיפינין זיך.

2. אַנדערש־זיין. דער מענטשלעכער עגאָאיזם טרייבט אים ער זאָל פאָדערן, אַז דער צווייטער זאָל האָבן די זעלבע מיינונג, די זעלבע אידעען, די זעלבע נייגונגין אַזוי ווי ער. עס טוט דעם מענטשן אַ הנאה אַפילו ווען ער טרעפט עמיצן וואָס איז פאַרליבט אין די זעלבע מאכלים, וועלכע ער האָט ליב, אויב יענער שטימט מיט אים אין גישמאַק, האַלט ער עס פאַר אַ קאָמפּלימענט פאַר זיך, פאַר אַן־אָנערקענונג פון צווייטן, אַז זיין גישמאַק איז אַ גוטער, פונקט אַזוי ווי ער איז צופרידן ווען ער זעט, אַז דער צווייטער האָט די זעלבע נייגונגין ווי ער, אַזוי רופט זיך ביי אים אַרויס אַ ווידערווילן ווען ער זעט, אַז עמיצער איז אַנדערש ווי ער. ער נעמט עס אָן אַלס אַן־אויסרוף פון צווייטן, אַלס אַן־ערקלערונג, אַז זיין גישמאַק איז נישט דער ריכטיקער, זיינע אידעען זענען קרומע, זיינע מיינונגין זענען נישט קיין ריכטיקע, ווען עמיצער זעט מענטשן וואָס האָבן אַנדערע אידעען, אַנדערע מיינונגין, אַנדערע כאַראַקטער־שטריכן און אַנדערע גיזיכטצינג, פירט עס צו אַן־אומפריינטלעכע שטעלונג צו זיי. דאָס איז גיוויס נידריק, ענגהאַרציק, אוממאָראַליש, אָבער אַזוי איז עס. אין דער מענטשלעכער נשמה איז פאַראַן אַ חֵן נידריקיס, איבערהויפּט אין באַצוג צום מענטשנס עגאָיזם; און די געגנערשאַפט צו דעם וואָס איז אַנדערש, איז אַ טייל פון מענטשנס עגאָיזם.

די יידן זענען גיוועזן און מוזן זיין אַנדערש, דורך גלויבן, דורך זיטן, דורך כאַראַקטער־שטריכן. נאָך המן האָט דאָס אַנדערש־זיין באַצייכנט אַלס אַ סיבּה פאַר וואָס מע זאָל זיי פיינט האָבן: „ודתיהם שונות". און אין די שריפטן פון אַפּיאָן, דער ביטערער גריכישער עגיפּטישער אַנטיסעמיט, זעט מען שטאַרק אַרויס דעם פאַרדרוס וואָס די יידן האָבן אַ באַזונדערע תּורה, און נעמען נישט קיין אַנטייל אין די רעליגיעזע דינסט פון זייערע שכנים. און נאָך פאַרן חורבּן האָט עס די רוימער פאַרדראָסן, וואָס די יידן פון רוים האָבן אַ באַזונדער לעבן מיט באַזונדערע שולן און זענען אַנדערש ווי די רוימער. קיין רעליגיעזע שנאה אין דעם זין ווי מיר פאַרשטייען עס היינט האָט נאָך דאַן אין רוים נישט גיקענט זיין, ווייל אין הוים זענען גיוועזן פאַרטרעטן פיל רעליגיעס פון פיל לענדער. און מ׳האָט זיך וועגן דעם אין רוים נישט שטאַרק גיקימערט. דער פאַרדרוס איז גיוועזן וואָס דער יידישער דת איז גיוועזן גאַנץ אַנדערש ווי אַלע אַנדערע רעליגיעס (אַ גלויבן אָן געצן) און די רוימער האָבן עס נישט גיקאָנט אַראָפּשלינגען.

3. קאָנקורענץ. מענטשן האָבן נישט ליב זייערע קאָנקורענטן און מע דאַרף נישט דע קלערן די סיבּה דערפון. קאָנקורענץ דערוועקט אומצופרידנהייט, ווען די קאָנקורענץ איז דערפאָלגרייך, ווערט די אומצופרידנהייט פאַרוואַנדלט אין קנאה און האָס. און ווען מ׳האָט עמיצן פיינט צוליב קאָנקורענץ, ווייל מין פאַרדעקן די קוועלער פון דער שנאה, מע וויל פאַרלייקינין, אַז עס שטאַמט פון אייגן־נוץ. זוכט מין חסרונות און חטאים אויף דעם קאָנקורענץ אַלס אַן־אויסרייד פאַר דער פיינטשאַפט. ווען יענער אָבער באַלאַנגט צו אַ באַזונדערע גרופּע, טראָגט מין אַריבער די שנאה אויף דער גאַנצער גרופּע, און מע זוכט אויסצוגיסן דעם כּעס אויף דעם כּלל צוליב דעם פּרט. אָנשטאָט צו זאָגן: „איך האָב פיינט יענים, ווייל יענער איז מיין קאָנקורענט". זאָגט מין: „מיר האָבן זיי פיינט, ווייל זיי זענען קעגן אונדז, זיי פאַרכאַפּן אונדזערע גישעפטן", און אָגב זענען זיי פאַרדאַרבן, אאַ״וו, און קאַמף ווערט באַנוצט יעדע מעגלעכקייט צו אַרויפפאַלן אויף אַלים מיט וואָס די קאָנקורענץ האָט אַ שייכות, זיין גלויבן, זיין ראַסע אאַ״וו.

אונטערן וואָרט קאָנקורענץ דאַרף פאַרשטאַנין ווערן נישט בלויז קאָנקורענץ אין עקאָנאָמישן זין, נאָר אויך אין גייסטיקן. יידישע שטרעבונגען אויפן גייסטיקן פעלד רופן אַרויס די קנאה און דעם האָס וואָס עס רופט אַרויס אַ יידישע אונטערנעמונג אין גישעפט, שאַרפקייט און פעאיקייט, טאַלאַנט און מענטשאַלטעט זענען פונקט אַזעלכע סיבּות צו רייצן דעם פאַרדרוס ווי הצלחה אין האַנדל, און אַזוי ווי יידן אַלס שטאָטישע איינוואוינער און אַלס מענטשן מיט אַ נייגונג צו גייסטיקער אַרביט קומען אין קאָנקורענץ־באַרירונג מיט אַנדערע אויף אַלע פעלדער פון טעטיקייט איז שטענדיק פאַראַן סבּות פאַר אַ נייע אויפפלאַקערונג פון שנאה צו יידן. אויב מרדכי איז גיוועזן אַ סאָרט־קאָנקורענט צו המנין, ווייל ער האָט זיך פאַר אים נישט גיוואָלט בוקן, האָט ער גיבראַכט המנין צו באַהויפטן אַ ליגן, אַז די יידן זעצן נישט גיטריי צו די גיזעצן אין לאַנד, אַז דער קאַמף איז איבערגיטראַגן גיוואָרן פון אַ קאַמף געגן מרדכין צו אַ קאַמף געגן עם מרדכי. דער גרונט איז אָבער גיוועזן קאָנקורענץ. די גרעסטע שונאים פון אַלטערטום געגן יידן, זענען גיוועזן די גריכן, דאָס איז דערפאַר, וואָס די גריכן און די יידן זענען גיוועזן אין דער צייט פאַרן חורבּן בית־המקדש קאָנקורענטן סיי אין האַנדל און סיי אין קולטור אין אַלכּסנדריא איז דאַן גיוועזן אַ גרויסע יידישע קהלה וואָס האָט גיפירט אַ גרויסן האַנדל און דאָרטן איז גיוועזן אַ צענטער פאַר יידיש גילערנטקייט. די גריכישע סוחרים האָבן גיהאַלטן די יידן אַלס גישעפט־קאָנקורענט און די גריכישע שריפטשטעלער האָבן גיהאַלטן די יידן אַלס קאָנקורענטן אויף אַן־אַנדער פעלד. עס האָט דאַן אויסגיבראַכן אַ פּאָגראָם, וועלכן דער רוימישער הערשער האָט גיהאָלפן און ס־איז נישט גיוועזן קיין צופאַל, אַז ווען אָן דער שפּיץ פון דער יידישער דעלעגאַציע וואָס איז גיפאָרן קיין רוים צו מאַנין גירעכטיקייט איז גישטאַנין דער יידישער פילאָזאָף פילאָן איז אָן דער שפּיץ פון דער גריכישער דעלעגאַציע, וואָס איז גיפאָרן קיין רוים מסרן אויף יידן איז גישטאַנין דער גריכישער שריפטשטעלער אַפּיאָן.

אַפּיאָן און פילאָ זענען גיוועזן צוויי קאָנקורענטן אויף דעם פעלד פון גריכישע שריפטשטעלעריי אין אַלכּסנדריא אַזוי ווי אַנדערע גריכן און יידן זענען גיוועזן קאָנקורענטן ביים האָפן־האַנדל אין אַלכּסנדריא.

4. כּעס־אָפּפיר ער. עס איז פאַראַן אינים מענטש אַ נידריקע תּאווה צו זוכן אַ קרבּן אויף וועמין אָפּצופירן דעם צאָרן ווען עס איז נישטאָ דירעקט אויף וועמין אויסצולאָזן. גיוויינלעך זוכט מין אין אַזאַ גילעגנהייט אַ שוואַכן, אויף וועמין דעם כּעס אַרויפצוּוואַרפן. אָפּט זוכט אַ שלעכטער מענטש אויסצוגיסן זיין שלעכטע שטימונג אויף זיין ווייב, ווי זי וואָלט אין עפּיס שולדיק גיוועזן. ווען מע וויל אויף עמיצן אויסלאָזן. דעם כּעס זידלט מין, גרייפט מין

אָן, מע טראַכט אויס בּלבּולים, פאַלשע באַשולדיקונגען, אין וועלכע די ..ש... דיקער אַליין גלייבּן נישט. עס דינט נאָר אַלס אַ תירץ אויסצולייזן די רציחה אויף אַן־אומשולדיקן, ווי איינער זאָגט: סטייטש, דו אַזעלכער און אַזעלכער!... פאַרוואָס האסטו אַזוי און אַזוי... דאָס איז נאָר ווי אַ מאַסקע צו קענען אָנפאַלן ווען מע פילט צוליב אויפרעגונג, וועלכע שאַט צום מוט. די יידן אַלס די שוואַכערע גרופּע אין דער גיזעלשאַפט, ווערן אַפט אויסגיקליבּן אַלס כּעס־אָפּפירער. אַלץ איז גוט פאַר אַזאַ אויסרייד: עלילת־דם, באָלשעוויזם, כּדי צו האָבּן אויף וועמען אויסצוגיסן די גאַל. איז אַ וואַלוטע גיפאַלן — דאַרף מען אויסלאָזן דעם כּעס צו יידן, פאַרשפּילט מען די מלחמה—דאַרף מען אויסלאָזן צו יידן. גיוויס גלייבּט נישט קיינער אין דעם, אָבּער מע דאַרף אויף עמיצן זיך אַרויפוואַרפן, כּדי זיך גרינגער צו מאַכן אויפן האַרצן.

מיר האָבּן באַצייכנט די פיר סבּות פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָבּן צו טון מיט דער שנאה צו יידן אַלס אַ מיעוט־גרופּע צווישן רוב־גרופּן.

זיי האָסן אונדז ווייל — זיי דאַרפן אונדז דאַנקבּאַר זיין. מיר האָבּן אויסגירעכנט פיר פאַקטן, אויף וועלכע דער אַנטיסעמיטיזם שטייט. יענע פיר פאַקטן האָבּן עקזיסטירט בּנוגע צו די יידן, וואָס האָבּן גיוואוינט אין אַנדערע לענדער, אַפילו איידער די יידישע מדינה איז אונטערגיגאַנגען און איידער דאָס קריסטנטום איז גיבּוירן גיוואָרן. אָבּער צוזאַמען מיט די צוויי דערשיינונגען, וועלכע זענען גיקומען אין איין צייט, זענען צוגיקומען נאָך דריי סיבּות פאַר אַנטיסעמיטיזם, אויסמאַכנדיק צוזאַמען זיבּן יסודות פאַר דער פיינטשאַפט צו יידן. מיר וועלן אויסרעכנען די דאָזיקע דריי אין פאָלגענדיקן סדר:

1. אַ דערשיינונג אָן אַ גלייכן. עס ליגט אין דער נאַטור פון מענטשן צו קוקן מיט פאַרוואונדערונג און אומפריינטלעכקייט אויף אַ דערשיינונג, וואָס איז איינציק אין איר מין און האָט נישט צו זיך קיין בּיישפּיל. מיר זענען גיוואוינט, ווען מיר זעען עפּיס אַ זאַך, אַ לעבּידיקע אָדער אַפילו אַ נישט־לעבּידיקע, צו מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן דעם, וואָס מיר זעען פאַר אונדזערע אויגן און צווישן אַנדערע עקזעמפּלאַרן פון דעם זעלבּן סאָרט. דאָס שטאַמט דערפון, וואָס אַ דערשיינונג, וואָס איז איינע אין דער וועלט צושטערט דעם גאַנצן בּאַגריף, וואָס מיר האָבּן וועגן דער וועלט. אין דעם מאָמענט, ווען מיר זעען עס דאַכט זיך אונדז: ווען נישט דער אויסנאַם וואָלטן מיר פאַרשטאַנ'ן גוט און קלאָר דעם סדר העולם. אָבּער דער דאָזיקער יוצא מן הכּלל מאַכט חרוב אונדזער כּלל און פאַרניכטעט דאָס גאַנצע בּילד, וואָס מיר האָבּן פון דער וועלט. וואָס טוט מען מיט דעם דאָזיקן אויסנאַם, וועלכן מע קען נישט קלאַסיפיצירן, ווייל דאָס איז אַ קלאַס פאַר זיך? אַזאַ זאַך זעט בּיי אונדז אויס נישט נאַטירלעך, און פאַר אַלעם, וואָס איז נישט נאַטירלעך שרעקט מען זיך. עס מאַכט נישט קיין אונטערשיד צי עס איז שענער ווי אַנדערע זאַכן, אָדער מיאוסער. דער פאַקט, אַז עס איז צו קיין זאַך נישט גלייך, מאַכט, אַז מע זאָל זיך בּאַציִען דערצו פון דער ווייטן, ווי צו אַ רעטעניש, וועלכן מע קען נישט פאַרנעמען.

די יידישע נאַציע איז זייט דעם אונטערגאַנג פון דער יידישער מלוכה אַ דערשיינונג, וואָס איז איין איינציק אויף דער וועלט. עס זענען פאַראַן אַזוי פיל פעלקער, גרויסע און קליינע, אָבּער יעדע זיצט אויף איר ערד. און ווען עמיצער דערמאַנט זיך וועגן אַ גיוויסע אומה, וואַקסט קודם־כּל אויס פאַר זיינע אויגן דער געאָגראַפישער בּאַגריף, וואָס איז מיט דעם וואָרט פאַרבּינדן, אויך דער פאָליטישער בּאַגריף: אַ נאַציע הייסט אַ גיוויס פאָלק, וואָס זיצט אויף אַ בּאַשטימטן שטח ערד און ווערט רעגירט פון אַ גיוויסער מלוכה. אַ נאַציע, וואָס האָט נישט די דאָזיקע צוויי זאַכן, איז ניטאָ אונטער דער זון, אויסער די יידישע. ווען עמיצער דערמאָנט זיך וועגן דער יידישער נאַציע, וואַקסט נישט אַרויס פאַר זיינע אויגן ערד, לאַנד, גרעניצן, הויפּט־שטאָט און מלוכה. נאָר עס וואַקסט אויס פאַר די אויגן גאָר אַן־אַנדערער סאָרט בּאַגריף: אַ גרופּע מענטשן, וואָס וואוינען אין אַלע לענדער, אונטער אַלע קלימאַטן, אונטער אַלע רעגירונגען, אין אַלע הויפּט־שטעט. רעדנדיק אַלע שפּראַכן, און דאָך זייענדיק איין נאַציע, וואָס איז פאַרבּינדן פון איין עק וועלט בּיז דער אַנדערער מיט איין בּאַנד. עס איז אמת, אַז מענטשן פון אַנדערע נאַציעס וואוינען אויך אין פאַרשידענע לענדער, אָבּער דאָס זענען נאָר יחידים, דאָס פאָלק אַלס גאַנציס האָט איר בּאַשטימטן געאָגראַפישן זיץ און די יענע, וואָס גייען אַוועק אין אַנדערע מקומות, גייען טאַקי אונטער און פאַרמישן זיך

אין די פרעמדע סבּיבות, וואו זיי ווערן מגולגל.

די יידן אַליין זענען אַן־אויסנאַם: אַט איז אַ פאָלק, וואָס האָט בּטל גימאַכט דעם כּלל, אַ נאַציע דאַרף האָבּן אַ געאָגראַפישן זיץ אין אַ מלוכה. אַט איז אַ זאַך וואָס האָט נישט קיין גלייכן, האָט נישט קיין חברים, קען נישט אַריינגישטעלט ווערן אין דער קאַטעגאָריע פון אומות און איז דאָך אַן־אומה מיט לייבּ און לעבּן. אַ יוצא מן־הכּלל! אַ פּלא! און דערפון קומען אַרויס אַזעלכע פאַרשטעלונגען, ווי די פון „וואַנדערנדיקע יידן", און ענלעכע זאַכן, וואָס די גויאישע פאַנטאַזיע האָט גישאַפן אַלץ אויף דעם גרונט, וואָס די עקזיסטענץ פון דער יידישער נאַציע איז אַזוי נישט גלייך צו נאַציעס און איז דעריבּער נישט פאַרשטענדלעך.

2. די רעליגיעזע תּביעות. די צוויי רעליגיעס, וואָס זענען אַרויסגיקומען פון יידנטום איז, אויסער וואָס בּיידע זענען גיבּויט אויף דעם בּרענענדיקן חשק צו בּאַאיינפלוסן אַלימען צו זייערע אמונות, האָבּן זיי נאָך ספּעציעלע טענות צו יידן, זיי האַלטן זיך, אַז זיי זענען די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון יידנטום, דאָס הייסט אַלזאָ, אַז זיי זענען דאָס יידנטום און דאָס, וואָס יידן האָבּן די דאָזיקע אמונות פאַרוואָרפן, ווערט בּיי קריסטן און מאַכמעדאַנער אַלס אַן־אָפענע דערקלערונג פון יידישן פאָלק, אַז דער יסוד, אויף וועלכן בּיידע אמונות פאַרופן זיך איז אַ פאַלשער, אַז זיי זענען אַ פאַלשע אויס־טייטשונג פון יידנטום און אַז זייער טענה האָט נישט קיין גרונט. און דער האַלטונג פון מחמדן צו יידן זעט מען קלאָר דעם דאָזיקן פונקט. ער האָט דערוואַרט, ווען ער האָט גינומען פון יידנטום דעם פּרינציפּ פון אחדות און האָט גיהייסן זיינע נאָכפאָלגער צו טון תּפילה מיטן פּנים צו ירושלים, אַז די יידן וועלן אַקצעפּטירן זיין אמונה אַלס אַ המשך און אויסטייטשונג פון יידנ־טום, ווען ער האָט גיזען, אַז די יידן זענען אים און זיין תּורה מבטל, איז ער גיוואָרן אַ שונא ישראל.

דער צוזאַמענשטויס מיטן קריסטנטום איז גיווען נאָך אַ פיל שאַרפערער. דער בּאַגרינדער פון קריסטנטום האָט אַליין גישטאַמט פון יידן. ער און זיינע תּלמידים האָבּן גיזאָגט, אַז זיי זענען נאָכפאָלגער פון יידנטום. די יידן האָבּן זיי בּיים ערשטן שריט אַרויסגישכוויסן, זיי און זייער תּורה, פון אַלע גרעניצן פון יידנטום און פון יידישן לאַגער, אָפּשניידנדיק וועלכע שייכות, פאַרבּינדונג, בּאַציִאונג צווישן יידנטום און די נייע סעקטע. דער טויט פון בּאַגרינדער פון קריסטנטום, וועלכער איז פאַרוויקלט גיוואָרן אין אַ וואָלקן פון לעגענדיס האָט פאַרשאַרפט די שנאה פון די, וואָס האָבּן גיגלייבּט אין דער נייער אמונה צו דער נעגנערישער שטעלונג, וואָס יידן האָבּן גינומען צו דער קריסטלעכער אמונה. ווען די קריסטלעכע אמונה איז גיוואָרן די הערשערן אין רוים האָט זי זיך מיט רציחה גיוואָרפן אויף די יידן, וועלכע האָבּן אַזוי ווי זייערע אור־עלטערן נישט גיוואָלט געבּן קיין אָנערקענונג דעם קריסטנטום. אַזוי ווי די קרייצונג איז גיוואָרן דער עיקר פון דער קריסטלעכער אמונה און די יידן זענען גיווען פאַרמישט אין דעם, איז גיווען אַ בּרייט פעלד פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון האַס צווישן די בּאַרבּאַרן פון אייראָפּע, וואָס האָבּן אַקצעפּ־טירט דעם נייעם גלייבּן.

די דאָזיקע שנאה האָט נאָך היינט אויך איר קראַפט. ערשטנס, איז נאָך היינט אויך פאַראַן רעליגיעזער האַס. עס איז נאָך נישט אַזוי לאַנג די צייט, ווען קריסטלעכע סעקטיס גופא האָבּן צווישן זיך בּלוטיקע מלחמות גיפירט. און צווייטנס, איז שנאה אַ זאַך, וואָס ווערט אַ גיוואוינהייט, זינקט אַריין אין בּלוט און אין מאַרך פון די בּיינער און גייט איבּער בּירושה פון דור צו דור. די דורות ווערן גיבּוירן מיט דער שנאה און אויבּ דער רעליגיעזער האַס איז בּיי זיי שוין נישט שטאַרק, ווייל די אמונה איז בּיי זיי שוואַך, וועלן זיי אויסזוכן אַן־אַנדערן תּירוץ פאַר דער שנאה, זיי וועלן דעם אַלטן גיפיל געבּן אַ נייע פאָרים, אַזוי ווי ס'זענען פאַראַן מנהגים, וועלכע בּלייבּן בּיי פעלקער פאַרהייליקט טראָץ דעם, וואָס די סיבּות, וואָס האָבּן די דאָזיקע מנהגים אַרויס־גירופן זענען שוין לאַנג פאַרשוואונדן. מע האָט פאַר די אַלטע מנהגים נייע טעמים גיפונען און אַלץ איז אַזוי ווי פריער.

3. דער חוב, וואָס די וועלט איז אונדז שולדיק. איינע פון די הויפּט־סיבּות און אפשר די גרעסטע פון אַלע, איז דאָס, וואָס די וועלט האָט בּיי אונדז אַזוי פיל גינומען. מיר זענען די קרעדיטאָרס פון דער ציוויליזירטער וועלט. וואו מע גיט זיך אַ קער זעט מען אונדזער פאַרמעגן, אונדזערע אוצרות, וועלכע זיי האָבּן גינומען בּיי אונדז. מעטיוו אַרנאָלד זאָגט, אַז יעדער ציוויליזירטער מענטש האָט אין זיין גייסטיקן פאַרמעגן דריי פירטל פון

דעם יידישן פאָלק און איין פירטל פון דעם גריכישן, ווייל, זאָגט ער, פון יידן האָט די וועלט גינומען די כּללים, ווי אַזוי צו פירן זיך אין לעבּן, און דאָס בּאַטייט נישט ווייניקער, ווי דריי פערטל פון לעבּן. אַרנאָלד רעט פון דעם, וואָס פון יידן האָבּן קריסטן זייער גלייבּן גינומען. אָבּער אין אמתן האָבּן די יידן בּאַאיינפלוסט די היינטיקע ציוויליזירטע וועלט אויך דורך אַנדערע וועגן חוץ דער רעליגיע.

אַזוי איז עס, צום בּיישפּיל, אָנגינומען, אַז אין דער צייט, ווען די יידן האָבּן גיגעבּן צו אייראָפּע אַ רעליגיע, האָבּן די רוימער גיגעבּן אייראָפּע אַלץ וואָס האָט צו טון מיט גיזעצגעבּונג. אייראָפּע איז גיבּויט אויף דעם „לעקס ראָמאַנאַ" דעם רוימישן גיזעץ. דאָס וואָלט גיהייסן, אַז יידן האָבּן מיט דעם דאָזיקן צווייג פון ציוויליזאַציע גאָרנישט צו טון. קומט אָבּער דער גיוועזענער פּרעזי־דענט ווילסאָן, וועלכער איז אַ היסטאָריקער און אַ יוריסט און ער בּאַהויפּטעט, אַז דער יידישער איינפלוס האָט זיך פאַרצויגן אויך אויף דעם גיזעץ פון אייראָפּע. ער שרייבּט: „די גיזעצן פון משה, אַזוי גוט ווי די גיזעצן פון רוים, האָבּן גיגעבּן אידעאַל און בּאַגייסטערונג צו די מענטשן און אינסטיטוציעס, וואָס האָבּן איינגיאָרדינט די מאָדערנע וועלט". און ווען מיר וואָלטן גיהאַט אָפן די אויגן זעען די איידעלע עלעמענטן, וועלכע שטעלן צוזאַמען דעם עיקר פון אונדזערע היינטיקע מנהגים סיי אין פּריוואַט־לעבּן, סיי אין די עובדות פון שטאַט, וואָלטן מיר לייכט גיקענט בּאַרעכנען ווי גרויס עס איז אונדזער חוב צו יידן אויסער רעליגיע".

מ'איז אונדז שולדיק אַ גרויסן חוב. מיר האָבּן דער וועלט פיל טובות גיטון. אָבּער צו דעם, פון וועמען מע קריגט גרויסע טובות, קען מען זיך האַלטן אויף צוויי אופנים: אָדער מע צאָלט אים מיט פיל פריינטשאַפט אויס דאַנקבּאַרקייט, אָדער מ'האָסט אים טאַקי דערפאַר, וואָס מ'איז אים שולדיק אַ דאַנק. די מענטשן זענען מער גיניינט צו דעם צווייטן וועג ווי צו דעם ערשטן. פיינט צו האָבּן פאַר אַ טובה דאַרף מען נישט זיין דווקא קיין שלעכטער מענטש. דאָס איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג בּיי גיוויינטלעכע מענטשן אויך עס איז נישט אָנגינעם צו דאַרפן עמיצן דאַנקבּאַר זיין, עס איז נישט אָנגינעם צו זיין צו עמיצן פאַרפליכטעט.

ווען איר דאַרפט עמיצן דאַנקבּאַר זיין, שטעלט עס יענעם איבּער אייך, עס מאַכט אייך קלענער פון אים, ווייל איר זייט מקבּל די טובה. מערסטן טייל מענטשן האָבּן נישט אַזאַ מאָראַלישן כּוח און ווען זיי זענען עמיצן פיל שולדיק, ווען זיי האָבּן אים אַ סך צו פאַרדאַנקען, קריגן זיי אים פיינט.

גויים קענען צו יידן גלייכגילטיק נישט זיין. זיי זענען צופיל מיט יידן פאַר־בּינדן. די בּיבּל איז אַ יידישע, די הייליקע ערטער בּיים קריסט זענען אין ארץ־ישראל, ווען ער קומט אין קירכע — הערט ער דעם גיזאַנג פון יידישן תּהלים. פיר הונדערט מיליאָן קריסטן זענען פאַראַן און זיי קענען קיין נייעם תּהלים נישט מאַכן און מוזן נוצן דוד בּן ישיס און אַפילו ווען ער איז נישט פרום, קען ער משה, ישעי' און עמוס נישט מבטל זיין. ער מוז דעריבּער אָדער ליבּן יידן פאַר דעם גרויס, וואָס זיי האָבּן גישאַפן, אָדער נישט פאַרגינען זיי דעם כּבוד און זיי פיינט האָבּן. צו געבּן פולע אָנערקענונג און דאַנקבּאַר זיין צו אַ שוואַך פאָלק, וואָס איז אומעטום אַ מינאָריטעט, ווילט זיך נישט. קלויבּט מען אויס דעם אַנדערן וועג. לאָיד דזשאָרדזש האָט גיזאָגט: ס'זעט אויס זייער נישט לאָגיש צו זינגען זונטיק אין קלויסטער יידישע גיזאַנ־גען און גיין מאָנטיק מאַכן אַן־אָנפאַל אויף יידן. עס איז אַ סבּרא, אַז דער אָנפאַל פון מאָנטיק קומט דווקא צוליבּ די יידישע גיזאַנגען אין זונטיק. וואָס גרעסער דער חוב, אַלץ גרעסער די שנאה.

ז. שאַכנאָוויטש

פראַנקפורט א. מ.

די אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציע אין דער געשיכטע

„די תּורה דאַרף נישט קיין אָרגאַניזאַציע, זי טראָגט איר ווערבּירונג-כּוח אין זיך גופא. וואו און ווען האָט מ ן דאָס פאַר דער תּורה גיטריבּן פּראָ־פּאַגאַנדע?"

די דאָזיקע איינווענדונג קען מען הערן אומיטום, וואו ס'גיפינען זיך יידן, וואָס שטייען רעכטס פון דער אָרגאַניזירטער אָרטאָדאָקסיע און שליסן זיך אויס פון איר אַרבּיט. און דערבּיי פאַרגעסן זיי, אַז די אָרגאַניזאַציע איז גיווען קודמת לתּורה. פאַר קבּלת התּורה האָט גימוזט קומען יתרו און מיט אַ גיזעצ־מעסיקער קערפּערשאַפט שאַפן די ראַמען פאַרן סיני-גזעץ און קיינמאָל וואָלט יתרו נישט גיווען דורכגיפירט זיינע אָרגאַניזאַציע-פּלענער, ווען ער וואָלט נישט פאַר זיי גיפינען קיין מקור אַ נים פאָלק, אין משה רבּינו, אין דער תּורת-אלוקים אַליין.

די אָרגאַניזאַציע איז ג—טלעך, שטאַמט פון ג—טס רצון — „איש על דגלו" (יעדער בּיי זיין פאָן!). און לערנט מען מדרש, אַזוי קען מען אַ יך וויסן ווי אַזוי ס'האָבּן אויסגיזען די פאָנען, די הערבּן און צייכנס.

ראובן האָט גיהאַט אַ דודאים-בּילד אויף אַ רויטער פאָן; שמעון האָט גיהאַט די שטאָט שכם אויף גרינים טוך; לוי האָט גיהאַט אַ דריי-פאַרבּיקע פאָן מיט אַן־אורים דערויף; יהודה האָט גיהאַט אַ ווייסן לייבּ אויף אַ בּלאָען גרונט און אַזוי ווייטער — בּיז בּנימין, וועלכער האָט אין זיין פאָן פאַראייניקט אַלע פאַרבּן און דער וואָלף איז גיווען זיין הערבּ.

נו, יאָ, וועט מען שאַקלען מיטן קאָפּ: „מדרש!"... פאַר אונדז אָבּער איז גראָד דער דאָזיקער מדרש אַ היסטאָרישער מקור פון גרעסטן חשיבות פאַר די יידישע פאַרבּן און פאָנען, נאָך וועלכע מע זוכט היינט אַזוי נאָך אין די אַרכיוון.

אָבּער אַפילו פאַר יענע, וואָס ווילן זיך נישט שטיצן אויפן מדרש אַלס היס־טאָרישן מקור — איז דאָך אָבּער בּכל אופן די ציטירטע שטעלע אַ בּולט ציינגניש פון דעם איינגיבּוירינים חוש פאַר פאַרבּ. און פאַרים פון דעם רצון צו אַ פעסטן צונויפבּונד פון פאַרבּאַנדן — לכל הפּחות אין דער צייט פון מדרש. ובכן, אין אָנהייבּ פון אונדזער צייט-רעכינונג און אין דעם ערשטן יאָר־הונדערט נאָך אונדזער צייט-רעכנונג.

די ערשטע נאָכווייזבּאַרע, פעסטע יידישע אָרגאַניזאַציע אַלס אַזעלכע, איז די „כּנסת-הגדולה", וואָס איז גיגרינדעט גיוואָרן דורך עזרא הסופר בּשעתן בּית שני, ווען מינס ערשטע מיטגלידער ס'זענען נאָך גיווען די לעצטע נשיאים, און ווען מינס לעצטער פאָן-טרעגער ס'איז גיווען שמעון הצדיק, דער ערשטער פון די תּנאים.

דאָס איז די אָרגאַניזאַציע, וואָס איז בּאַשטאַנען פון הונדערט צוואַנציק מענטשן, די בּעסטע פון פאָלק און האָט קרוב צוויי הונדערט יאָר אָנגיפירט מיט די נאַציאָנאַלע, גייסטיקע און טיילווייז אויך ווירטשאַפטלעכע ענינים פונים פאָלק, בּיז זי איז איבּערגיגאַנגען אינים רעליגיעזן סנהדרין.

ווען מיט 1867 יאָר צוריק האָט טיטוס הרשע חרוב גימאַכט די יידישע מלוכה, איז די אָרגאַניזאַציע נאָך נישט גיווען צובּראָכן.

די סנהדרין, וועלכע איז נאָך פריער אַוועק אין די ווייגערטנער פון יבנה („כּרם בּיבנה") האָט ווייטער גילעבּט און גיאַרבּיט.

שפּעטער, אין דער צושפּליטערונג פון גלות, האָבּן שוין מער נישט עקזיסטירט קיין בּעלקים און שוועלן פאַרן אויפבּוי פון אַן־אָרגאַניזאַציע, און פון דעסט וועגן —

דער אָרגאַניזאַציע-רעיון אַלס אַזעלכער, איז קיינמאָל נישט גיווען אויסגילאָשן, ער האָט תּמיד גיזוכט נייע פאָרמען און וואָלט זיי אויך גיפונען, לויט דער מאָס פון לאַנד, פון דער צייט און פון די בּאַדינגונגען.

אין בּבל איז אין שפּיץ גישטאַנען דער ראש בּית-דין. אין ארץ-ישראל האָט דער נשיא פאַרטרעטן דאָס פאָלק כּלפּי פּנים און כּלפּי חוץ.

שפּעטער, בּשעת די מוזולמענישע האַלבּע לבנה האָט רעגירט אין בּבל, זענען די גאונים גיווען די גייסטיקע פירער, וועמען די גאַנצע תּפוצות הגולה האָט בּאַטראַכט אַלס אירע גייסטיקע מנהיגים. דאָס האָט גידויערט בּערך זעקס הונדערט יאָר, בּיז צום יאָר 1000, בּיז צום אויפגאַנג פון דער נייער זון פון שפּאַנישן קאַסטיליע.

דאָרט איז אין אַלע צייטן גיווען דער יידישער פירשט, וואָס פלעגט גיוויינט־לעך זיין דער בּעל־יועץ פון קאַליף אָדער מלך, איז גיווען זיין בּאַנקיר אָדער לייבּ-דאָקטאָר און ער איז עס גישטאַנען בּראש פון דער יידישער קהלה.

איין מאָל האט ער גיהייסן חסדאי, אַ צווייט מאָל שמואל הנגיד, אַנ אַנדער מאָל — אַבּרבּנאל.

ס'האט קיינמאָל נישט גיפעלט דער ריכטיקער מענטש אויפן ריכטיקן פּלאַץ.

דער מיטל-אייראָפּעאישער מיטלאַלטער איז גיוועזן דער טונקעלער פּונקט פון אונדזער, און אַפילו פון דער גאַנצער וועלט-גישיכטע.

דעמלט האבן שוין אונדזערע עלטערן אין געטאָ גימוזט פאַרלירן יעדן חוש פאַר שיינקייט, פאָרים, פאַרב, אָרדינונג און לעבנס-ריטם — ובכן פאַר אַלים, וואָס האט אַ שייכות מיט אָרגאַניזאַציע.

נישט בלויז אַליין צוליבן הערמעטישן זיין אָפּגישלאָסן אין געטאָ זייט דעם יאָר 1216.

אבער טראָץ אַלים — האט דאָך עקזיסטירט די אָרגאַניזאַציע.

ווי אַזוי וואָלט עס מעגלעך גיוועזן, אַז רבינו גרשון זאָל שאַפן תקנות, וואָס האַלטן אויס טויזנטער יאָרן; אַז דער מהר"ל זאָל אין 15—16 יאָר-הונדערט זאַמלען מנהגים און ניגונים, וואָס באַהערשן נאָך היינט — אין פינף הונדערט יאָר אַרום — אונדזערע בתי-תפילה, ווען אונטער זיי זאָל נישט גיוועזן שטיין אַ מאַכט, אַנ-אַ מזעבאַרע אָרגאַניזאַציע פון יידנטום.

דער שולחן-ערוך, אין וועלכן ס'האבן אַ חלק צוויי יאָר-הונדערטער — פון דרייצן הונדערט ביז פופצן הינדערט — אין דריי לענדער, איז די גיוואַלטיקסטע אָרגאַניזאַציע, וואָס די וועלט האט ווען אַמאָל גיזעען און די מלוכה פון גייסט — די גרעסטע און שטאַרקסטע פּעולה און צוזאַמענבונד, וואָס איז ווען אַמאָל אַרויסגיגאַנגען פון אַ ספר — נאָך דער תורה — פאַר אַ גאַנץ פאָלק, פאַר אַלע צייטן.

דאָס דאָזיקע וואונדער-ווערק האט זיך אָנגיהויבן אין דייטשלאַנד מיטן „ראש" און „בעל הטורים". האט זיך גיצויגן אין צפת מיט רבינו יוסף קארו און האט זיך גיענדיקט אין פוילן מיטן רמ"א אין קראָקע.

דווקא פוילן און די מזרח-לענדער, וועלכע מע זאָגט נאָך היינט גערן אָפּ יעדן חוש פאַר שיינקייט און אָרדינונג, פאָרים און „פאָרום" — האבן גראָד גישאַפן אין מיטל-אַלטער די שענסטע און שטרענגסטע אָרגאַניזאַציע, וועלכע מע קען באַטראַכטן אַלס די נאַטירלעכע פאָראויסגייערן פאַר דער אגודת ישראל — היינו: דעם „וועד ארבע ארצות" („דער קאָמיטעט פון פיר לענדער").

די טעמע אין ליידער צו ווייניק באַקאַנט און גראָד די אָרטאָדאָקסיע דאַרף מיטן דאָזיקן מאַטעריאַל זיין באַקאַנט.

דער דאָזיקער קאָמיטעט, אָדער דער דאָזיקער יידישער קאָנגרעס, האט אַרומגינומען די פיר לענדער: פוילן, ליטע, רוסלאַנד און גאַליציע.

ער איז גיוואָרן גיגרינדעט בערך אין יאָר 1520 ביים קיניג זיגמונט און האט עקזיסטירט איבער צוויי הונדערט יאָר, ביז דער צווייטער העלפט פון אַכצנטן יאָר-הונדערט.

זיין צוזאַמענשטעל איז גיוועזן אַזוי: יעדעס לאַנד האט גיהאַט אַזאַ מין לאַנד-אָרגאַניזאַציע מיט אַ רבנים-ראַט.

די רבנישע ראַטן פון אַלע פיר לענדער זענען זיך צוויי מאָל אין יאָר צונויפגיקומען אויף אַ קאָנגרעס, בשעת די גרויסע ירידים אין לובלין און אין יאַראָסלאַוו אין די חדשים אדר און אלול. זייערע חוקים און תקנות האבן מחייב גיוועזן אַלע אַנדערע.

אבער אויך מחוץ די לענדער, אויך אין דייטשלאַנד, אַפילו אין די מזרח-לענדער, האט מען זייערע החלטות גינומען פאַר אַ ריכט-שנור און מ'האט זיך גיריכטעט לויט זייערע פּסקים.

צו זייערע קאָמפּעטענצן האט גיהערט די רעאַליזירונג פון יידן-שטייער, די אָרגאַניזאַציע פון די קהלות, דאָס אויסבויען פון די פאַרשידינע מוסדות אא"וו.

אָפט מאָל האט מען גידאַרפט אויסגלייכן סכסוכים אין קהלות און אין ציבורים.

די רעגירונג-מאַכט האט שטאַרק גיאַכטעט די תקנות פון „וועד". זיי האבן גיקענט אַרויפלייגן געלט-שטראָפן אויף די קהלות, וואָס האבן נישט גיוואָלט פאָלגן. און די יחידים וואָס האבן זיך אַקעגנגישטעלט, האבן זיי גיקענט צווינגען מיטן כלי-זיין פון חרם.

דער „וועד ארבע ארצות" איז אויך גיוואָרן צוגיצויגן צו גרויסע אויפגאַבן — אונטערצושטיצן הילפס- און רעטונג-אַקציעס, ווען יידן-ברידער זענען ערגיץ-וואו אַריינגיפאַלן אין נויט.

יראש אדער אין צענטר פון „וועד" זעען מיר מענטשן פון גרויס חשיבות.

לאמיר בלויז אָנרופן די נעמען: רבי מרדכי יפה (לב"ש), מהרים מלובלין, רמ"א, של"ה, מהרש"א. אויך דער מהר"ל מפּראַג פאַררופט זיך אויף החלטות פון „וועד ארבע אַרצות".

אין זיבעצנטן יאָר-הונדערט איז דער גלאַנץ פון „וועד" שוין גיוועזן, ליידער אַזוי ווי-ס פאַרבלאַסט, אַז ער האט נישט גיקענט מאַכן קיין סוף צו דער שבתי-צבי-בלאַנדזשעניש. הונדערט יאָר שפּעטער האט ער נישט מער גיהאַט קיין כּוח זיך אַריינצומישן אינים אַלטאָנער סכסוך, הגם מ'האט זיך צו דעם „וועד" גיווענדעט וועגן דעם.

אמת, בלויז נעמין אין באַטראַכט, אַז סיי אַמסטערדאַם און די מזרח-לענדער וואָס זענען אַממייסט גיוועזן אָנגיגריפן פון דער שבתי-צבי-באַוועגונג, סיי אַלטאָנע, דער מקום פון יעני סכסוך — האבן נישט גיהערט צו דעם ממשלה-שטח פון „וועד".

אין דער שול פון רמ"א אין קראָקע ווי אויך אין פויזן גיפינען זיך נאָך פּראָטאָקאָלן פון „וועד ארבע ארצות". אין לובלין זענען אבער ליידער די לעצטע כתבים פאַרברענט גיוואָרן.

אין אַכצנטן יאָר-הינדערט האט זיך דער אָרגאַניזאַציע-גידאַנק פון „וועד ארבע ארצות" איבערגיטראָגן אויף די דעמלט אויפגיקומינע און שנעל-וואַקסנדיקע חסידות-באַוועגונג.

דער רבי איז די אָרגאַניזאַציע.

ער איז די מויער, אין וועלכער אַלע קעגן שטרעמונגען ברעכן זיך צוזאַמען. ער איז דער מיטל- און זאַמל-פּונקט פון זיינע חסידים. עס איז דאָ די גירעכטיקייט, וואָס גלייכט אויס, וואָס נעמט צו דאָס צופיל פון איינים און גיט עס דעם צווייטן. זיין וואָרט איז אַ באַפעל.

דער חסידים-רבי שטעלט נאָך היינט פאַר אַ גיוויסע פאָרים פון אָרגאַניזאַציע — ווען מין וויל די אַלער-אַדערנסטע פאָרים. דעם פירער-פּרינציפּ.

גלייך נאָך דער עמאַנציפּאַציע פון די יידן, איז דער דראַנג צו אָרגאַניזאַציע צום ערשטן גיקומען צום אויסדרוק אונטער נאַפּאָלעאָנס ממשלה.

אין יאָר 1866 איז זיך אין פּאַריז צוזאַמענגיקומען אַ פאַרזאַמלונג פון נאָטאַבלין, אַן פון דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג איז אַרויסגיקומען די „סנהדרין", וואָס האט אַ צייט לאַנג אויפגיוועקט גרויסע האָפנונגען און איז אבער באַלד פאַרזונקין אין תהום פון פאַרגעסנקייט.

ס'האט דערפון גיקאַנט אַרויסקומען עפּ"ס גוטס און וויכטיקס ווען בּראש פון די סנהדרין וואָלטן זיך נישט גיוועזן גישטעלט אַ זעלכע מענטשן וואָס האבן אונטערן באַגריף עמאַנציפּאַציע פאַרשטאַנען קודם-כל — עמאַנציפּירונג (באַפרייאונג) פון תורה און מצוות.

די שריפטלעכע וואַל איז פאַרגיקומען אין שבת, אונטערן פאַרזיץ פון פּוטאַרפּא.

די תשובה אויף די צוועלף פראַגן, בּראש פון וועלכע ס'האט זיך גיפינין די שאלה וועגן „נשואי-תערובות" (גימישטע חתונות) איז אויסגיפאַלן אין גאַנצן לויט דער כּוונה פון דער נאַפּאָלעאָנישער פעלקער-צונויפמישונג. דאָס האבן די עטלעכע פרומע רבנים נישט גיקענט פאַרהיטן.

אַ שמייכל פון קייזער איז פאַר די הערן מער ווערט גיוועזן ווי די סיני-דונערן און די תוכחות פון די נביאים.

נאָר צוליבן קורצן קיום פון אַט דעם מוסד איז צו פאַרדאַנקין, וואָס ס'איז אויסגימיטן גיוואָרן ווייטערדיקע פּירעניותן — די לעצטע שפּורן קען מין נאָך דערקענין אין די קאָנסיסטאָריעס און קירכן-ראַטן פון דרום-דייטשלאַנד פון וועלכע מע מוז אָנערקענין, אַז זיי הייבן היינט זיך אָן צוריקצוקערן אויף יידישע וועגן.

אין דער צווייטער העלפט פון נײַנצנטן יאָר-הונדערט האט גיפּרואווט זיך צו באַנוצן מיטן אָרגאַניזאַציע-גידאַנק, וואָס לעבט תמיד אין יידנטום — אַ חוץ דעם ציוניזם, וואָס איז אויסוואַקסנדיק די נויט-קאָניונקטור, זיך צוזאַוואַקסן צו אַ מעכטיקער וועלט-אָרגאַניזאַציע — אויך דאָס ליבעראַלע יידנטום אין דייטשלאַנד, פילנדיק זייער אייגן הוילקייט פון האַלט-לאָזיקייט, האבן זיי גיוואָלט זיך אָנכאַפּן אין דאָזיקן אָרגאַניזאַציע-גידאַנק און אַזוי-אַרום זיך פאַראַנקערן.

ס'איז גינוג צו דערמאָנען אין דייטש-איזראַעליטישן „גימיינדע-בונד" אין דעם „פאַרבאַנד דער דויטשען יודען". ס'איז גינוג צו דערמאָנין די יאָרן לאַנגע פּרואוון צו גריגדן אַ דאַך-אָרגאַניזאַציע פאַר די יידן פון דער גאַנצער דייטשער מלוכה.

נאָר דאָס תורה-גיטרייע פאָלק איז גיזיצן מיט פאַרלייגטע הענט.

די אַקטואַליזירטע כנסת-ישראל

דר. יצחק ברויער

די יידישע יוגנט דרייט זיך אַרום אַן אויסזיכט צו קענין גרינדן אַן-אייגן הויז, אַרומגירינגלט פון דער כוואַליע פון וואָס אַמאָל מער זיגרייכן נאַציאָנאַליסטישן אַנטיסעמיטיזם, און זי וואַקלט זיך — די יידישע יוגנט — צווישן דעם רעטונגס-אַנקער פון כּרייען ציוניזם און מאַטעריאַליסטישן סאָציאַליזם.

הגם סיי פּאַלעסטינע אַלס יידישע מלוכה, סיי דער סאָציאַליזם אַלס אויסלייזנדיקער וועלט-אָרדינונג, קענין ביידע נישט באַטראַכט ווערן פאַר אַ ציל, וואָס מוזן שוין תיכף ומיד דערגרייכט ווערן; פון דעסט וועגן זעט זיך פאַר די אויגן פון דער יוגנט אין די ביידע שטרעמונגען על-כּל-פּנים אַ פּרווו פאַר אָפּהאַרן אין דער צוקונפט, שטייען דאָך ביידע לכל-הפחות אין צוזאַמענהאַנג מיט רעאַלן געגנוואַרט-מצב און געבּן אויף די עקזיסטענץ-פראַגע וואָס דרינגט אַרויס פון אַט דעם מצב, מיט וואָס אַמאָל מער צודרינגלעכקייט, אַ קלאָרע, אידעאָלאָגיש אונטערגיבויטע, — תשובה.

אָבער אַט זען זיי די אָרטאָדאָקסיע, אויב זי לאָזט פון זיך בכלל הערן, גיט אַרויס די לאָזונג: מ'מוז אַלע כּלל-אויפגאַבן אינם הווה-לעבן פאַרענטפערן אין גייסט פון דער תורה; אבער מע זעט דאָך נישט קיין ערנצטן פּרואוו די דאָזיקע אייביקע באַשטימונג פונים יידישן פאָלק וואָס שטייט איבער דער צייט — צו מאַכן גילטיק פאַר יעדער געגנוואַרט, צו ברענגען אין שייכות צו דער געגנוואַרטיקער געגנוואַרט און צו מאַכן דערפון אַן-אָנערקענטן פּראָגראַם, וואָס זאָל דינען אַלס כּוח-הדוחה פאַר די יחידים און דעם ציבור, און זיי אַרויסהייבן פון די טאָג-גישעענישן, און זיי אויפווייזן זייערע התחייבותן, וואָס זיי דאַרפן שוין טון: די יידישע יוגנט לאָזט זיך דעריבער טרייבן פון די פאַרשידינע צייט-שטרעבונגען פון אַלגימיינער פּאָליטיק — און זוכט נישט צו שעפּן התחזקות פון פנימיותדיקן דין פון יהדות.

צוזאַמען מיטן פאַלן פון די טויערן פון געטאָ האט דאָס יידישע פאָלק אויפגיהערט צו פירן אַן-אייגן לעבן — פּאָליטיש ווי סאָציאַל. אומיטום אויף דער גאַנצער וועלט ווערן די גלידער פון יידישן פאָלק אַריינגיצויגן אין די אַלגימיינע פּאָליטישע גישעענישן.

אַמאָל פלעגן די כוואַליעס פון די דרויסנדיקע שטרעמונגען זיך צוזאַמענברעכנגין נישט מחמת דעם, ווייל מיר האבן נישט גיהאַט קיין כּוח, נייערט ווייל מיר האבן גיגלויבט צו האָבן אין זיך — צופיל כּוח.

צו-וואָס אָרגאַניזאַציע אויב מיר האבן די תורה, צו-וואָס פּראָפּאַגאַנדע, ווען מיר טראָגן אין זיך דעם ווערב-כּוח פון ג—טלעכן גיזעץ?

אַפילו אין אַ צייט, ווען אַלץ האט זיך צונויפגיזאַמלט אין צוזאַמענגיבונדן, ווען אין מלוכות האט מין נאָר אונטערגיהאַנדלט מיט אָרגאַניזאַציעס פון זייערע אָנפירער — אין אַזאַ צייט פון אַלגימיינער צייט-זאַמלונג, איז דאָס פאָלק פון די תורה-גיטרייע גישטאַנען אָן אַ טריבונע, אָן אַ לייטונג-שטים און הילפלאָז — און האט גימוזט צוזען, ווי נישט-באַרופענע וואָס האבן קיין שום שייכות נישט צו אונדז, און האט נישט קיין שום אינטערעס פאַר דעם. וואָס ס'איז אונדז הייליק, רעדן אומגיבעטן אין אונדזער נאָמען.

קיין פאַרטייטשר פון דער יידישער נשמה האבן די דאָזיקע פאַרשיינין נישט ביקאַנט זיין; דאָס יידישע האַרץ, וואָס האט זיך אָפט גיפילט שטאַרק גיטראָפן, האט זיך גיצאַפּלט אין שטומין ווייטיק און איז גיבליבן שטום.

צוליב די דאָזיקע נויטן פון באַטראַכטונגען האט רש"ר הירש זצ"ל פאַר עטלעכע פיפציק יאָר גישאַפן „די פרייע פאַראייניקונג פאַר די אינטערעסן דאָס אָרטאָדאָקסן יידנטום", וועלכע איז גיוועזן די ערשטע תורה-גיטרייע אָרגאַניזאַציע אין דייטשלאַנד און אַפילו אין דער גאַנצער וועלט.

ליידער איז אים נישט באַשערט גיוועזן צו זען די קרוינונג פון זיין ווערק, די אָרגאַניזאַציע פון אָרטאָדאָקסישן וועלט-יידנטום אין אגודת-ישראל.

די השלמה פון דער דאָזיקער כּחת-זאַמלונג איז גיוועזן באַשערט אויסצופירן זיינע תלמידים, וואָס האבן פאַרוואַלטיט מיט זיין ירושה אין זיין גייסט — דורך דער גרינדונג פון דער אגודת-ישראל-וועלט-אָרגאַניזאַציע.

פון זיינע ערשטע אויפרופן אין די רעיונות וואָס זענען דאָרט אַנטוויקלט, זעט מין גינוי בולט אַרויס, אַז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע אגודת-ישראל האט גישוועבט פאַר זיינע אויגן אַלס לעצטער ציל. און ער האט קרוב פאַר זיין פּטירה גישאַפן די „פרייע פאַראייניקונג" — זיין לעצט גיזאַנג, וואָס איז גיוואָרן אַ מקור-ברכה פאַר די קומינדיקע דורות.

ביי די מויערן פון געטאָ.

אבער היינט זענען מער נישטאָ קיין גרעניצן פאַר גייסטיקע באַוועגונגען. זיי פּאַקן אונדז קליגן אונדזער חילן, און מיר מוזן זיי אַקעגנשטעלן אַ פעסט באַוואוסטזיניק יידנטום.

דער ציוניזם האט אַ סך צוגיהאָלפן דערצו אונדז אַריינצופירן אין די אַלגימיינע פּאָליטיק. אין זיין יסודותדיקן אָפּפאַל פון דעם יידישן אייגנאַרטיקן תכלית, קען דער ציוניזם אין זיך אַריינעמען אַלע שטרעמונגען אין דער אַלגימיינער פּאָליטיק און אַזוי אַרום פאַרטאָפּלט ער די סכּנה, וואָס דראָט אונדז פון דרויסן.

פון אינעווייניק און פון דרויסן איז די יוגנט „היינט" באַדראָט, אין נאָר דער גישיכטלעכער חשבון-הנפש פון אונדזער פאָלק. נאָר דער לעבעדיקער ציבור פון די אַקטואַליזירטע כנסת-ישראל — נאָר אגודת-ישראל קען אונדז ראַטעווען.

אגודת-ישראל איז דער יידישער פאַרבאַנד, וואָס ווייזט אונדז דעם וועג פון אונדזערע אויפגאַבן, פירט אָן מיט אונדזערע גישיכטלעך לעבן און שטעלט אונדז אין גייסט פון אחרית-הימים, די גאולה פון אונדזער פאָלק און פון אַלע מענטשהייטס-פעלקער.

אין די פאַרגאַנגינע יאָר-הונדערט, וואָלט עס אפשר גיוועזן גינוג ווען יעדער פון אונדז וואָלט זיך גילעבט מיט זיך אַליין, אַ לעבן פון תורה-גיטרייקייט, נישט נעמנדיק אין באַטראַכט דעם היסטאָרישן תכלית פון זיין קיום און די שייכותן צום אַרום.

אבער היינט, איז אַ צייט ווען די קאַמפן און סכסוכים צווישן נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם: די אחריות צווישן נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם דרינגען אַריין אין יעדן פאַרוואָרפנסטן ווינקל. היינט איז אַ צייט ווען דער ציוניזם וואָס האט אַריינגידרונגען אין יידישן פאָלק האט איבערגינומין אַלע מענטשהייטס-פּראָבלעמין „כּכל הגויים" און טוט זיי אַריינטראָגן אין אונדזער מחנה נישט לאַזנדיק זיי לייטערן דורך דער תורה.

אין אַזאַ צייט איז נייטיק אַן-אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל דורך שטענדיקע לערע און חינוך-אַרבּיט, דורך סדרדיקע מעשים פון היסטאָרישן כאַראַקטער אַרויסשטעלן דאָס אמתדיקע יידישע פאָלק — די כנסת-ישראל; ס'מוז עקזיסטירן אַזאַ באַוועגונג, וואָס זאָל די געטלעכע צילן פון יידישן פאָלק קלאָר מאַכן פאַר אַלע יחידים און אויפקלערן זייערע הערצער פאַר די דאָזיקע אויפגאַבן. ס'מוז זיין אַ פּראָגראַם וואָס זאָל אָנצייכנען די פאָדערונגען פונים טאָג, וואָס דרינגען אַרויס פון די דאָזיקע גישיכטלעכע צילן. די הויפּט-זאַך: ס'מוז עקזיסטירן אַ יוגנט וואָס זאָל זיין גיפירט דורך די גדולי-התורה, און זאָל דערצויגן ווערן פאַר אמת-יידישע מענטשן, וואָס זאָלן זיך מיט התלהבות און מסירת-נפש שטעלן אין דינסט פון דאָזיקן פּראָגראַם און אין זיין פאַרווירקלעכונג זאָלן זיי זען זייער אמתדיקן לעבנס-תוכן — דורך אגודת-ישראל.

גאַנץ אַנדערש וואָלטן מיר שוין היינט גיהאַלטן ווען אגודת-ישראל וואָלט גיוועזן אָנגיהויבן שוין לאַנג איר אָנגיהויבענע אַרבּיט, צו דערציען די יוגנט פאַר באַוואוסטזיניקע מיטגלידער פון כנסת-ישראל.

אין מאַרק פון יידישן פאָלק פּרעסן זיך איין דער ציוניזם, דער ליבעראַליזם און דער קאָמוניזם.

אַנטקעגן זיי מוז גישטעלט ווערן די שטים פונים אמתדיקן עכטן און כנסת-ישראל-וואָרצלדיקן יידישן פאָלק.

אגודת-ישראל איז דער כלי-מכשיר. טראָץ אַלע שווערע פעלערן און חסרונות וואָס זענען באַגאַנגען גיוואָרן אין עבר דורך די אגודיסטישע פירער — איז דאָך תמיד דער גרונט-גידאַנק פון אגודת-ישראל, גיבליבן דאָס פון דער יידישער תורה באַהערשטע יידישע פאָלק, וואָס מוז גימאַכט ווערן טאַטפעיק.

אין פוילן אַנטוויקלט זיך דאָס תורה-גיטרייע יידנטום אונטער דער אגודיסטישער פאָן צו זעלבסט-באַוואוסטער מעשים-גרייטשאַפט; אונטער דער אגודיסטישער פאָן איז די טעכטער-דערציאונג גישטעלט גיוואָרן אויף אַ גייען פעסטן יסוד (בית-יעקב).

אין ארץ-ישראל ווערט אונטער דער אגודיסטישער פאָן גיפירט דער קאַמף פאַרן זיין אָדער נישט זיין פון דעם תורה-פאָלק.

אגודת-ישראל איז און בלייבט די פאַרקערפּערונג פונים רעיון פון ג—טס פאָלק וואָס איז גיטריי די תורה און שטרעבט אויסצופירן אירע גיבאָטן דורכן שטורים פון די צייטן.

יהודה לייב אָרלעאַן

וואָס איז מוסר?

ח.

די שאלה, ווי אזוי די מענטשלעכע טבע האט גיווירקט לגבי דעם מוסר, איז גאָר נישט אזוי קאמפליצירט. ווער ס׳פאַרשטייט נאר דעם מוסר־באַטייט, דעם איז ממילא קלאָר וואָסער פאַרהעלטניש ס׳האט די טבע צום מוסר. לגבי דעם מענטש הייסט טבע: רויקייט, אומגיצווימטקייט, פארמלאזיקייט. אומיטום, ביי דער גאַנצער שטומער בריאה, באַטייט טבע כמעט ווי פאַרטיקייט. גיפארימטקייט. ביים מענטש ווערט אבער מיט טבע גימיינט: נישט גיפירט פונים דעת, נישט גילעבט מיט רעכינונג, נישט איינגישטעלט צו אַ תכלית. צונערשט איז טבע. שפּעטער קומט ערשט מוסר. אויב אזוי זי קלאָר, אַז טבע דערלאזט נישט מוסר, אַז טבע שפּאַרט אָפּ מוסר. די שאלה איז נאר: וואָסער אייגנשאַפט איז ספּעציעל סותר דעם מוסר?

לויט דער פעסטגישטעלטער דעפיניציע, אַז מוסר פאדערט סטאַבילע אַרביט. שטענדיקע עבודה, סיסטעמאַטישער התבוננות, שטערט גיווי‫ן דעם מוסר די נאַטירלעכע עצלות. אַ מענטש איז בטבע פויל. אים רייסט נישט צו שלמות. אים איז באַקוועמער דער רויער מצב. מוסר פאַרלאַנגט אבער קיילעכדיק גוטס בפועל ממש; על כל פנים דאָס מעגלעכסטע שייכות צו שלמות. דעם מענטש גינוגט אבער האלבקייט, ברעקלדיקייט, ווייל ס׳איז לייכטער, ווייל ס׳פאדערט וויניקער אָנשטרענגונג. שלמות פאדערט אבער יגיעה. צו דעם איז ער צו פויל. אויב עמיצער פאַרמאָגט אַפילו עפּיס, וואָס שטויסט אים צו עקספּאַנסיע, בלייבט ער פארט אומפריי פונים נאַטור־עצלות. זי פאַרלייגט דעם וועג צו שלמות אַפילו ביי שטאַרקער ווילנס קראַפט. אַפילו דער גרויסער בעל ענערגיע בלייבט אינדערמיט, דערגייט נישט ווייט. אמת, אים באַפרידיקט נישט די דערוואַרבינע ידיעה, אים ציט תמיד צו חידוש, צו דער האריזאנטאַלער ליניע אַפילו צום פאַרהוילינים סוד. אבער ווי נאר ער דערזעט דעם חידוש אינים חיצוניות פונים אביעקט, לויפט ער ווייטער, בלייבט ער נישט דערביי, פאַרלירט ער צו אים דעם אינטערעס. וואָס איז? די נאַטירלעכע עצלות דערלאזט נישט צו דער העמקה אינים פנימיות, צו דער חידוש־זוכיניש אינים גיפונינים אביעקט. די שטרעבונג, דער דראַנג צו עפּיס נייעס נעמט נאר אַרום דאָס שטחיות, דערגייט נאר צום חיצוניות. לגבי דעם פנימיות, לגבי דער אמתער גרינטלעכקייט ווירקט ווייטער די נאַטור־עצלות.

דער צווייטער איז גיפערלעכער, ווי דער ערשטער סארט עצלות. סתם עצלות איז דעם עצל באַוואוסט. ער ווייסט, אַז ס׳איז עפּיס בנמצא, נאר ער איז פויל דערצו. אַנדערש איז אבער, אויב מע איז פאַקטיש ענערגיש, אויב מ׳האט אַ דראַנג צו עפּיס, אויב מע דערוואַרבט כסדר נייעס. מע מיינט, אַז מע איז אַ זריז. באמת בלענדיט אבער נאר בלויז ס׳חיצוניות. מע זוכט נישט ס׳פנימיות אינים דערוואַרבינים. מע דערוואַרט נישט עפּיס נייעס אינים באַגריפינים, ווייל מע גלייבט נישט, אַז ס׳איז דאָ עפּיס מער, ווי מ׳האט באַמערקט, ס׳גינוגט, וואָס מ׳האט דעם אביעקט באַטראַכט בשטחיות. באמת גישעט אבער דערביי אַ גרויסער פאַרלוסט. מע דערזעט נישט דעם עיקר. די נאַטור־עצלות פאַרבלענדיט אַזאַ טאפּלט עצלות ברענגט די טבע. מע איז באַוואוסט אדער אומבאַוואוסט פאַסיוו. מע זוכט כלומרשט נייעס, בשעת מע פאַרלאזט קערנדיקע חידושים. די באַוואוסטע פאַסיוויטעט דערשיינט על פי רוב המוניש. מע באַזיצט גאָר נישט. די אומבאַוואוסטע פאַסיוויטעט קומט אַרויס כלומרשט אינטעליגענטיש. מע לערנט, מע פאַרשט, מע איז פול מיט ידיעות. דעריבער באַקומט מוסר אַן־התנגדות אדער ביטול אזוי מצד די לומדים, ווי מצד די המונים, ווייל מוסר פאדערט לימוד מיט התבוננות.

אזוי ווידער ווי ס׳דערשיינט דער ניגוד צו מוסר אינים שטח פונים דעת־דערווערבינים, אזוי טייט ער אָפּ דעם כוח צו מעשים. דערביי קומט ווידער אַרויס אַ טאפּלטער מצב פונים נאַטור עצלות. צונערשט דערשיינט אַ מצב פונים סתם־עצלות. מע טוט גאָר נישט עפּיס גוטס, ווייל מע איז פשוט פויל, מע איבערווינדיט נישט די תאווה. מע קלויבט העסער אויס דעם תענוג, ווי די עבודה, די באַקוועמלעכקייט, ווי די מי. אַ צווייטער טוט יא גוטס, איז אַפילו באַמיט פאַר מוסר־מעשים, גירט אויס רוחניותדיקע פעולות. נאר וואָס? ער בלייבט ביים שטחיות. נישטאָ דער שוואונג, די ברייטקייט, די הרגשה. ער בלייט אזוי הארצלאז, אזוי פאַרקוועטשט, אזוי ענג, אזוי פעדאַנטיש — דערביי אזוי גייסטלאז. דעריבער באַקומט מוסר, וואָס פאדערט לימוד מיט התבוננות, התנגדות אדער ביטול מצד די קליינקעפּדיקע, ווי מצד די בעלי־תאווה. ביי ביידע ווירקט די נאַטור־עצלות.

אט אַ די עצלות שאַפט ביי די עם־הארצים, ווי ביי די גילערנטע, ביי די קליינקעפּדיקע, ווי ביי די בעלי תאווה, אַ באַציאונג צו מוסר, לויט דעם שטייגער פונים אָפּשטויסער, אַזאַ דעפיניציע באַקומט די באַציאונג. דער המונישער מענטש איז מבזה דעם מוסר. צוליב פוילקייט איגנארירט ער אים. ער לערנט נישט. ער טוט נישט. דער אינטעליגענט איז ממאס דעם מוסר. ער מאַכט אים ווערטלאז. ער פאַרוואַרפט אים. ס׳ברענגט אים גאָר נישט די קאנצענטרירונג, די איבעווי־חזרונג. ס׳לוינט אים נישט די טרחה. מוסר גיט לדעתו גאָר נישט. ס׳איז נאר הוילע רייד, איבערגידראשינע ווערטער, דער בעל תאווה ווידער האט פיינט דעם מוסר. ס׳שטערט. ס׳איז נישט אנגיגעם. ס׳לאזט נישט צו רו. ס׳רויבט דעם תענוג.

וואָס איז דער וואונדער, אויב מוסר טרעפט אַזאַ התנגדות? מוסר פאדערט די שטאַרקסטע יגיעה, בשעת דער מענטש איז בטבע אַזאַ גרויסער עצל. אט אַ די עצלות פאַרבלענדיט דעם מענטש, פאַרשטעלט דאָס חשיבות פונים מוסר. ווייל אויב מוסר פאַרלאַנגט אזוי שטאַרק איבערחזרונג, קאנצענטרירונג, ליפערט ער דערפאַר מער חידוש, ווי ביי דער ערשטער באַטראַכטונג. מוסר באַלעבט דאָס באַוואוסטע, פאַרטיפט דאָס גילערנטע, ברענגט ממש אַרויס דעם פלא פונים חידוש. מוסר איז מגלה פנימיות אינים וועלט־דערקענטיניש, אזוי ווי ס׳איז מעורר ס׳פנימיות אינים מענטשס פעולות, וואו ס׳איז דאָ פנימיות, טרייבט ער צו מעשים. וואו ס׳איז דאָ מעשים, שפּאַנט ער צו פנימיות. מוסר מאַכט מוח, לב מיט אברים פאַר איינס. מוסר פאדערט דעם מענטש במלואו. ער באַווייזט אים די פערזענלעכע קנאַפּקייט, די נאַנטע מעגלעכקייט, דעם תכלית־ווערט.

מוסר פאדערט דעריבער קאנקרעט: לימוד הלכה מיט אגדה דינים מיט דעת. שפּעטער התבוננות איבער דעם לימוד, התבוננות איבער דעם גישעענים. אזוי לימוד ווי התבוננות נאר בתמידיות. אַזאַ תמידיות הייסט (ספּעציעל אינים ספר משלי) שיחור המוסר — פעדערונג פונים מוסר, שמיעת המוסר — דער־הערונג פונים מוסר, קבלת המוסר — פאַרווענדונג פונים מוסר למעשה, אהבת המוסר — ליבשאַפט צו מוסר, וואָס פירט צו שלמות.

ווי גיזאָגט, איז דער ניגוד צו מוסר אַ נאַטירלעכער. יעדער יחיד מיט דער איינגיבוירינער עצלות שטעלט ממילא דעם מוסר־איינפלוס אַ גיוויסע שוועריקייט. איינער איז לאַנגזאַם גובר די שוועריקייט, אַ צווייטער — שנעלער, אדער בלייבט גאָר לגמרי נישט באַאיינפלוסט פונים מוסר. לגבי אט א דער נאַטירלעכער שוועריקייט האט מוסר אדער בעסער גיזאָגט, ס׳יידנטום זייער פיל דערגרייכט. כ׳זאָג יידנטום, ווייל מוסר האט תחלת נישט גיהאַט אַזאַ ספּעציעל דערציאונגס־סיסטעם; ווייל בעצם איז מוסר ממש אידענטיש מיט יידנטום. מוסר האט נישט גיהאַט די ספּעציעלע באַדייטונג. מ׳האט גילערנט, גידאַוונט, אויסגיפירט מצוות, גילעבט יידיש. ממילא האט גיווירקט מוסר. אויב מ׳האט נאר אָנגיווענדיט עכט־יידישע דערציאונג לגבי דעם קינד, ווי לגבי דער יוגנט, האט ממילא גיווירקט מוסר־דערציאונג. ווייל מוסר איז פאַרוועבט מיט תורה, אדער בעסער גיזאָגט: מוסר איז תורה, ווייל אויסער דעם הלכה־גיביט, וואָס איז בעצם מוסר, האט דאָס יידישע קינד גילערנט חומש דברים, משלי, אבות, מדרש, וואָס איז עסענץ־מאַטעריאַל פאַר התבוננות — דער וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פונים מוסר!

מיט דער צייט אַנטשטייט אבער אַן־ענדערונג. די נאַטירלעכע התנגדות, וואָס דער־שיינט אינדיווידועל אינים עצלות, באַקומט צייטנווייז אַ שטאַרקע צופלוס־קראַפט מצד דער דרויסנדיקער וועלט. אַמאָל דער איבערוואוקס פונים אינטעלעקטואַליזם ביי די פעלקער, אַמאָל די צופלאַקערונג פונים תאווה־פייער, מאַכט די נאַטירלעכע שוועריקייט פונים יחיד אינים יידנטום פאַר אַ פסיכאָז, וואָס דערלאזט נישט די מינצטע מוסר־השפּעה באַלד אינים אָנהייב, אויב מע בעטאָנט זי נישט ספּעציעל, אויב מע ארגאַניזירט זי נישט דירעקט. ווי לאַנג די פאַרשידנאַרטיקע עצלות האט גיווירקט יחידיש, ווי אַ פערזענלעכע אייגנשאַפט, האט דער אַלטער סיסטעם, וואָס האט ממילא גיווירקט מיט מוסר, זייער גוט גידינט דעם תכלית, ווי נאר די נאַטור־עצלות ווערט אבער אַ פסיכאָז, פאַרפעלט דעם יחיד כוח צו אַ נארמאַלער אַנטוויקלונג. יעדער טריט זיינער ווערט באַלד ביי דער התחלה גיהאַמיוועט. ס׳איז נישטאָ ממילא מער די גאַראַנטיע פאַר אַ דערפאָלג. דער שטראָם דער־לאזט באַלד נישט צו דער מינצטער איניציאַטיוו. דער שטח פונים מאַטעריאַל איז גרויס. איידער יעדער רושם ווערט מיט דעם צווייטן גיקייטלט, צושווימט ער מיט דער כוואַליע פונים פסיכאָז. מע דערגייט נישט צו אַ גיוויסער גאַנצקייט.

אַזאַ קריזיס אַנטשטייט אינים יידנטום ביים אויפשוואונג פון דער אַראַבישער וויסנשאַפט, ביי דער רענעסאַנס־צייט פון דער אייראָפּעאישער קולטור, ביי דעם אויפבלי פונים ראַציאנאַליזם אינים מערב. צונערשט ווערט אַ פסיכאָז פאַר אינטעלעקט אַנטוויקלונג, — שפּעטער פאַר הוילע תענוגים, נאָכדעם — פאַר הארצלאזער פארמאַליטעט. אַלע מאָל האט די פרעמדע כוואַליע אַריבערגיפלייצט אונדזער ברעג.

ווי אזוי האט רעאַגירט אונדזערע פירערשאַפט? ווי תמיד. פאַר יעדער עת צרת, האט דער יידישער גייסט גיהערט די שטימע: כנוס! פאַרזאַמל, סדר־אויס, קאנצענטריר אַלע כוחות צום אָפּווער! אויב דער שטראָם ברויזט, אויב דער מוח איז צוטומלט, אויב דער וועג דיינער איז דערביי צו לאַנג — קלויב אויס דעם קיצור! ארגאַניזיר דאָס מאַטעריאַל! גאַראַנטיר דעם דערפאָלג! פאַרהיט פאַר שכחה! די נויט האט שוין דעמלט גיהאַט אַרויסגיברענגט דעם כנוס פאַר דער הלכה. ס׳קומט אַפילו צו יעדער צייט אַ נייער אַרט כנוס פאַר דער הלכה. אבער דער יסוד איז דאָ. די משנה דינט פאַר דעם יסוד. יעצט קומט די ריי פאַר דער אגדה. ס׳גייט נישט אינים סתם ליקוט פונים מאַטעריאַל. אַזאַ ליקוט פונים מדרש אגדה איז דאָ. אויב אבער אגדה בכלל העלפט בעיקר דער הכרת הבורא — דער אמונה ווי דער יראה — העלפט דערצו נישט וויניקער דער ספּעציעל מכוונדיקער סיסטעם. דער פונאַנדערקליב אינים סתם־ליקוט איז פאַר דעם דורכשניטס־ייד צו שווער. ביי אַזאַ צוטומלטקייט, וואָס דער אַלגימיינער פסיכאָז איז גורם, ווערט דער סתם־ייד דעזאָריענטירט אינים צוגאַנג. דער כנוס מיט אַ ספּעציעל צוגי־טראַכטער כוונה האַלט אים כסדר גישפּאַנט, גאַראַנטירט אים גיכער דעם דורכגאַנג, דערלאזט נישט צו שכחה, ווייל יעדער גידאַנק איז גיפלעכט מיט דעם צווייטן.

אַזאַ אַרביט פירט אויס דער ערשטער רבינו בחיי הספרדי מיט דעם גרונט־ספר חובת הלבבות. מיט אַלע פרטים כמעט אַנטשפּרעכט דאָס ספר ביז היינט דעם תכלית, צו וואָס דער מחבר האט דערמיט גיצילט. מע פאַרלירט ביז דעמלט דעם פאָדים, וואָס ציט די דערציאונגס־ליניע, אינים אגדה־לאַבירינט, יעצט באַשאַפט רבינו בחיי מיט דעם אויסקליב, ווי מיט דעם צוזאַמינשטעל אַ שיטה. דאָס מאַטעריאַל איז נישט ניי, דער אינהאַלט איז אוודאי נישט ניי. ס׳קומט נאר צו אַ סדר אינים תוהו־ובוהו, וואָס די צייט האט גיברענגט. מיט דעם סדר ווערט נאר דער סתם־ייד שנעלער פאַרוועבט אינים שלמות. דעמלט באַקומט אונדזער ספּעציפיש־יידישע דערציאונג, וואָס באַשטייט אינים למוד תמידי מיט התבוננות תמידית, די באַצייכנונג מוסר. מוסר, ווי מע רופט אים היינט, מיינט גיכער דעם אויסבוי פונים סיסטעם, דעם סדר פונים גידאַנקן־גאַנג, דעם צוקליב פונים מאַטער־יאַל, זייט דעמלט ווערט מוסר אַ ספּעציעלער גיביט, וואָס גאַראַנטירט דעם אָנהאַלט אינים יידנטום, דעם צוגאַנג צום תורה־קוואַל, די מוסר־דערגרייכונג אינים שלמות פונים מושג.

אינים וועג, וואָס רבינו בחיי האט אָנגיצייכנט, גייט ווייטער אַ צווייטער, אַ דריטער ביז ס׳קומט די ריי צו רבי משה חיים לוצאטי מיט דעם ספר זיינים מסלת ישרים. נישט דאָ איז דאָס אַרט פאַר אַן־אָפּשאַצונג אינים צוגיקומינים נייעס, וואָס יעדיס ספר האט גיברענגט. גינוג איז נאר דאָס, וואָס רבינו בחיימס וועג פאַר אַ סדר אינים התבוננות, ווערט כסדר מיט יעדער תקופה אויסגיברייטערט. בכלל דערגייט אבער יעדער, וואָס שאַפט אַ ניי מוסר־ספר, צו איינס: צו אַן־אַרגאַני־זירונג בלויז פונים מאַטעריאַל, פונים גידאַנקן־גאַנג, פונים התבוננות גופא. איינער צילט מער צום צייט־גייסט. דער צווייטער פירט גיכער צום מקור. דער רעזולטאַט איז אבער נאר איינער: די אַרגאַניזירונג פונים מאַטעריאַל, דער הסדר אינים דעת, די הדגשה אינים מחשבה־פינטל.

אַ מענטש איז אבער פארט נישט מער ווי אַ מענטש. וואָס העלפט דאָס ספר, אויב ער גייט נישט צו דערצו, אויב ער לייענט עס נאר אַמאָל איבער? מוסר פאדערט אבער תמידיות. וואו איז ביים ספר דאָ די גאַראַנטיע פאַר אַזאַ תמידיות? ווער מאַכט ביי אים די פערזענלעכע בעסערונג? ווער מאַכט אים אויפמערקזאַם, אַז דאָס מוסר־ספר מיינט טאַקי אים גופא.

פאַר אַ מיטל דערצו האט גידינט דאָס חסידות. ס׳רוקט גראָד דעמלט אונטער אַ צייט, וואָס באַדראָט כמעט דאָס גאַנצע יידנטום. אינים מערב ווערט באַלד דאָס יידישע ליכט פאַרטונקלט. דער ראַציאנאַליזם, וואָס אָנערקענט נאר די חושים־ידיעות, בויט ערשט אויס די נעסט זיינע אינים פעלקער־גייסט. אבער ווי אַ רפואה פאַר דער מכה דערשיינט אינים מזרח דאָס חסידות. דער מקור, ווי דער ציל, וואָס האט אַרויסגישפּרודלט דעם חסידות־גייסט, איז פיל טיפער ווי דאָס, וואָס מע שרייבט אים אָפּ צו. אבער יעדיס זייטיקע גיווינס, וואָס דאָס חסידות האט אומדירעקט איבערגילאזט אינים יידנטום מיט אַזאַ ווערטפולע ברכה, דערבליקט אַפילו דער נישט חסיד על כל פנים אַ טייל פונים חשיבות זיינים.

דאָס חסידות איז טאַקי פיל אומפאַסנדיקער. אבער בולט איז פאַרט צו מייסט די־ראַל פונים רבין מיט דער חברותא. אט א דער פאַקטאָר פונים רבין מיט דער חברותא האט זייער פיל גידינט דעם תכלית פונים מוסר. דער רבי האט כסדר מיט נאַטירלעכע ווי איבערנאַטירלעכע דרכים גיוועקט דעם יחיד צו פערזענלעכער שטייגערונג, צו אינערלעכער שלמות — פשוט צו מוסר. יעצט די חברותא. וויפל גדלות האט בלויז זי, די חסידישע חברותא גיברענגט? זי האט אזוי פעסט איינגי־גלידערט דעם יחיד, אַז כמעט יעדער מינצטער לעבנס פרט ווערט ביי איר חבריש קריסטאַליזירט. דעם שטייגערונגס דראַנג, וואָס דער רבי האט דערוועקט, ציט זי ווייטער, וואָס אַמאָל העכער. מע עסט, מע טרינקט, מע טאַנצט, מע שמועסט יאָרנלאַנג בחברותא ביז ס׳ווערט אָפּגישלייפט יעדע שפּיציקייט, אַרויס־גיגלייכט יעדע קרומקייט, פאַרווייכט יעדע האַרטקייט, אויסגיאיידלט יעדע גראָבקייט, דערהעכערט יעדע גיפאַלנקייט.

וואָס איז דאָס? וואָס גיט דאָס? די אַרגאַניזירונג פונים מענטש פאַר מוסר. דער מענטש איז מער גאַראַנטיע, זיכערער מאָנער, שטאַרקערער פירער. דער רבי מאָנט. דער חברישער חסיד רייסט. דער לעבידיקער מענטש לאזט נישט צו רו. ער צווינגט כסדר צו התבוננות. אַזאַ התבוננות ווערט טאַקי ממש אַ תמידיות — דער פאַקטישער מוסר־סיסטעם. דאָ גילט אַפילו נישט דער טעאָרעטישער גידאַנקן־גאַנג, דער סדר אינים טראַכט, נאר דער פאַקטישער לעבנס גאַנג. מע באַשטימט נישט פאַראויס: דאָס טראַכט צונערשט, אַ צווייטס — שפּעטער! דער חסידישער מוסר קומט תמיד אונטער, ווי אַ רעפלעקס, וואָס באַלייכט דעם לעבנס גאַנג, אזוי ווי ער גייט נישט פאַראויס גיצייכנט, טעאָרעטיש באַשטימט, נאר פּראַקטיש גירעגלט, ביז דער גאַנצער לעבנס טאָג ווערט לגמרי באַהויכט מיט דעם מוסר־גייסט.

אַזוי האט די ליטווישע ישיבה, וואָס האט נישט גיהאַט דעם רבין, נישט די ספּע־ציפיש חסידישע חברותא, אַרויסגיברענגט אַן־אַנדער אַרט אַרגאַניזירונג. מוסר פאדערט התבוננות בתמידיות. הלכה לערנט אַפילו די ישיבה בהתמדה. אבער אגדה, מוסר־ספרים, דאָס מאַטעריאַל פאַר התבוננות איז טאַקי אַ חיוב, אַ חיוב תמידי. אבער תמידיות לאזט אָפּט גיכער דעם מענטש פריי. היות ווי כ׳האב תמיד דעם חיוב, לייג איך גיכער אים תמיד אָפּ. אויב נישט יעצט איז שפּעטער. אויב נישט שפּעטער, איז ווידער שפּעטער. אזוי לויפט כסדר אָפּ די צייט. דער חיוב ווערט דערווייל נישט אויסגיפירט.

דעריבער שאַפט רבי ישראל סאלאנטער אַן־אַנדער אַרגאַניזיר־מיטל. ער אַרגאַני־זירט נישט דאָס ספר בעיקר, ער בויט נ־שט אויס דעם סיסטעם ספּעציעל, נאר ער אַרגאַניזירט קודם דעם מענטשנס צייט. שטאָט תמידיות אַקצענטירט ער קביעות. אַ שעה אינים טאָג, אַ האַלבע שעה אינים טאָג, נאר בעיקר אַ קביעות, אַרגאַני־זירטע צייט. רבי ישראל (ז״ל) האט דערפאַרשט די פסיכישע אייגנשאַפט, אַז נאר קביעות גאַראַנטירט גיכער תמידיות. אָי, ווער גאַראַנטירט די קביעות גופא? וואָס ציט רעכט דעם יחיד צום ספר, אויב ס׳איז נאר אַפילו באַשטימט פאַר אַ האַלבער שעה? נא־ ראשית, זאָגט ער נישט, אַז דערמיט איז דער רעזולטאַט אַ זיכערער. ס׳איז נאר לייכטער דער צוגאַנג ווי צו תמידיות דירעקט. והשנית איז די טבע פונים מוסר אַזאַ, וואָס אויב מ׳האַלט נאר דערביי אַלע טאָג אַ האַלבע שעה, ווערט ממילא שפּעטער אַ תמידיות. ושלישית האט טאַקי ר״יס צוגיזוכט אַ גאַראַנטיע פאַר דעם קביעות גופא. ער שאַפט דעם בית המוסר, נישט פאַר אַ לעבנס חברותא ווי חסידות, נאר פאַר אַ לימוד המוסר בחבורה. אַ דריט מיטל פאַר דער התבוננות איז ביי אים דער למוד בהתרגשות.

בהשקפה ראשונה איז יעדיס מיטל זיינס כמעט ווי נאר אַ פארמעלע אַרגאַניזירונג. באמת האט אבער די לייסטונג זיינע גיגרייכט פיל טיפער. דאָס קביעות, די חבורה, די גיפאדערטע התרגשות ווערט באַגלייט ביי אים, ווי ביי זיינע גייסט־רייכער נאָכפאלגער מיט אַ ברייט צוצווייגטער העמקה אינים דעת הנפש, מיט אַזאַ זארגפעלטיקער הדרגה פאַר דעם יחיד, מיט קרישטאַלינער קלאָרקייט פאַר העכערע השגות. דאָס גיט באַזונדער דעם אַרגאַניזיר־מיטל אַ כוח, אַ שוואונג דאָס ליטווישע מוסר־סיסטעם שטעלט דעם יחיד מער צו אייגינער דיספּאַזיציע צו פולערער זעלבסטשטענדיקייט ווי דאָס חסידות, וואו דער רבי מיט דער חברותא העלפט אים אזוי פיל. וואָסער רעזולטאַט ס׳איז גרעסער אביעקטיוו גישאַצט גיהער נישט צו אונדזער אויסרעכנונג, ווייל אַ רבי מיט אַ חברותא שאַרט מין נישט אזוי לייכט אַרויס פונים אַרבל. חסידות האט גיפאדערט דערצו אַמאָל פיל תנאים. ס׳איז נאר אַ שאלה צי יעדער איינער דערגרייכט זיי, צי יעדער איינער קאָן זיי פאַרשאַפן.

אַ פאַקט איז נאר, אַז מוסר, ווי אַ סיסטעם, וואָס איז באַשטימט פאַר אַ קריזיס־צייט, האט אינים יידנטום דורכגימאַכט דרייערליי תקופות, אדער מדרגות. רעאַרגאַניזירונג פונים מאַטעריאַל, די אַרגאַניזירונג פונים מענטש, די אַרגאַניזירונג פונים צייט קביעות. וואָס איז גוט פאַר אונדזער דור? וואָסער מיטל איז גיכער גיפּאַסט פאַר אונדז בכלל, נישט בלויז פאַר אַ טייל פונים יידנטום? דעריבער ווייטער.

(סוף קומט)

די תשובה פון ציבור

לייב פראם

א יובילײ פון א פארטיי איז און דארף זיין די ריכטיקע גילעגנהייט אונטערצוציען א סך־הכל פון די ביז איצטיקע אידעאישע ווי פראקטישע דערגרייכונגען פון דער פארטיי. עס איז דער אייגנטלעכער מאמענט צו ווארפן א בליק צוריק אויף דער פארגאנגינהייט און באטראכטן פון היסטארישער פערספעקטיוו די עקזיסטענץ־בארעכטיקונג פון דער פארטיי, צו נעמין אירע אידעען אונטערן מעסער פון קריטיק און פעסטשטעלן, אויף וויפל זיי האבן זיך ארויסגיוויזן אין פייער־פראווו פון לעבן פאר ריכטיק און רעאל. עס איז אויך דאן דער חוב זיך אפצוגעבן א דין־וחשבון פונים דיסטאנס, וואס איז נאך פארבליבן צווישן גענגווארט און ציל, צווישן דער טעאריע און דער פראקטיק, וויפל עס איז גילונגין זיך צו רוקן פאראויס אין אידעאישן באוואוסטזיין און פראקטישע דערפאלגן.

אויב דער דאזיקער כלל גילט פאר יעדער פארטיי, האט ער באזונדערס אן־אנווענדונג ביי אונדז. איז דאך חשבון הנפש א וואגיקער עיקר ביי מאמינים. און אויב תמידיתדיקע זעלבסט־קאנטראל איז א חוב פארן יחיד, על אחת כמה וכמה איז מצווה דערויף דער ציבור. פעלערן פון רבים זענין דאך פאטאלער אין די פאלגן, ווי יחידישע חסרונות.

* * *

אגודת ישראל איז א באוועגונג פון ציבורישער תשובה. זי האט זיך גישטעלט דעם הייליקן ציל ארונטערצינעמין אינטער די תורה־פליגל נישט נאר יחידים און זייער פריוואט־לעבן, נאר אויך דעם ציבור, דאס יידישע כלל־לעבן. זי שטרעבט צוריק צו שטעלן אין איר פראכט די אורשפרינגלעכע, ריינע און שלמותדיקע כנסת־ישראל. זי וויל צוריק אפווישן די בזיונדיקע „נהי' ככל הגוים"־צורה, וואס אנדערע אימשטיינס־גיזאגטע „פראגרעסיסטן" האבן גיוואלט מיט גוואלט אנשלייצן דעם אויסדערוויילטן פאלק און צוריק א יסקריצן אויף אים דעם גאלדינים ממלכת־כהנים־חותם.

און אויב תשובה באשטייט זי כידוע פון צוויי חלקים: קודם־כל ידיעת החטא. און חרטה לשעבר, אומצופרידנהייט מיטן הווה און אנהייבן פארשטיין און פילן, אז מע האט גיזינדיקט. אז אזוי ווי עס איז טויג נישט. אויסלופטערן דעם רוח־שטות פון חטא און פארטרייבן די זאטע זעלבס־צופרידנקייט.

און דאן די צווייטע העלפט. קבלה לבא. עזיבת החטא ותיקונו. אויסמיידן אויף ווייטער די באגאנגינע און דורך זיך אליין שוין אנערקענטע פעלערן און פאריכטן פאזיטיוו דאס קאליע גימאכטע.

אויף ארגאניזאציע לשון וואלט מין די ערשטע העלפט אנגירופן אידעאלאגישע באוואוסטזיניקייט און די צווייטע — פראקטישע טעטיקייט, רעאליזאציע פון דער אידעע.

ווילן מין אלזוא אנאליזירן די ציבורישע תשובה־באוועגונג, וואס די אגודה האט אונטערגינומען, אויף וויפל זי האט זיך איינגיגעבן, וויניקסטנס, אויף וויפל מיר פון אונדזער זייט האבן זי רעאליזירט, מוז מין נעמין אין באטראכט ביידע דערמאנטע מאמענטן.

* * *

אויף וויפל עס האנדלט זיך וועגן סך־הכל פון דער פראקטישער טעטיקייט איז קלאר, אז ער פאלט נישט אויס איבעריק גינסטיק. אוודאי איז גינוג אימפאזאנט דאס בילד פון דעם, וואס איז יא גישאפן גיווארן, אבער די דאזיקע גראנדיעזקייט טאר אונדז נישט בלענדן. בראשית, איידער די אגודה איז גישאפן גיווארן, איז די ארטאדאקסישע געזעלשאפטלעכקייט גיווען אן־אבסאלוטער אין, און די אגודה האט יעדנפאלס גישאפן א יש, און יש לגבי אין איז תמיד אימפאנירנדיק. מע טאר אבער נישט פארלירן פון אויג דעם יחס פון דעם, וואס עס איז דא, צו דעם, וואס דארף זיין און וואס וואלט גיקענט זיין. דא איז שוין דער באקומינער רעזולטאט א מאגערער. אבער אויף דעם איז נאך פאראן א תירוץ, א מער־אמתדיקער, א וויניקער אמתדיקער, אבער סוף־כל־סוף אן־התנצלות — קארגע מעגלעכקייטן, שוועריקייטן, כחות־מאנגל, שטערונגען.

ערגער איז אבער מיט ידיעת החטא, מיט אידעאלאגישער באוואוסטזיניקייט. קוים פעלט אונדז דער דאזיקער תשובה־טייל, דאן זענין מיר שוין דערפאר פאראנטווארטלעך און אין גאנצע הונדערט פראצענט. דא איז שוין די איינציקע סיבה — טעמפקייט, השמן־לבריקייט.

און דער דאזיקער חסרון, דער מאנגל אין באוואוסטזיין, איז אויך פיל שעדלעכער, ווי דאס פעלן פון מעשים. דאס לעצטע איז בכל אופן א מקרה. נעכטן האב איך גארנישט גיטון און היינט קען איך שאפן און שאפן. פעלט מיר אבער די ידיעת החטא, וואס איך האב נישט, אז מע דארף עפיס שאפן, ענדערן, דאן זעט זיך דאך בכלל נישט פאר, אז עס זאל ווען עס איז עפיס געטון ווערן.

און ליידער זענין מיר אויך אין דעם פרט נישט וויניק הינטערשטעליק. מיר מיינין קודם־כל דאס גיביט, אויף וועלכן מיר, פועלי־אגודיסטן, באמיען זיך אלץ אין איינים צו לענקין די אויפמערקזאמקייט פון די חרדים, דאס גיביט, אויף וועלכן עס ליגט אויף אונדז, פועלי אגודיסטן, אלס קרובים אל החלל, באזונדערס, דער חוב אנצואווייזן, אפיטא יעצט, ווען מיר גיפינין זיך פנים אל פנים מיט דער פארשטייענדיקער כ״ס״י גדולה — דאס בין אדם לחברו־גיביט.

* * *

עס איז לחלוטין איבריק איבערצוחזרן, ווי ווייט דאס דאזיקע גיביט, א גיביט, וואו א חטא איז נאך פיל גרעסער, ווי אין אנדערע גיביטן, ווייל בין אדם לחברו־מצ״ות זענין דאך גלייכצייטיק בין אדם למקום־מצוות. א גיביט, וואו א חטא דארף האבן נישט נאר די פארגעבינג פונים קל רחום, נאר אויך די מחילה פונים בשר ודם, געגן וועלכן מע פארזינדיקט זיך, — ווי גראד דאס דאזיקע גיביט איז א סך מער פארוואלאזט און פארדארבן, ווי אנדערע יידישקייט־גיביטן.

אן־אנארכיע אין די בין אדם לחברו־באציאונגען איז דאך גורם א טאפלט שאדן. פון איין זייט בילדעט זי א פגם אין דער עטישער השתלמות פונים יחיד. פון דער צווייטער — איז זי אויך א שטערונג פארן ציבורדיקן צוזאמין־לעבן. און עס איז דאך די באשטימונג פון דער אגודה צו זארגן אזוי פארן ערשטן, ווי פארן צווייטן. די תורה נעמט דאך ארום דאס לעבן סיי פונים יחיד, סיי פונים ציבור.

אויב דאס סאציאלע גיביט איז תמיד גיווען חשוב און פארצווייגט, איז עס לעצטנס, אין אנבליק פון דער איצטיקער עקאנאמישער וועלט־לאגע און דער יידישער נאציאנאלער לאגע, גאר שטארק אויסגיוואקסן. די עקאנאמישע לאגע פון די מאסן בכלל איז היינט אן־אויסערסט טראגישע, די לאגע פונים ייד איז צוליבן פרא־אדמדיקן אנטיסעמיטיזם נאך א פיל קאטאסטראפאלערע. אין אזא צייט איז דער „וכשאני לעצמי מה אני" נאך מער אנווענדבארער, ווי תמיד. דער יחיד איז לגמרי הילפלאז און „לכו והתפרנסו זה מזה" פארבלייבט די איינציקע עצה.

דאס בין אדם לחברו־פראבלעם איז היינט, נאך מער, ווי אמאל, נישט נאר אן־עטיש־רעליגיעז פראבלעם, נאר אויך א פראקטיש־עקאנאמישעס. נישט נאר עס איז פארווארצלט אין הימל, נאר עס גראבט זיך אייך איין טיף אין דער ערד. עס איז אויסגיוואקסן צו א שאלה, אויף וועלכער מע שטויסט זיך אן אויף שריט און טריט אין אלטעגלעכן לעבן. און אויב אגודת ישראל האט איפגישריבן אויף איר פאן „די לעזונג פון אלע פראגן, פונים יידישן לעבן", קען זי דאך אזא וואגיק פראבלעם אודאי נישט אויסן לאזן.

און דא קומין מיר צו צום טרויעריקסטן: אויב אויף אנדערע גיביטן האט נאך די אגודה ווי עס גילייסטיט, האט זי אויף דעם גיביט לחלוטין גארנישט גיטון. נאך מער: עס זעט זיך דא נישט אפילו דער גיהעריקער רצון עפיס צו טון און עס איז זאגאר נישט קענטיק די ידיעת החטא, די הכרה, אז אזוי ווי עס איז טויג נישט און קען באין אופן לענגער נישט פארבלייבן.

אן־איבערצייגנדיקע אילוסטראציע: די אגודה האט שוין גישאפן פארשידינע קאמיסיעס פאר פארשידינע יהדות־גיביטן: פאר כשרות, חינוך, שמירת שבת, טהרת המשפחה א.א.וו. עס איז אבער נאך קיינמאל נישט גישאפן גיווארן א קאמיסיע פארן בין אדם לחברו־גיביט. וואס פאדערט דאך, כ־לעבן, נישט וויניקער תיקונים, ווי די דערמאנטע גיביטן. עס איז גארנישט עולה על הדעת גיוועז, אז וויניקסטנס דארף מין זיך אוועקזעצן פארטראכטן איבער דער אזוי אנגיווייטיקטער און ברענענדיקער סאציאלער שאלה, צי און וויפל מע דארף דא און מע קען אויפטון.

דאס, וואס אויף אלע אנדערע גיביטן האט מין כאטש עפיס גיטון און דא גארנישט, דאס, וואס פאר די אנדערע גיביטן האט מין לכה״פ נאמינעל באשטימט ספעציעלע אפטיילן און פאר דעם גיביט נישט, באווייזט, אז די אומטעטיקייט אויפן דאזיקן גיביט איז נישט קיין צופאל און א פועל יוצא נאר פון דער אלגימיינער אפגילאזנקייט, נאר עס איז א רעזולטאט פון א באציאונג, פון א נישט פילן אפילו, אז דא איז נישט אין ארדינונג און עס זענין נייטיק תיקונים בכל אופן פון נישט פארשטיין די דרינגלעכקייט פונים דאזיקן פראבלעם. און אויב אזוי, אויב עס פעלט אזש די הכרת החטא, זענין מיר דאך נאך ווייט, גאר ווייט פון תשובה...

אויב די פארשטייענדיקע כנסי׳, וועלכע שליסט גראד אפ די ערשטע העלפט פונים יובל־יארן נאך דער אנטשטייאונג פון דער אגודה און הייבט אן די צווייטע, זאל ענדערן אונדזער באציאונג צום בין אדם לחברו־פראבלעם, זאל באטייטן א נייער ווענד־פונקט אין דער אגודה אויף דעם גיביט, דאן וואלט זי שוין דערמיט אליין בארעכטיקט איר עקזיסטענץ און וואלט זיך פארשריבן אין דער גישיכטע פון דער ארגאניזירטער ארטאדאקסיע מיט גאלדינע ווערטער.

די פארגעסינע טעמע

שמואל דוד לאסקי
אבד״ק סאמפאלנע

די באגריפן פון רעכט און רעליגיעזקייט זענין אזוי ארגאניש פארבינדן, אז עס איז גארנישט מעגלעך זיך פארצושטעלן איינים אן דעם אנדערן. זיי זענין דאגמאטיש אזוי צוזאמין גישמאלצן, אז דאס אפטיילן איינים פון דעם אנדערן, הייסט נישט אנדערש, ווי ביידע מאכן פאר שברי כלים, ביידע אפצורייסן א העלפט פון זייער חיות און זיי דערפירן צו דעם מצב פון וועגעטאציע און פארשרימפונג.

דאגמאטיש זענין דאך די פסוקים פון גאנץ תנ״ך פול מיט אזהרות און שטראפן פון רעכט און גירעכטיקייט, זענין דאך די עשרת הדברות ארומגישטעלט גיווארן פון פארנט און פון אונטן מיט דער וואך פון גירעכטיקייט, משל למטרונה שהיתה מהלכת, הזין מכאן והזין מכאן והיא באמצע, כך התורה דינין מלפני' ודינין מאחרי' והיא באמצע, מלפני' שנא' שם שם לו חוק ומשפט, מאחרי' שנא' ואלה המשפטים (שיר ר״ל). קען מין דאך צום פייערדיקן הר סיני אין זיין אלקות־אנטפלעקונג נישט צוקומין ביז מע ווערט אויסלעגיטימירט דורך דער שטרענגער וואך פון רעכט און גירעכטיקייט, און האט דאך די תוה״ק דעם אמתן ייד נישט אנדערש באצייכנט ווי מיט דעם ווארט צדיק, דעם תאר פון צדק: גירעכטיקייט.

און פסיכיש: צי קען א הארץ, וואס איז טעמפ אויף גירעכטיקייט, וואס דאס גיפיל פון רעכט איז אין אים פארשטומפט און פארטרוקנט, זיין פילבאר אויף דעם פיל סובטעלערן און טיפערן גיפיל פון ג־ט־שטרעבונג. צי קען פילן דורשטיקייט און בענקשאפט צו דעם מקור פון הייליקייט און ריינקייט דער, וואס דער וועג צום דאזיקן גיפיל איז ביי אים פארלייגט מיט דערנער און שטיינער? צי קען די הויכע און דערהאבינע גיפיל־שטופע פון צוזאמין גיסן זיך מיט דער וועלט־נשמה פונקציאנירן, אין דער צייט, ווען די נידריקערע גיפיל־שטופע פון רעכט און גירעכטיקייט איז פארפאקט מיט מאטעריאליסטיש גימייזעכץ און קען נישט פונקציאנירן, איז דאך דאס גיפיל פון רעכט א פארער־גיפיל צום גיפיל פון קרבת אלקים, און קען מין דען אריינגיין אין טרקלין ארײן, אין דער צייט, ווען דער פרוזדור איז פארהאקט?

אויב מיר זעען דאך אזעלכע מענטשן, וואס באדן זיך אין יידישקייט און הינקין אויף גירעכטיקייט, מוז עס פאר אונדז קלאר זיין, אז דאס דאזיקע יידישקייט איז נישט דאס תורה־יידישקייט, נאר א שאבלאן און ביזנעס־יידישקייט. אזא יידישקייט קען נישט פליסן פון דעם קרישטאל־ריינים מקור פון סובארדינאציע צו אלקית, פון אמתדיקער הכרהדיקער הכנעה פאר דעם אלשאפנדיקן רצון, פון אינערלעכער התבטלות צו דער ליכט־שפע פון אין סוף. נאר איז א מלומדהדיקער שאבלאניזם אדער אן־עגאאיסטישע לעבנס־אסעקוראציע, ווייל אמתדיק תורה־יידישקייט קען זיך גיפינין נאר דארט, וואו דאס באוואוסטזיין פון רעכט און גירעכטיקייט איז טיף פארווארצלט און אלוייטיק באפרוכפערט.

די ניפערלעכע וויוויסעקציע אויפן תורה־ארגאניזם, די פונאנדערטיילונג פון רעכט און רעליגיעזקייט, וואס ווערט ליידער אזוי אפט פארקירצט, האט אונדז שוין א זייער טייערן פרייז גיקאסט. מוראדיקע חורבנות האט זי שוין אנגימאכט — און מאכט אן — אין אונדזער לעבן. זי האט פארקרומט און דעגענירירט דעם אריגינעלן יידישן תורה־גייסט. זי האט אין תהום פארשליידערט אונדזערע הערלעכסטע ווערטן. זי האט אונדז אנשטאט לשם ולהתללה גימאכט צו שאנד און שפאט. זי האט פאראליזירט אונדזער לעבנס־כוח און אונדז אוועק גישטויסן פון וועג צו אונדזער גישיכטלעכן ציל. און דאך, דאך איז כמעט גארנישט גיטון גיווארן אפצואווענדן פון אונדז די דאזיקע מוראדיקע סכנה. און אחוץ פאר א פאר יחידים איז זי גיבליבן א פארגעסינע טעמע, אפילו פאר די, וואס זענין פאראנטווארטלעך פארן גורל פון פאלק.

דאס נישט געגן־ווירקן דעם העכסט־גיפערלעכן פסיכאז און איבערלאזן דעם מצב כמו שהוא וואלט גיווען אן־אומפארצייטלעכע זינד כלפי אונדזער תורה־התחייבות. עס מוז אונטערגינומען ווערן א פלאנמעסיקע אקציע אקעגן דער עטישער גיפאלנקייט. מיר מוזן דערפילן אונדזער חוב אלס תורה־פאלק און גיטריבן דורך די נצחיותדיקע נבואה־רופן מוזן מיר צוריק שטעלן די הארמאניע פון יידישקייט און גירעכטיקייט. האט דאך די תוה״ק אונדז אזוי שטרענג גיווארנט, אז דער אפוד — דער חלוק לבן, דער סימבאל פון עבודת ד׳ זאל זיך נישט אפטיילן פון דעם חושן משפט — דעם סימבאל פון תורה־רעכט (ולא יזח החשן מעל האפוד) נאר זאל מיט אים ענג פארבינדן זיין. און מיר מוזן צוריק גיפונין דעם פתיל תכלת — דאס טיף־הכרהדיקע הכנעה־באוואוסטזיין פארן כסא הכבוד (תכלת דומה לים וים דומה לרקיע ורקיע דומה לכסא הכבוד), וואס זאל ווידער די צוויי אומטיילבארע באגריפן פארבינדן און זיי פאר א הייליקע איינהייט מאכן.

אגודת ישראל — די דערוואכנדיקע ארטאדאקסיע — טאר זיך נישט איינשרענקין אין די שטייפע פארטיי־ראמין. זי מוז ווערן — כאטש זי איז דאס ליידער ביז איצט נישט גיווען — דער דערציערישער פאקטאר אין יידישן לעבן. זי טאר זיך נישט באגנוגנין מיט בלויז קאנסערווירן כמו שהוא, נאר זי מוז אויך לופטערן און ריייניקן. די פארגעסינע בין אדם לחברו־טעמע מוז אין איר גאנצן פארנעם אקטואליזירט ווערן און דער אגודה־פלייס מוז אין א גרויסער מאס גיווידמיט ווערן דעם דאזיקן אומגיהויער־וויכטיקן אספעקט פון אונדזער לעבן. וואס פריער מיר וועלן דאס טוען, אלץ נענטער וועלן מיר זיין צו אונדזער ציל — דעם גרויסן און דערהאבינים ציל פון נצח ישראל.

די זאמל־ביכער פון שרה שענירער ע״ה

די מאמיס צוואה
און
ימים־טובים־בוך

מוזן גילייענט ווערן פון יעדן יידישן מיידל און פון יעדער יידישער פרוי
באזונדערס איז עס א חוב צו לערנין פון זיי אין די בית־יעקב־שולן!

פרייז פון ביידע ביכער 2.25 גילדן מיט פארטא.

צו באקומין אין אונדזער אדמיניסטראציע „בית־יעקב".

י. ל. גערשט

דער אויפריכטיקסטער אין דער מחנה

(פון דער סעריע: צוויי דורות השכלה־ליטעראטור *)

אויב ש. י. אבראמאוויטש קען אומגיפער פארעכנט ווערן אלס טיפישער פארשטייער פון דער ערשטער השכלה־תקופה, וואס האט נישט דערקלערט אן־אפינע מלחמה דעם יהדות און יידישקייט נייערט האט זיך באמיט אין זיי ארייננצוברענגין, לויט איר לשון, „תיקונים" און רעפארמין כלומרשט פאר זייער טובה וועגן — טא איז ש. טשערניכאווסקי דער אויפריכטיקסטער און בולטסטער פארשטייער פון דער לעצטער נאציאנאלער השכלה־תקופה, וואס זאגט שוין אן אפן און אנטשידן א פארשייטע מלחמה דעם גאנצן היסטארישן יהדות, אזוי ווי ס׳האט זיך אנטפלעקט פון די עלצטע ביז די לעצטע צייטן.

ווען די [illegible] אסימילאציע־מהומה אין גישטאלט פון דער מאדישער השכלה איז אריינגעטרעטן אין איר צווייטער תקופה, ד. ה. אין איר א. ג. נאציאנאלן גילגול האבן זיך דעמלט וואס אפטער אנגיהויבן ארומטראגן אין איר חלל פארשידינע זומפ־פייערלעך, וואס האבן אנגיזאגט אויף א נישט צוויי דייטיקן אופן אז דארט הויבט אן זיך בקביעות צו באזעצן דער יצר הרע פון דער ערגסטער געצנדינערישער פארווילדונג.

דא אין דארט האבן זיך אנגיהויבן צו הערן פאראלן און „תורות" וועגן „פרייהייט פון לעבנס־אינסטינקט", „צוריקער צו דער נאטור" וכדומה, וואס האבן ביי ניכטערע מענטשן באלד גימוזט וועקן דעם חשד אז דא מיינט מען נישט אנדערש מיט דעם אלים ווי דאס אויפלעבונג פון דעם אלטן עבודה־זרהדיקן פארקנעכטקייט צו דער באשאפינער נאטור און דאס תאווהדיקע איבערגעבנקייט דער ממשלה פון דער אינסטינקטן־סטיכיע.

די פארקרענקטע משכילים־אסימילאנטן האבן זיך ס׳רוב אבער נישט מודה גיוועזן אין דעם אמתן מיין און פארדעכטיקן מקור פון די דערמאנטע „נייע" אידעאלן און טעאריעס. מ׳האט זיך נאך גישפייזט מיט מליצות וועגן סינטעטיזירן „יידנטום מיט מענטשטום", „יידנטום מיט אייראפעאישקייט" א. ד. ג. דערמיט האט מען, באוואוסט און אומבאוואוסט, גיוואלט אפשוואכן דעם שרעקליכן רושם, וואס ס׳וועט מאכן אויפן יידישן כלל די ווידעראויפלעבונג פון אלטע, פארשימלטע עבודה־זרות. מ׳האט נאך גישטאמלט וועגן אלטער און נייער יידישער קולטור, מ׳האט קאקעטירט מיט דער אלטער העבראישער קולטור ביי יידן, גלייך ווי די דאזיקע וואלט נישט גיוועזן אין דער שארפסטער סתירה גראד צו אלע זייערע נייע פארגויאישטע השכלה־גליסטונגין. נאכמער, מ׳האט זיך אפילו גאנץ אפט אויך צוגילעקט און צוגיפוצט צו די נביאים און זיי, ווי יאונדערליך דאס זאל נישט אויסקומין, ארייננגיצויגין אין שפאן פונ׳ם מאדערנים השכלה־וואגן. מ׳האט דערביי נישט גיהאט דעם מוט אפן און קלאר מודה צו זיין אז דאס באנוצן זיך מיט דעם נאמין פון די נביאים און טון פונקט פארקערט, וואס זיי האבין גיהייסין, איז א ווילד אכזריות. מ׳האט נישט גיוואלט מודה זיין אז דאס פארופן זיך אויף דער אלטער יירישער נאציאנאלער קולטור ביים וועלן אויפבויע א פארגויאישטע השכלה־קולטור, וואס איז זי אין גאנצן סותר, איז די גרעסטע נאציאנאלע בגידה. אויף זייערע פראגראמין וועגן נאציאנאלער קולטור האט גיהויערט מערסטנטייל א נעפל פון מאדישע מליצות. וואס האבן אפט גיפועלט צו פארהוילן דעם אמתן מקור פון די פרעמדע השכלה־גליסטונגין.

ערשט ש. טשערניכאווסקי איז גיקומין און האט אויף א קלארן און בולטן אופן אנגירופן דאס השכלה־קינד ביים אמתן נאמין. די באהאלטינע טענדענצן, גליסטונגין און צילן פון זיינע חברים־משכילים האט ער אין תוך ארײן זייער חייניק און צייטנווייז כמעט גארנישט גיענדערט. ער האט זיי העכסטענס א ביסל צוגיפוילט און צוגישפיצט מיט זיין שארפערדיכטערישער מליצה. דאס נייעס, וואס ער האט אריינגיטראגן אין דעם שטאמלדיקן מענה לשון פון די נאציאנאלע השכלה־אסימילאנטן איז גיוועזן דער עיקר דאס וואס ער האט אויפריכטיק און בולט אנגיוויזן דעם געצנדינערישן מקור פון די משכיליש־נאציאנאלע גליסטונגין און פילונגין און האט אין זייער נאמין דערקלערט אן־אפינע מלחמה דעם יהדות און זיינע השפעות אין יידישן לעבן. טש. מאכט זיך נישט קיין אילוזיעס, ווי דער רוב פון זיינע אידעע־חברים, אז די נייע השכלה־טענדענצן און פארשטעלונגין קען מען פאראייניקן אין וואסערע ס׳איז פשרה מיטן יהדות, וואס איז זיי אין תוך־ארײן אזוי אומהיילבאר סותר. ער באטאנט קלאר און בולט זייער אומפארמיידליכע סתירהדיקייט און ער וויל די דאזיקע סתירהדיקייט לחלוטין נישט באזייטיקן אדער אפשוואכן ווייל אים גיפעלט גראד דאס פולע פרעמדע מיט אלע עבודה־זרהדיקע סימנים. דעם סך־הכל פון זיין דאזיקער אויפריכטיקייט טוט ער ארויסזאגן אין זיין ווידוי „פאר דעם געצן־בילד פון אפאלא". ער שטעלט זיך אוועק פאר דעם גריכישן אפגאט אפאלא און איז זיך פאר אים מתוודה, אז ער ווייס גאנץ גוט אז צווישן יהדות און דער העלענישער עבודה זרה „באשטייט אן־אייביקע מלחמה" און אז „די וואסערן פון אלע אקעאנין וועלן נישט בכוח זיין צו פארשטאפן דעם תהום, וואס טיילט זיי אפ". פונדעסטוועגן שטערט דאס אים נישט אנידערצוקניען מיט דער גרעסטער ליידנשאפט פאר דעם דאזיקן געץ, וואס זיינע עלטערן און זיידיס האבן זיך מיט שרעק פון אים אפגיקערט.

קניענדיק פאר דעם געץ פון אפאלא דערמאנט זיך טש. אז אייגנטלעך האט ער אפילו אינערהאלב דער יידישער מחנה אין די אלטע צייטן זיינע פארגייער וואס האבן נישט גיקענט, ווי ער, גובר זיין די געצנדינערישע תאווה און האבן זיך אויך גיווארפן אין די ארימס פון די אויסגיטאקטע בלינדע און שטומע געטשקים. ער ווייס אויך, אז די דאזיקע פארבלענדיטע און פארפירטע עובדי־הבעל און זייערס גלייכן האבן אויך גיהאט זייערע אנפירער און פארפירער אין גישטאלט פון די פארשידינע נביאי־השקר, וואס האבן זיך אקייגן גישטעלט דער השפעה פון די נביאי־האמת און זיי כסדר באקעמפט. נו, טוט ער אויך ממילא אויף א קאנסעקווענטן אופן גירעכט מאכן און גלאריפיצירן די דאזיקע־נביאי השקר, און טרעט אין זייער נאמין ארויס א קייגן די נביאי־האמת מיט די גיפטיקסטע זלזולים.

ס־איז אבער א טעות צו מיינין, אז אזא מאדיש־רעסטאווירטע געצנדינסט איז אפשר בעסער ווי דאס אלטע. ניין, נישט בעסער נאר ערגער. דאס איז דערפאר, ווייל דער אלטער עובד־אלילים האט דאך אייגנטלעך גיגלייבט אין דעם מציאות פון א פערזענלעכן, געטלעכן כוח. נישט מער, דאס איינגיטונקטקייט זיינס אין דער ספערע פון חומר, אין דער פילפארביקייט פון דער ערדישער טבע האט אים א שפאר ביסל פארשטעלט דעם וועג צו דערקענין דאס איינציקייט און גייסטיקייט פונים גיאנטן, געטלעכן כוח, צו וועלכן ער האט בעצם גיגארט און גיהאט די האפינונג זיך צו אים א מאל צו דערנענטערן מיט ריינערע השגות. אנדערש אבער דער היינטיקער אפיקורסישער עובד־אלילים. ער גלייבט בכלל נישט אין דעם געטלעכן מציאות אלס פערזענלעכער, זעלבסטבאוואוסטער טראנסצענדענטאלער כוח. מהאי טעמא קען ער דאך אוודאי נישט גלייבן, אז דער אנטאפיווטיקער חומר האט געטלעכע, גייסטיק־זעלבסטבאוואוסטע כוחות, אזוי ווי ס־האבן זיך עס כאטש פארגישטעלט די אלטע, פרימיטיווע געצנדינער. דער ג—ט־באגריף פונים מאדישן עובד־אלילים איז אן א שיעור ערגער און מטומטומדיקער פון דעם אלטן געצנדינערישן — ווייל ער פארגעטערט דעם באשאפינים חומר, דינט צו אים און קניט פאר אים כאטש ער איז מודה אז ער האט נישט די גייסטיק־געטלעכע אייגנשאפטן. ער פארגעטערט זיך, אלס דעם מענטש־חומר, די תאוות זיינע און צוגלייך אויך די מאלפע מיט וועלכער ער פילט זיך אין גאר נאנטער קרובהשאפט, די נידריקערע חיות און אפילו די גאנצע טויטע נאטור. אין „די וויזיעס פון נביא־שקר" פארמולירט טש. קלאר זיין דאזיקע מגושמדיקע, פאנטאסטיש־געצנדינערישע אמונה. אויף דער שאלה: וואס איז זיין גאט? ענטפערט ער, אז ער „איז פארקערפערט אין בוים, אין בארג, אין דער סארנע ווי אין דער קרעט וכדומה, ווייל ער איז נישט קיין גאט פון גייסט". דאס דאזיקע נייע פארזומפיקטע געצנדינסט איז, אן ספק, א סך ערגער און מסואנדיקער פון דעם פרימיטיוו־אלטן, וואס אין אים האט נאך גיציטערט ס־לעבידיקע רעליגיעזע גיפיל און א מאל האט נאך גיקענט אריינשיינין אין אים א שטיקל שיין פון הימל, ווען אפילו נישט אין זיין ריינסטער צורה.

אויב דער „נביא־שקר" פון טש. האט אזא חושכדיקן וועלט־קוק איז שוין ממילא קיין חידוש נישט וואס די יהודותדיקע נביאי־האמת גיפעלן אים זייער נישט און ער פאלט אויף זיי אן מיט די גימיינסטע לעסטערונגין. ער באשולדיקט

*) זע „צוויי דורות השכלה־ליטעראטור" [illegible]

זיי, אז זיי האבן דורך זייער שטרענגין מוסר, שארפער תוכחה, שוואך גימאכט דעם כוח פון פאלק און גיברענגט אין סכנה זיין קיום. פארשטייט זיך, אז אזא מין פארבלענדיטער, פאלשער נביא איז נישט מסוגל צו באגרייפן דעם פשוטן פאקט, אז גראד די נביאי־השקר, די עובדי הבעל און די אנדערע, אלטע גרויסע געצנדינערישע פעלקער, וואס האבן זיך דאך, לויט דער דאזיקער שיטה, אויסגיצייכנט מיט די גרעסטע לעבנס־כוחות, — גראד זיי זענין אויסגילאשן גיווארן אין גאנצן מיט דער צייט און ס־איז פון זיי קיין זכר נישט גיבליבן; דאקייגן האט דאס קליינע יידישע פאלק, וואס איז נעבעך אזוי „אפגישוואכט" גיווארן דורך די נביאים, באוויזן צו דערהאלטן זיין קיום אויף אייביקע צייטן און דאס גראד ביי די ערגסטע און אומנאטירלעכסטע לעבנס־באדינגונגין, וואס מ־קען זיך נאר מאלן אין לעבן פון א פאלק.

קניענדיק פאר אפאלאן לויבט אים טש. אלס „סימבאל פון לעבן, העלדישקייט, און שיינקייט". פון אמתן לעבן אבער, וואס מיינט איבערגיסן באשעפעריש די לעבנס־כוחות אין די אדערן פון די ווייטערדיקע דורות אין אן־אומאיבערגיהאקטן שטראם, איז דער געץ אפאלא גיוועזן אזוי ווייט סימבאל דערפון אויף וויפיל ער איז נישט צוקרישלט און צושאטן גיווארן אין שטויב במשך א גאר קורצן צייט־אפשניט. דאקייגן אויב לעבן מיינט וואקכאנאליע און אויסטריקנדיקער דורשט נאך באפרידיקונג פון די פריי צולאזטע אינסטינקטן ביז מע ווערט גענצלעך אפגיוווישט פון דער היסטאריע — קען אפאלא און זיינסגלייכן יא דאס סימבאליזירן. אבער צו אזא לעבן, שיכרותדיקן אינסטינקטן־טאנץ פארן אונטערגאנג, קען נאר שטרעבן באוואוסטזיניק א שווינדזיכטיקער בעל־עבירה, וואס ווייסט אז זיינע טעג זענין גיציילטע און ער וויל זיך באטויבן און פארשיכורן דעם גרויל פון זיין גורל.

וואס שייך העלדישקייט איז, דאכט זיך, גאר לייכט משיג צו זיין אז איר מדרגה, וואס זי האט דערגרייכט ביים יידישן פאלק, וואס האט גילעבט אונטער דער השפעה פון די נביאים און זייערע תלמידים, האט זי נישט דערגרייכט ביי קיין שום אומה ולשון. די יידישע אומבאזיגבארע גבורה און מסירת נפש פארן דערהאלטן שטאלץ און גאנץ די איבערגיליפערטע נביאישע ירושה, האט אויסגיהאלטן דעם כסדרדיקן, פארניכטנדיקן שטורם פון די מוראדיקסטע פייניקונגין און שייטערהויפנס פון די עלצטע ביז די לעצטע צייטן. די דאזיקע גבורה איז נישט תמיד גיוועזן, אזוי צו זאגן, א פאסיווע אין גישטאלט פון מסירת־נפש פאר קידוש־השם. ווען ס־איז נייטיק גיוועזן איז זי ארויסגיטרעטן אויך מיט אן־איבערמענטשלעכער אקטיווקייט איינציק אין איר מין, ווי א שטייגער ביי די חשמונאים בשעתם, וואס זענין דאך גיוועזן די גיטרייעסטע תלמידים פון די נביאים און די לעבידיקע פארקערפערער פון זייער גייסט. דאקייגן זענין דאך, דאכט זיך, די העלעניסטן מכל המינים טאקע גיוועזן די אפיציעלע פארגעטערער פון אפאלאן און די אנדערע גריכישע אפגעטער, און גראד זיי האבן זיך ארויסגיוויזן אלס די הכנעהדיקסטע קריכער און ווערימדיקסטע פאררעטער פון נאציאנאלן כוח און קיום צוליב א טראפן גינוס פון די פרעמדע ארגיעס.

אמת, די תלמידים פון די נביאים און חכמים האבן נישט גיפאכיט אומניציק און שגעונדיק מיט דער שווערט, ווי ס־פארלאנגט טש. אין זיין „בעים רוחי". אזא שגעונדיקער שווערט־קולט וואלט נאר גיקענט ברענגין, און האט טאקע גיברענגט בלויז חורבנות. די בלוט־צוקאכטע בריונים האבן צוגיאיילט און פארגרעסערט דעם חורבן, בשעת די תלמידים פון די נביאים האבן זיך אויף א רגע אונטערגיגעבן, ביים פארטיידיקן „עצים ואבנים", כדי קיינמאל נישט אונטערצוגיין...

דאס אייגינע איז אויך מכוח דער פרייד און שיינקייט, וואס די גייסטיקע אסימילאציע־תאווה זוכט זיי אזוי גיריג ביי פרעמדע. ווען מ־קוקט זיך א ביסל איין אין זייערע סימנים זעט מע באלד באשיימפערלעך, אז די דאזיקע פרייד איז אייגנטלעך קיין פרייד נישט נאר א בארוישונג פון לויז־גיווארינע, רויע אינסטינקטן־גליסטונגין און די שיינקייט איז אזא, וואס ווערט דערטרינקן אין מיאוסן שמוץ און דינט נאר צו שפייזן דעם יצר־הרע פון מיאוסע חושים־פארגינוגנס.

אויב פרייד מיינט שטילער און טיפער אויפברויז פון די ריינסטע נשמה־און הארץ־כוואליס ביים דערהערן גיזאנגין פון אייביקייט און עולם־הבאדיקייט, טא האט דעמלט קיין שום פאלק נישט פארמאגט אזויפיל הייסע שטראמין פרייד, ווי דאס איז גיוועזן אפילו אין די חושכדיקע געטאס פון יידישן גלות. נישט נאר די ספעציעלע שבתים און ימים־טובים זענין גיוועזן באשטימט ארײנצוגיסן גאנצע קוואלן פון פרייד און דערהויבונג אין פארצרהטן יידישן לעבן, נאר אפילו אין זיינע וואכידיקע טעג האבן תמיד גיריזלט טיפע און שטילע שטראמין פון נאגנדיקער שמחה, בשעת מ־האט זיך נאר גיקענט פארוועבן אין די גאלדינע פעדים, וואס האבן גיצויגן בריקן אין דער ספערע פון אייביקייט און אומפארגענגלעכקייט. אזא פרייד איז אוודאי נישט ליב אזא איינים, וואס איז פארכליניט מיטן מיאוסן ריח פון פארשייטער הוללות אין „דילסבערגער" קאפעען אדער פון „עשתורת ובל־ארגיעס און האלט אלס זיין רבין דעם גריכיש־תאווהדיקן עולם־הזהניק אנאקרעאו.

אזא איינים איז שווער תופס צו זיין אז אים ציט צו אזא פרייד. וואס איז בעצם קיין פרייד נישט נאר א טשאד, א בייזער אפטעמפנדיקער טשאד, וואס זיין אויסניכטערונג מוז דערוועקן גאר נישט קיין שיינע און ריינע גיפילן. און מכל שכן, אז אים און די אנדערע רעפרעזענטאנטן פון יצר הרע מוז פרעמד זיין דאס טיפע שיינקייט, וואס איז באהאלטן אין יידישן צניעות, אין דעם רויטליכן פארשעמטקייט פון אומבאפלעקטע יידישע בחורים און מיידלעך, אין די פארחלומטע ליכט־פאסן, וואס שיינען ארויס פון די אייגנארטיקע יידישע פנימער, וואס זענין גיווארן גילייטערט און גיאיידלט ביים איינקוקן זיך אין די פאלדן פון הייליקע יידישע פארמיטן און אלטע פארגעלבטע ספרים. ס׳איז בכלל א פרעמדע, טעותדיקע השקפה אז מוסר און שיינקייט זענין אין גאנצן אפגיטיילט אדער זענין זיך גאר אפילו סותר. ס׳ווענדיט זיך נאר וועגן וועלכן שיינקייט ס׳רעדט זיך. ס׳איז פארהאן א גויאישע שיינקייט מיט אלע זיינע פרעמדע סימנים פונקט ווי ס׳איז פארהאן א גויאישע מאראל מיט אלע אירע באזונדערע שטריכן, וואס זענין זיך משלים קעגנזייטיק. אזוי אויך איז פאראן א באזונדערע יידישע שיינקייט און דער עיקר א באזונדערע יידישע השגה דערוועגן פונקט ווי ס׳איז פאראן א באזונדערער יידישער מוסר. אין ריינים מוסרדיקן לעבן און אין דעם מסירת נפש פאר אים איז שוין דא א שפע פון אמתער שיינקייט, וואס ווערט אייגענטליך זייער רעלאטיוו אויסגיטייטשט פון פארשידענע פעלקער און אין פארשידינע צייטן, צוגיפאסט צו זייער באזונדערן וועלט־קוק און וועלט־גיפיל. די מאלערישע, ספעציפיש־יידישע פראכט וואס איז אויסגיגאסן אויפן טראדיציאנעלן לעבנס־שטייגער, הלבשה־טראכט וכדומה האט אפילו צייטנווייז גיפאנגין דאס אויג פון נישט יידישן קינסטלער ווי למשל א רעמבראנט און זיינס גלייכן, וואס האבן פון דעם יידישן קוואל גישעפט דעם וווּנדערבארסטן שטאף פאר זייערע ארביטן.

אמת, ס־טרעפט אפילו, אז טש. טוט אין אויסגיניכטערטע מינוטן זיך איינקוקן אין מאנכע יידישע ימים־טובים אדער מנהגים און דעמלט שרייבט ער וועגן זיי אזעלכע „אידיליעס", וואס זענין אין גאנצן סותר דעם מהות פון זיין דערמאנטער גידאנקן און גיפילן־וועלט. אבער דאס איז בעצם א משונהדיקער דיסאנאנס און זיין שטענדיקער, אנעקרעאניש־פארשייטער דזשאז־באנד־מוזיק דאס איז, אזוי צו זאגן, א קליינער שטייער אפגיצאלט דער „לאסט פון דער ירושה". וואס פלאגט צייטנווייז צו שטארק. אויך ביי עכו״ם־גוישע דיכטערס טון זיך גאנץ אפט פארגנבינין אייגנארטיקע יידישע טאן־שפליטערס, וואס זענין אייגנטלעך פרעמד צו זייער שטענדיקער מעלאדיע. פון אזעלכע מינימאלע השפעות קען ממילא א יידיש־פארגויאישטער דיכטער זיך אוודאי נישט אין גאנצן אויסהיטן. דער עיקר איז דאך אבער אומיטים דער הויפט־טאן און די באוואוסטזיניקע טענדענץ, וואס איז אמייסטן בולט און לייגט דעם אפיציעלן חותם אויף אלים און פארשאטנט דאס צופעליקע, פרעמדע.

טש. איז אלנפאלס אמייסטן כאראקטעריסטיש מיט זיין אויפריכטיקן אנווייזן דעם אמתן מקור פון דער נאציאנאל־גייסטיקער אסימילאציע און אירע נאך טיילווייז־דרימלנדיקע באשטרעבונגין. דאס, וואס איז ביי אנדערע פון זיינע חברים נאך פארנעפלט מיט מליצות און נישט גינוג קלאר — איז ביי אים בולט, צוליב זיין דרייסטן אויפגראבן די רויע געצנדינערישע שרשים פון די גידאנקן און גיפילן, וואס באהערשן די מאדיש־נאציאנאלע השכלה־מחנה.

מענטשן פונים דור

דערציילונגין און לידער

דאס נייע גרויסע לייען־בוך פון אלימלך שטייער
פאר אונדזער יוגנט מוז זיך גיפונין אין יעדער יידישער שטוב

ד״ר העשיל קלעפּפיש

אַ פרוי, וואָס האט גיהייסן שרה רחל

(גיווידמיט דעם נאָנטן בנות-קאָנגרעס)

איך ווייס אייגנטלעך נישט ווי אַזוי, מיטן כּוח פון וואָסער פּסיכאָלאָגישן גיהיימניס, כ׳האָב זיך גראָד אין איר דערמאָנט. איך האָב שוין גאַנץ-לאַנג וועגן איר גילייענט. איך האָב שוין לאַנגאיין איר נישט גידענקט. אָבער אומגיריכט איז זי אַרויפגישווימען אין גידאַנק, און בילד נאָך בילד רוקט זיך פאַר מיר פאַרביי דאָס לעבן פון דער פרוי וואָס האט גיהייסן שרה רחל...

עס רוקט זיך פאַר מיר פאַרביי איר לעבן, וואָס איז גיווען אָרים, און דערביי אַזוי אומגיהויער-רייך; פּשוט און דערביי אַזוי פּאַטעטיש; אָן גרויסאַרטיקע אָרנאַמענטן, אָן פאַרפּוצונגען, און דאָך—אַזוי דערהויבן און סימבאָליש!!! קיין שום פאַנטאַזיע קען עס נישט אויסטראַכטן...

איך ווייס נישט, ווי אַזוי, איך ווייס נישט, צו איז ביי מיר שרה-רחלס גישטאַלט אַרויסגירופן גיוואָרן אונטערן איינדרוק פון די לעצטע אומרויען אין ארץ-ישראל, די רציחה-אַקטן, פון די אַראַבער, וואָס וואַרפן באָמבעס אויף פרויען און קינדער. איך ווייס נישט, צי איז מיר שרה רחל גיקומען אויפן גידאַנק דערפאַר, ווייל אַנומעלט האָבן מיר, אַ קרייז פון פריינט, גיפירט אַ לאַנגען און ערנצטן שמועס וועגן די פרויען-גישטאַלטן, וואָס טרעטן אַרויס אין דער יידישער גישיכטע. מיר האָבן באַרירט פאַרשידענע תקופות און פאַרשידענע טיפּן, דורות, קייטן פון דורות, און מיר זענען גיקומען צום אויספיר, אַז נישט בלויז אויסדערווײלטע פרויען האָבן אין דער יידישער גישיכטע גיקענט אויסוואַקסן פאַר העלדינס נאָר אַפילו — איינפאַכע, פּשוטע פרויען, פרויען, וואָס האָבן גיפירט אַ שווער גראָ לעבן, וואָס זענען דאַכט זיך, בכלל נישט מסוגל גיווען זיך אויפצוהייבן איבער דער טאָג-טעגלעכקייט און אַ גלאַנץ צו טון מיט אַ שימער פון מסירת נפש...

מיר זענען גיקומען צום אויספיר, אַז זייער אָפט, און אפשר טאָקי אַלע מאָל האָבן פּשוטע פרויען, וואָס זענען גיווען באַשעפטיקט ביי האַנדל, ביי אַרבעט צי „ביי דער קיך“ זיך אַרויסגיוויזן פאַר אומגעוויינטלעך שטאַרקע כאַראַקטערן, און פון איינפאַכע פרויען איז גיקומען דער גרעסטער, דער וואונדערבאַרסטער יידישער ענטוזיאַזם.

איך בין אַוועק נאָכן שמועס מיט אַ קנויל מחשבותן. איך בין אַוועק אַליין, אָבער מיטאַמאָל האָב איך זיך אַרומגיזען — זי, שרה רחל, איז דאָ!

זי איז נישט פון אונדזערע מקומות.

• • •

זי איז פון העט ווייט, פון אַפריקע, פון דער אַפריקאַנישער פּראָווינץ טוניס, וואָס גיהער ביי הײנטיקן טאָג צו פראַנקרייך.

שרה רחל האט גילעבט אין טוניס, אין דער שטאָט קאָנסטאַנטין—פּרעכטיגע, גרויסע מאַכמעדאַנישע מענטשן גיפינין זיך אין קאָנסטאַנטין, פּריציש אַראַבישע הויפן מיט שפּרולדיקע ברונעמס און פאָנטאַנען אינמיטן, אָבער שרה-רחל האט גילעבט אין יידישן קוואַרטאַל אין קאָנסטאַנטין, און דאָ שלענגלין זיך ענגע גידרייטע געסלעך און עס שטייען דאָס רוב קליינע, אָרימע הייזלעך.

אין די צייטן פון שרה רחל — און גיווען איז דאָס מיט איבער הונדערט יאָר צוריק, — איז נאָך טוניס נישט גיווען פראַנצויזיש, אַראַבער זענען דאָן די בעלי בתים, אַראַבער רעגירן, זיי רעגירן ווילד, פאַנאַטיש און פון דער אַראַבישער ווילדקייט און אַראַבישן פאַנאַטיזם ליידט, נאַטירלעך די יידישע באַפעלקערונג אין טוניס.

גאַנץ אָפט האט עס גיטראָפן, באַנדיס אַראַבער רייסן זיך אַריין אין יידישן קוואַרטאַל. זיי רייסן זיך אַריין מיט שטורים און רשעותדיקן האַס. זיי האָבן נישט אין די הענט פּעטאַרדעס און באָמבעס, ווי זייערע הײנטיקע אייניקלעך אין ארץ-ישראל. מיט פּרימיטיוון גיווער האט מען זיך באַנוצט מיט הונדערט יאָר צוריק: מיט קרומע שווערדן, און לאַנגע, גידרייטע ביקסן. אָבער נישט ווייניקער ראַפינירט און נישט ווייניקער אוממענשלעך איז גיווען די אכזריות.

מ-האט נישט גיפילט קיין מיטלייד פאַר פרויען און קינדער.

מ-האט קליינע עופּהלעך צופּערטלט.

מ-האט פרויען גישטאָכן.

די יידן האָבן נאַטירלעך גיפּרואווט מיט כּלערליי מיטלען ראַטעווען זייערע לעבנס.

עס האָבן זיך פאַרן אַראַבישן הערשער, פאַר׳ן „בעי“ גישטעלט יידישע דעלעגאַציעס, און אויסגילייזדיקט פאַר אים זעק געלט. דער „בעי“ האט דאָס געלט צוגינומען, אָבער די רציחות נישט אָפּגישטעלט.

יידיש לעבן און יידיש פאַרמעגן איז גיווען הפקר.

פון טאָג צו טאָג איז גיוואַקסן דער ווילקיר, די בלוטדורשטיקייט פון די באַנדיס, און ס-האט ביים האַרץ גיריסן דער יידישער עלנט.

• • •

אַזוי איז אין קורצע שטריכן דאָס בילד פון דער תקופה, אין וועלכער שרה-רחל האט גילעבט. אַ צייט פון שוידער און אומגליק פאַר טוניסער יידן.

אין בלוטיקע, פינצטערע יאָרן איז אויפגיוואַקסן שרה רחל.

די עלטערן פון שרה-רחל זענען גיווען אָרימע פאָלקס-מענטשן. דער פאָטער—אַ תהלים-זאָגער, אין אַריענט ווייסט מען זייער גוט, וואָס דאָס איז. אַ ייד וואָס זאָגט תהלים אין יידישע הייזער, ווען אַ חולה פאַלט אַוועק, און וואָס מאַכט הזכרות פאַר טויטע. די מאַמע — אַ זאַקן שטריקערין.

אַן אָרימע הים, אָבער אַ וואַרימע, אַ יידישלעכע.

מ-האט דאָ ווייניק צייט און ווייניק גידולד גיהאַט זיך אָפּצוגעבן מיט דער דערציאונג פון שרה רחל. מ-האט אויך נישט די מעגלעכקייט גיהאַט איר צו לאָזן לערנען. שרה רחל מוז פרי אָנהייבן צוהעלפן אין דער פרנסה. גאָר-יונג, אין זי טראָגט שוין מיט די לאַסטן. זי העפט פרויען-טיכלעך, און פאַרקויפט זיי די אַראַבערנס, זי העפט די טיכלעך אין די נעכט, און פאַרקויפט זיי אין די טעג. אין די מזרח-לענדער האט מען יונג חתונה. צו זיבעצן יאָר איז שוין שרה-רחל אַ פרוי. דער מאַן — איז איינער פון די אָרימע הארעפּאַשניקעס פון קאָנסטאַנטין. עמנואל עזובי איז זיין נאָמען. אַן-עופות-הענדלער. נאָך מער גיבויגן אונטער דער משא פון דאגות ווערט איצט שרה רחל. און נאָך מער צוקנייטשט ווערט דאָס יונגע פּנים. און געל, ווי אַ פּאַרמיט-בלאַט.

און אט קומט אַ נייע אומגליק: אַ פּאָגראָם ברעכט אויס, מע שלאָגט יידן אין די גאַסן.

אויך עמנואל ווערט באַפאַלן. עמנואל ווערט זיך, ער ראַנגלט זיך מיט די שלעגער. אָבער די צאָל פון די באַנדיטן וואַקסט פון רגע צו רגע, און זיי לאָזן נישט אַרויס דעם ייד, וואָס צאַפּלט אין זייערע הענט. עמנואל ווערט דערשטאָכן, און ער בלייבט אָן אָטעם ליגן אין מיטן גאַס.

צו 20 יאָר פאַרבלייבט שרה רחל אַן אַלמנה.

און עס איז איר נאָך עמנואלן פאַרבליבן — אַ טיפער טרויער, און דער פאַמיליע-נאָמען: עזובי.

• • •

קערט זיך איצט אַ צובראָכענע שרה רחל אום אַהיים, צום פאָטער דער תהלים-זאָגער און צו דער מאַמין, די זאָקן-שטריקערין, און זי הייבט ווידער אָן העפטן טיכלעך. אָבער ס-בלייבט אַפילו פאַר איר אַליין אומבאַקאַנט, צו ווערן מער פּעדימס אָדער מער טרערן אין די טיכלעך פאַרהאַפטן.

די צייט ווערט פאַר די יידן אין קאָנסטאַנטין וואָס אַמאָל שווערער און ביטערער.

ס-איז שוין פאַרן „בעי“ ווייניק דאָס שחטן יידן און פאַרניכטן יידיש פאַרמעגן; דער „בעי“ וויל אויך פאַרברענען די שוהלעכלעך פון קאָנסטאַנטין און פאַר זיך צונעמען די ספר-תורות.

ער האט גיהערט, — מ-האט עס אים גיזאָגט: דער יידישער כּוח איז—די ספר-תורה. אָן דער ספר-תורה זענען יידן עלנט און פאַרלאָזן, אָן דער ספר-תורה ווערן זיי אין איין אויגנבליק—חרוב ומוחרב.

ווי אַן-אָנזאָג פון בייז טראָגט זיך די ידיעה איבער דער יידישער גאַס. די יידישע הייליקטימער זענען אין גיפאַר.

אָבער ווי נאָר מ-האט באַוויזן עטוואָס אונטערצונעמען און צו קומען צו זיך נאָך דער דערשיטערנדיקער שוואַרצער בשורה, צ׳גיט זיך אַ קלאַנג: זיי גייען, זיי זענען דאָ, זיי זענען דאָ און-ווילן שענדן די ספר תורות!

אין גיאייל ווערן די ספר תורות אַרויסגינומען פון די שוהלעכלעך. און דער אַלטער פאָטער פון שרה-רחל, דער תהלים-זאָגער, טראָגט גיך צו זיך אין שטוב אַוועק אַ ספר. דאָס איז פאַרבינדן מיט לעבנס-גיפאַר. דער „בעי“ האט באַשלאָסן צו דורכצופירן אַ גרונטלעכע רעוויזיע אין אַלע יידישע וואוינונגען, און שטרענג באַשטראָפן, די וואָס האָבן גיוואַגט די הייליקטימער צו פאַרבאַהאַלטן. אַ פאַרסאַפּיטער פאַלט אַריין אין שטוב דער תהלים זאָגער וואו אויסנישטערן אַן-אָרט וואו גיפונין אַ באַהעלטעניש? — אָבער דאָ ווענדיט זיך צו איר פאָטער שרה-רחל און זי זאָגט:

—גיב מיר די ספר תורה! איך וועל זי היטן, איך שווער דיר, אַז מע-וועט פריער איבער מיין טויטן קערפּער מוזן אַריבערטרעטן, אויב מע-וועט דעם ספר מיט גיוואַלט פרוואון צונעמען ביי מיר:

זי זאָגט, און אירע אויגן צופלאַקערן זיך דערביי אַזוי—מאָדנע, אַן-איינפאַכע פרוי, אַ טיכל-העפטערין, אַן-אַלמנה נאָך אַן-עופות-הענדלער, אָבער אין איין מאָמענט, און זי דערפילט אין זיך עפּעס פון דער וואונדערליכער יידישער פאָלקס-שטאַרקייט, און זי איז נישט מער איינפאַך, און זי איז נישט מער שרה רחל פון קאָנסטאַנטין. זי וואַקסט אויס צו אַ פרוי, וואָס קען, וואָס דאַרף, וואָס מוז, וואָס איז ווערט צו טראָגן די גרויסע יידישע פרויען-נעמען שרה, רחל...

• • •

אין דער יידן-גאַס שטורימט. ס-בראַזגיט, סע הילכט, און שוים שפּריצט, און ווי-גישרייען צוגייען זיך. דער ווינט קלאַפּט אָן אין די פענצטערלעך פון תהלים-זאָגערס הייזל. דער ווינט ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער און חוצפּהדיקער. אָבער דערנאָך איז עס מער נישט—דער ווינט. ס-איז דער „בעי“. ס-איז די באַנדע.

מיט גיטומל און ווילדן גיפילדער פאַלט אַריין די באַנדע. ווערט אין ערשטן אויגנבליק צושראָקן שרה-רחל. אָבער גלייך פאַרשווינדט דער פּחד. שרה-רחל שטייט, ווי אַ מאַרמור-סטאַטוע. שרה רחל איז קאַלט, ווי אַ מאַרמור און אומדערשיטערט, ווי אַ מאַרמור.

בלויז טיף אין האַרצן גליט.

זי וועט די ספר תורה נישט אָפּגעבן.

זי וועט די יידישע הייליקייטן ביזן לעצטן אָטעם שיצן.

זי וועט דעם גייסטיקן אוצר היטן.

קלאָר און שאַרף!

זי קלאַמערט זיך פעסט אינים ספר.

זי פילט איצט אַזוי נאָנט צו זיך די יריעות, די ווערטער, די הייליקע, די אותיות, די הייליקע.

זי ווערט דערוואַרימט פון אַ הייליקן אָטעם

זי וועט עס נישט אָפּגעבן!

זי פילט, ווי פויסטן, העק, מעסערס הויבן זיך, זי פילט, אַז שטיקלעך האַקן זיך פון איר קאָפּ אַראָפּ, זי פילט, אַז פייערדיקע רעדער שוועבן פאַר אירע אויגן פאַרביי, אָבער זי קלאַמערט וואָס פעסטער די ספר תורה אין אירע הענט. זי הערט אַ הייזעריקן גירויש. זי ווייסט נישט מער, צי דאָס כאַרכלט די באַנדע, אָדער דאָס כאַרכלט זי אַליין. אָבער זי דרוקט אַלץ נענטער צו זיך צו דעם ספר.

זי האט נישט גיבראָכן איר וואָרט.

איבערן טויטן קערפּער פון שרה רחל האָבן די באַרבאַרן גימוזט טרעטן, כּדי ביי איר אַרויסצורייסן די ספר-תורה,

שרה רחל איז ווי אַ קדושה גיפאַלן. אינים קעלער פון איר פאָטערס הייזל איז זי באַגראָבן גיוואָרן. אויף איר מצבה איז אויסגיקריצט קורץ: „שרה עזובי, דער קרבן פון אונזער הייליקער תורה, התקצ״א“. און ביזן היינטיקן טאָג זאַמלען זיך די יידישע פרויען פון קאָנסטאַנטין צונויף אַרום קבר פון דער קדושה. זיי זאַמלען זיך צונויף אין אָוונט פון שמחת-תורה. און זיי האַלטן ברענענדיקע וואַקסענע ליכטלעך אין די הענט. און זיי וויינען אויפן הייליקן קבר און גיסן אויס זייערע תפילות. און אויף—צומאַרגנס אין דער פרי קומען צום קבר די גאַנצע יידישע קהלה פון קאָנסטאַנטין, און דער רב זאָגט קדיש. און די גישיכטע וועגן שרה רחל ווערט פאַר אַלימען איבערדערציילט, די גישיכטע וועגן דער גבורה וואָס איז אויפגיגאַנגען אין אַן-איינפאַכער טיכלעך-העפטערן, די גישיכטע, וואָס באַווייזט, וויפיל פּאַטאָס און גרויסע יידישע מסירת נפש עס שלאָגט אין די פּשוטע פרויען פון פאָלק...

• • •

מערקווירדיק. די פרוי, וואָס האט גיהייסן שרה רחל, גייט מיר נישט אַרויס פון זינען. עפּיס שטראַמט פון איר גישטאַלט אַזאַ תהומותדיק-טיפער צער און דערביי אַזוי פיל זונין-שיין, עפּיס טראָגט זיך פון איר לייד און ליד צוגלייך, עפּיס זע איך אין איר אַ מעכטיקן סימבאָל פון יידישער, **פרויען-רעליגיעזיטעט** און פרויען-שטאַרקייט, קוקט זיך איין אינים וואונדערליכן בילד: **אַן-איינפאַכע** פרוי, אַ פרוי פון 20 יאָר, און די פרוי איז פול מיט וואונדער און פלאַם. **און** זי איז אַ גרויסע יידישע פערזענליכקייט, און אירע הענט זענען פעסט, עקשנותדיק, ד ו ר ו ת ד י ק, פאַרקלאַמערט זיך אין דער ספר תורה

עס וועט דאָך מיר קיינער פאַר אומגוט נישט נעמען, אויב איך וועל אט דאָס אַרטיקל וועגן דער פרוי שרה רחל ווידמין דעם נאָנטן בנות-קאָנגרעס.

ישראל עמיאָט

שירים

אבות

זיי גייען נאָך פאַרבאַרגן און מיר מיט פאַרבאַהאַלטענע מיט שטילע טריט
יענע גרויסע, יענע הייליקע, עס גייט מיין זיידע דער „ייד״ *):

שוין דורכגיברענט די וועלט אין זיך אַ פירשיינט פון גיזיכט
אַצינד דאָס לויטערע איבערוועלטישע ליכט:

אַלע פּניות גילייטערט שוין באַצווינגן דער פאַרלאַנג,
ערשט איז דער טאָג און די נאַכט דער פוירהאַנג:

ווייעט איבער וועלט וואו ווייט, אַ ווייט גיזאַנג
און אַלץ דאָ איז בלויז נאָר אַ קליין ווידער-קלאַנג:

און דער מענטש און די חיה און דער שטיין שטייט און וואַרט;
יאָס לעבן—אַזייגער וואָס האט אָפּגינאַרט

און פון אַלים, פון אַלץ דאָ טראָגט דען זיך די ש טים
ווי דערגייט מין צו אים? ווי קומט מין צו אים?

א הספד אויף טאדריס שוסטער

און ווייל נאָך טאדריסלס מטה טוען דריי מענטשן נאָר גייען:
וועל איך הקטן אים מספּיד זיין, איך איינער אַליין

און ווייל מיין הספד נאָך טאדריסלין וועט קיינער נישט הערן
וועל איך צונויפרופן די זון, די לבנה און שטערן

אט אַזוי א, טונקל טונקלער זאָל מיר איצט ווערן
אַלע וועלטן זאָלן פאַרגיין זיך אין טרערן.

דאָ ליגט טאדריסל שוסטער, נישט קיין יחסן נישט קיין גביר
ער קריגט נישט קיין שישי, ער שטייט ביי דער טיר.

נישט קיין צורה, קרועה בלוי׳, דאָס פּנים קויל שוואַרץ
נאָר ווי די זון אונטער וואָלקנס,—אונטער שמאַטיס זיין האַרץ

נו מילא, אַ דימענטן—האַרץ טאדריסלס פאַרמעג
האט מין קיין צדקה צו געבן—שענקט מין די טעג.

משולח ווייסט טאדריס, פון טאדריסן אַלץ וואָס ליידט
זאָל וואַרטן דאָס העמערל, די נאַכט אויף דער צייט.

וואָס טוט אַן-אָרימאַן ווען ס-ווערט דאָס האַרץ אים פול פון גוטס
ער מוז נעבעך שוויַיגן און וויינין אין דער שטיל

קלויבט דער טאָג אויף אַ טרער, קלויבט די נאַכט אויף אַ טרער
דאָס אַלץ וואָס כ-קען זאָגן, און גאָרנישט נישט מער

נאָר ווייל ס-איז קיינער צו טאדריסלס הספד גיקומען
האָב איך שטערן אין הימל פאַר עדות גינומען.

---

*) ייד—דער ייד הקדוש

מנחם עקשטיין

פסיכאלאגישע עלימענטן אינים חסידות

3

ווי אזוי קען מין אבער פטור ווערן פון אט די פארפירערישע דמיונות? אויף דער פראגע גיט דאס חסידות א גאנץ פשוטן ענטפער און זאגט: אויס-היילן פון פאלשע פארשטעלונגין קען מין זיך נאר דורכן פארטון דעם מוח מיט אנדערע אמתע פאנטאזיעס. מע דארף זיך צוגיוואוינין באלד פון דער יוגנט צו קענין רעגירן מיט אונדזער כוח הדמיון, אים אנטוויקלין און פאר-פאלקאמין, אז מיר זאלן האבן די מעגלעכקייט זיך צו קענין פארשטעלן אנ-דערע אמתע פארשטעלונגין, אויף אזא אופן פאמעלעך אפצושוואכן די פאלשע דמיונות און זיך פון זיי באפרייען.

מיר וועלן דא אלזא ארומרעדן צוויי סארטן פארשטעלונגין וואס קאנטראסטירן זיך אין גאנצן צו די ערשטע, און וועלן מיר זיך מיט זיי נאר באנוצן, זענין זיי בכוח זיך קעגנצושטעלן די ערשטע און אויסווארצלין פון אונדז די חסרונות וואס האבן זיך אין אונדז איינגיגעסן, די פאלשע איינבילדונגין.

לאמיר צום ערשטן ארומרעדן די פארשטעלונג וואס עפנט אונדז אויף די אויגן צו קענין גינוי באטראכטן אונדזער שפלדיקייט אקעגן דער גרויסער, גרויסער, וועלט. דאס צו דערגרייכן, דארף מין אנהייבן מיט אזא אופן: צום ערשטן דארף מין זיך אויסמאלן מיט אונדזער שכל, און מיט אונדזער כח הדמיון דעם וועלט-קוגל, ווי מיר וואלטן קוקן אויף אים פון א גיוויסער פע-רספעקטיוו, און מיר באטראכטן אלע פיניף טיילן זיינע, און אלע ימים וואס גיפינין זיך אויף אים. לאמיר זיך אויך גינוי פארשטעלן אלע פעלקער וואס באוואוינין די וועלט-טיילן אויף אלע לשונות וואס זיי רעדן נאר אין זייערע אפגיגרעניצטע ערטער, און די צאל פון אלע מענטשן פון יעדער אומה ולשון. דאס אלץ לאמיר זיך גינוי פארשטעלן ווי מיר וואלטן דאס בילד גיזעען ממש מיט אונדזערע אויגן. אין אנהייב וועט דאס בילד אויף אונדז נישט מאכן אזא איינדרוק, ווייל ס'איז נאך פריש, אונדזער כח הדמיון איז נאך צו שוואך, ווייל מיר האבן זיך נאך נישט באנוצט מיט אים ווי גיהעריק. אבער מיט דער צייט, אז מיר וועלן פלייסיק זיך איבן מיט יעדן טאג אין דער ארבעט, און מעגלעך, אויך עטלעכע מאל אין טאג, וועלן מיר דאן מיט אונדזערע גייסטי-קע אויגן זעען וואס אמאל קלארער, ווי מיר וואלטן יעדער פארגישטעלטע זאך ממש אנגיטאפט מיט די הענט. אבער נישט בלויז די מענטשן דארפן מיר זיך פארשטעלן נאר אויך אנדערע באשעפינישן וואס גיפינין זיך אויף דער וועלט. אלע בהמות און חיות פון וועלכע מיר ווייסן נאר וואו זיי גיפינין זיך, זייער אויסזעען, און זייער נאטור, אלע רויב־חיות אין די ווילדע וועלדער און מדבריות, ווי ארום זיי רויבן, פארציקן: די גאנצע מענגע שטוב-בהמות, וועלכע גיפינין זיך צווישן מענטשן, ווי אזוי די מענטשן באנוצן זיך מיט זיי, און האבן פון זיי א גינוס. די מאסע אנדערע קלענערע באשעפינישן פון די קלענצטע ווי די מילב, ביז די גרעסטע, ווי דער העלפאנט, אלע שלאנגין און שקצים ורמשים, ווי אזוי זיי קריכן ארום אויף דער ערד, גייען, לויפן, רוען, ווערן גיבוירן און שטארבן. דאס גאנצע בריאים-גיפליגל, אלע מיני טרילערייען און צווישטשערייען וואס זיי צווישטשין און טרילן אויס אין דער לופט, אויף די ביימער, אין די פעלדער און גערטנער, אלע מיני פיש אין די ימים און טייכן, ווי זיי שווימין זיך איינער צום אנדערן, ווערן גיבוירן, מע פאנגט זיי און זיי קומין אים. אלע מיני גיוויקסן תבואות, ירקות, גראזן, דערנער און בונט־פארביקע בלומין: אלע גערטנער, סעדער, פעלדער און וועלדער, אט די אלע זאכן, אויף וויפיל מיר האבן מער וויניקער דערפון א ידיעה, דארפן מיר זיך גינוי פארשטעלן ווי זיי בליען, עפינען זיך, וואקסן, וועלקן און פאלן אראפ, שטארבן, דאס אלץ דארפן מיר זיך גוט פארשטעלן, יעדער פרט באזונדער און אין כלל צוזאמינגינומען, ווי מיר האבן זיי גיזעען, אויף וויפל מיר ווייסן וועגן זיי...

נאך א גיוויסע צייט — לויט אונדזערע אייגנשאפטן און פלייסיקער איינבילדונג, אז עס וועט פאר אונדז קלאר שטיין יעדיס בילד אין א קלארער ליכט, אז מיר וועלן אזש נתפעל ווערן, און פונ'ן ווי אט דאס וואונדערלעכע בילד פארכשופט אונדז, גלייך ווי א מענטש ווערט נתפעל פון א פרעכטיק נאטור-בילד וואס ער זעט מיט די אויגן ממש, ערשט דארף מין ווייטער גיין און זיך פארשטעלן דאס ארט וועלכיס מיר פארנעמין אצינד, און מיר וועלן זיך באמיען זיך איינצושטעלן אין דער פאנטאזיע צווישן דעם המון מענטשן אין דער גרויסער מאסע בריאים: די ערשטע צייטן וועט אונדז אפילו שווער זיין זיך פארצושטעלן אזא בילד, ווייל אונדזער גאנצער באוואוסטזיין איז דער עגא-גיפיל, וועלכער איז פון אונדזער קינדהייט אן איינגיווארצלט אין אונדז וועט זיך קעגנשטעלן אזא בילד, און נישט לאזן זיך פארלירן צווישן ארום, פארלירנדיק דערביי דעם אייגינים איך: עס וועט אונדז נישט לאזן דערזעען אונדזער קלייניקייט און שפלות. אבער דער הרגל וועט זיך טון דאס זייניקע, און אין משך פון דער צייט, וועט אונדז גילונגין זיך קייגנצושטעלן אלע מניעות און ס-וועט אונדז וואס אמאל לייכטער ווערן אנקומין זיך פארצושטעלן דאס דאזיקע וואונדערלעכע בילד.

4

מיר זעען דא אלזא א מלחמה צווישן צוויי פארשטעלונגס-כחות: פון איין זייט — א פאלשע פארשטעלונגס-קראפט, וואס שאצט איבער דעם מענטשס ווען אי-בער דער מאס, דאך ווייל אט די איינבילדונג איז א ווענטלעכע, א נאטירלע-כע, ווייל זי קומט דאך פון דער נאטירלעכער אן וועלכער ס-איז אנרעגונג פון אונדזער אייגנליבע, דעריבער וועלן מיר זיי באצייכינין אלס נאטירלעכע איינבילדוגג; פון דער צווייטער זייט, ווירקט אין אונדז אן־אמתע רעיעלער פארשטעלונגס-קראפט, וועלכע ווייזט דעם מענטשן זיין אמת'ן ווערט; אט דער דמיון, קומט דורך לאנגער מי פון איינאיבן איר אין זיך — דעריבער וועלן מיר זי באצייכינין ווי א קינסטלעכע פארשטעלונגס-קראפט. נישט לייכט קומט עס אן אויסצואווארצלין די נאטירלעכע פארשטעלונג פון אונדז, ווייל אט דער דמיון איז א ווען וואס איז אין אונדז פארווארצלט זייט מיר זענין גיבוירן גיווארן. דאס איז נישט קיין ארבעט פון קיין טאג, און אפילו נישט פון קיין וואכן; דאס איז אן־ענין וואס איז אפהענגיק אין דער אייגנשאפט פון מענטש, און אין זיין איינבילדונגס-קראפט. עס קען אמאל גידויערן וועלכע צוויי-דריי-יאר אויך, אבער יעדע וויסנשאפט ווערט דאך נישט דערווארבן אין קיין פאר וואכן, און אז מיר ווילן וועלכן ס־איז וויסנשאפטס-צווייג גרינטלעך דערלער-נין, גידויערט עס פלייסיקע עטלעכע יארן, יעדער לויט זיינע פעאיקייטן, און דער וויסנס-צווייג וועלכן מיר באהאנדלין דא איז מיט גארנישט הינטערשטע-ליק פון אנדערע וויסנשאפטן, דערמיט וואס דער מענטש לערנט זיך דאס און איבט זיך אויף זיין אייגן גיביין. פארקערט, עס איז זייער א דקותדיק סובּ-טעלע לערע, און די ווירקונג פון איר אויפן מענטש איז א רייִקע, ווייל זי ענדערט פון גרונט אויס דעם מענטש, אלע זיינע באגריפן און אנשויאונגין. אין ערשטן סטאדיום פון פלייסיקער ארבעט קען מין שוין דערקענין גיוויסע ענדערונגין אין דער פסיכיק, און מיט דער צייט פילט מין די פולשטענדיקע איבערקערינישׂ אינים גאנצן אינערן און דאך פאדערט דער גאנצער ענין נישט מער ווי א האלבע שעה אין טאג, מיר דארפן נאר נישט מפסיק זיין אין מיטן, און אין דער הפסקה נישט פארלירן וואס מיר האבן זיך דערווייל דע-ווארבן.

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, טאג נאך טאג, וועט דער אזוי באצייכנטער קינסט-לעכער „דמיון", באהערשן די נאטירלעכע פארשטעלונג, ווי די ווירקונג פון טריפנדיקע רעגן-טראפנס אויף א שטיין. אין אנהייב וועט מין גארנישט דער-קענין קיין שינוי אין דער נאטירלעכער פארשטעלונגס-קראפט, פונקט ווי מע דערקענט נישט אין אנהייב די מינצטע ענדערונג, נישט אינים שטיין וואס ווערט גישווענקט פון די רעגן-טראפנס, מיט דער צייט אבער וועט דאס קינסט-לעכע דאס דורך אונדז אליין איינגיאיבטע בילד אין גאנצן באזיגן, די „נא-טירלעכע" איינבילדונגין און פארשטעלונגין אונדזערע, מעגלעך, אז נישט אויף יעדן מענטש וועט דאס ווירקן מיט דער זעלבער מאס, נישט יעדן מענטש מוז דער נאטירלעכער דמיון אין גאנצן אפשטארבן, מע דארף אים גארנישט אפטויטן. מע דארף אים נאר אויף אזוי פיל איבן, מיר זאלן קענין טון מיט אים וואס מיר וועלן נאר וועלן, און צו יעדער צייט, און עס וועט זיך אונדז פארגלוסטן זיך באנוצן מיט דער קינסטלעכער פארשטעלונג, זאלן מיר דאס קענין באווייזן ווי מיר וועלן וועלן, פונקט ווי מע צינט אן א ליכט אין א

פינצטערן צימער, פארשווינדיט מאמענטאל די פינצטערניש, און ווען מע פארלעשט איר, ווערט צוריק פינצטער, דער חילוק איז נאר, וואס אפילו ווען דער נאטירלעכער דמיון וועט ווירקן, וועט ער אויך שוין קיין שאדן נישט ברענגין, און ער וועט נישט האבן אויף אונדז די פריערדיקע ממשלה, ווייל מיר וועלן דאך אים שוין קענין וויסן, אז ער איז פארפירעריש און פאלש פארשטיין, אז מע קען אט די בלינדע פאנטאזיע אין א רגע פארווישן.

5

דאס באנוצן זיך מיט אונדזער דמיון, דארף רעגולירט ווערן אויף אזא א סך, אז מיר זאלן זיך אין אנהייב אויסמאלן די וועלט ווי א קליינים נישט קלארן באלים. און פאמעלעך אים פארברייטערן און קלאר מאכן ווי ווייט אונדזערע מעגלעכקייטן דערלויבן דאס; אדער מיר קענין זיך פארשטעלן א גיוויס ארט, וועלכיס מיר קענין גוט און פון דארט זאלן מיר זיך מיט אונדזער פאנטאזיע שטופנווייז פונאנדערשפרייטן, אויסברייטערן, און ארומרינגלין דעם גאנצן ריזן-באלים וועלכן מיר האבן אין דער פאנטאזיע, ס־גייט דא דער עיקר אינים באמיען זיך אויסצוברייטערן אונדזער האריזאנט וואס ווייטער און ברייטער, אום דערמיט אויסצואיבן און אנטוויקלין דעם מח, דאס איז נאר מעגלעך שטופנווייז, פון וויניק צו א סך, פון קליינים צום אלץ גרעסערן פון פארנע-פלט אומקלארן, צו דער קלארקייט. דעריבער דארפן מיר זיך נישט באגנוגי-נין מיטן בילד פון ערד-קוגל אליין, נאר ווען אט דאס אלגימיין בילד וועט ביי אונדז אין דער פאנטאזיע שוין זיין גינוג איינגיקריצט, דארפן מיר גיין ווייטער און זיך אויסמאלן אויך די זון, די לבנה, און די פלאנעטן און אלע שטערנס צוזאמין מיט דער ערד אויף וועלכער מיר וואוינין, ווי פרעכטיק איז דאס בילד, ווי מיר שפלדיקע ווענס, צ זאמין מיט דער ריזיקער אומצייליקער כחנה פון פארשידינע סארטן בריאים, האבן הנאה פון דער שיין וואס טריפט צו אונדז אראפ פון די שיינינדיקע פלאנעטן, וועלכע זענין פון אונדז דאך אזוי ווייט; ווי אט דאס גאנצע באשאף איז פיל מיט לעבן, באוועגט זיך, און דרייט זיך שטענדיק, און לויפט, לויפט, אומאויפהערלעך.

מע דארף זיך באמיען פארצושטעלן דעם מרחק צו דער ערד און דער זון, די גרויס פון דער זון, ווייל אט דאס דאזיקע בילד איז פון די זאכן וואס נעמין גאר קיין סוף נישט, ווייל קיינמאל וועט עס אונדז נישט גילונגין אויס-צוברייטערן אונדזער זע-האריזאנט אויף אזוי פיל, מיר זאלן זיך קענין פאר-שטעלן דעם מרחק פון דער זון צו דער ערד.

דעריבער וועלן מיר אלע טאג זעען עפיס נייעס, אלע טאג וועט דאס דאזיקע בילד אננעמין אנדערע קאנטורן. מיר וועלן אלע מאל מער נתפעל ווערן פון דער גראנדיעזקייט, און קיינמאל ביזן סוף נישט דערגרייכן.

ס־איז אויך גיוואונטשן דעם מוח צו איבן מיט א פארקערטער מאס, ווי די דערמאנטע, דהיינו, נאכן פארגרעסערן דאס אויבן-דערמאנטע בילד ביז דער מעגלעכסטער גרעניץ, לאמיר דאס בילד פארקלענערן, דערמיט וועלן מיר איבן די עלאסטישקייט פון מוח. אזעלכע איבונגין, נישט נאר זיי ווירקן אויף דער שנעל-באוועגלעכקייט זיינער, נאר העלפן אין א גרויסער מאס צו צו דעם מיר זאלן האבן די ממשלה איבער אונדזער צענטראל-אפאראט, אים קענין צוימין, ריכטן, וואו מיר וועלן נאר וועלן. אין אנהייב וועט עס שווער צוגיין זיך צו שיידן אזוי לייכט פון א בילד, וואס פארכאפט אונדזער מוח און שנעל עס פארנעמין מיט א צווייט בילד. אבער מיט דער צייט וועט עס אלע מאל לייכטער צוגיין.

די גוטע ווירקונג פון אט דעם גייסטיקן ספארט אונדזערן וועט זיך באלד לאזן פילן, ווי נאר די פאנטאזיע וועט זיך צושפילן און פארבילדלעכן מיט אזא קראפט, אז א שיינע פארשטעלונג וועט זיין אזוי לעבידיק, ווי מיר וואלטן זי גיזעען מיטן אויג. שטייענדיק פון אזא פערספעקטיוו פון אט דעם בילד וועט עס נאך זיין ערהאבינער. עס וועט אויסקומין, ווי מיר וואלטן גרעסער גיזעען פון אלץ און גישטאנין איבער אלימין. אט די דאזיקע פארשטעלונג וועט אונדז אנפילן מיט א גיוואלטיקער פרייד, מיט ענערגיע און לעבנס-לוסט. דאקעגן מאכט אונדז דאס זיין אין לעבן בטל און די בריאה-קעגנשטאנדן, וועלכע די נאטירלעכע פאנטאזיע (וועלכע מיר האבן פריער דערמאנט) ווייזט אונדז אין איר ליכט — דאס גיפונין זיך אין לעבן אליין, טויט אפ אונדזער ענערגיע, טויטיט צפ יעדן לעבנס-לוסט און מאכט אונדז אפט מאל אויף אזוי פיל צפגישטארבן, אז מיר בלייבן א מאל זיצן אומבאוועגלעך, ווי א שטיין. אזא צושטאנד ווייל אבער נישט און איז כלל נישט אויסן אונדזער טעאריע. דער צוועק פון אונדזער לימוד וועגן איבן די פאנטאזיע איז נאר, אז מיר זאלן דערמיט זיך קענין באפרייען פון פאלשע און אומנוצלעכע פאנטאזיעס, דעריבער זענין אונדז די אלע איבונגין נייטיק זיך איינצושטעלן א גלייכע נאטור און אייגנשאפט, מיר זאלן שטענדיק זיין פול מיט באוואונדערונג. לעבנס-לוסט און ענערגיע, וועלכע אט די דערהאבינע בילדער וועלן אין אונדז אויפוועקן. מיר וועלן זיין שטיל, פארגיבנדיק און פול מיט ענוה, ווייל איינאיבנדיק זיך ווי גיהעריק דאס בילד פון דער וועלט-גרויסקייט וועלן מיר נאר דאן אויף אן־אמת ערשט זעען אונדזער מינדערווערטיקייט און נישטי-קייט.

פון דער צייט

דוד אפטייקער
תל־אביב

א. די נאכט איז בלינד

די נאכט איז בלינד
און מיר גייען
נאכט־איין, נאכט־אויס
צום אומבאקאנטן גורל.

א יעדער טאג
איז א פאדערהויז,
וואס פירט צום פאלאסט פון נאכט.

אין פאלאסט איז פינצטערניש
שטייען מיר, ווי מענטשן ביי פענצטער
און פאנגין
די גראע בלינדקייט פון די ווייסן.

אין דער היים ווייִנט א קינד
און רופט, ווי פון חלום:
„טאטע, טאטע, טאטע..."
וואכט אויף די מוטער אין איר בעט
און לאזט א טרער אינים וויגל פונים קינד:

ווייִן נישט — קינד מייִנס — ווייִן נישט —
ס־וועט דער טאטע קומין באלד
און א ביקסל ברענגין דיר..."

הייִנט די נאכט מיט שאקאלן
און דעם טאטנס שאטן שלייִכט אויף אלע שליאכן
און וואכט
איבער די דרימלינדיקע גיצעלטן
פון יעקבס קינדער.

ב. דער וועג איז פון שטייִנער

דער וועג איז פון שטייִנער
און שטייִנער זענין שטום,
אפילו ווען ס־זידט בלוט און שרייִט.
א יעדער לאך אין וואנט, אין אן־אפגרונט
און שפינוועבס איז אן־אויסגישפרייִטע נעץ.

ס־איז טרויעריק דאס גיביט,
וואס טראגט א תפילה איז הארצן:
אן־עולה צום מקום המקדש.

און ס־שרעקט דער שאטן
פון א יעדן מענטש
א יעדן מענטש.

ס־איז דער וועג קרום,
ווי א פראגע־צייִכן,
וואס ווערט כסדר פארענטפערט
און בלייִבט ווייטער שטיין.

דער כותל איז גרא
פון אלטקייִט
און אומיטיק,
ווי א נר־תמיד.
און ר־פארשווייִגט
זייִן זינדיקן טרויער
ווי די שטייִנער אויפן וועג...

נאָכדרוק אַפילו טיילווייז מיט אָנגעבן די קוועלע — פאַרבאָטן!

בנימין מינץ

גישיכטע און פּראָבלעמען פון אונדזערע קבוצים אין ארץ-ישראל

ערשט קרוב פיר יאָר איז איצט אַלט דער ערשטער קיבוץ פון פועלי אַגודת ישראל — און שוין גישיכטע? שוין פּראָבלעמען אין לשון רבים? שוין רעדן וועגן עבר, ווען די געגנוואַרט איז נאָך אין ווערן? שוין זיך שווער מאַכן דאָס גימיט מיט פּראָבלעמאַטיק, ווען מ׳איז נאָך נישט אַרויס אַפילו פון די קינדער-שיכלעך? אַזעלכע שאלות פרעגן קען נאָר דער, וואָס איז נישט קלאָר אין ארץ-ישראל-לעבן און בפרט אין לעבן פון האַרעפּאַשנע מענטש, פון אַט די אַלע בעסטע יוגנט-כּוחות אונדזערע, וואָס אין זייער שטרעבן און אין זייער דורכזעצן זיך אין אַ לעבן אויפן דאָרף אין הייליקן לאַנד — האָבן זיי אָנגישריבן עטלעכע גבורה-פּרקים אין דער גישיכטע פון יידישן ישוב אין ארץ-ישראל. אַוודאי שוין גישיכטע, שוין פּראָבלעמען, ווייל שוין קרוב פיר יאָר יסורי-ארץ-ישראל זענען אַדורכגעגאַנגען אונדזערע עטלעכע איינזאַמע קיבוצים; שוין קרוב פיר יאָר פּיין, קאָפּ-צוברעכיניש, ליידן ביז פאַרצווייפלונג, זאָרג ביז ווייטיק, טאָג-טעגלעכע קליינע לעבנס-פראַגן, וואָס האָבן אויסגיזויגן דעם מאַרך פון קאָפּ, און צום סוף די גרויסע דאגה פון מאָרגן, וואָס שוועבט איבער די קעפּ פון די קיבוצים פון ערשטן טאָג פון זייער גרינדונג ביז דער איצטיקער מינוט — אַט דאָס אַלץ דאַרף דערציילט ווערן נישט בלויז צוליב עפּיס אַ צווייפלהאַפטן וויסנשאַפטלעכן ווערט, נאָר דווקא דערפאַר, ווייל עס שטעקט מיט ביידע פיס אין דער געגנוואַרט. דווקא דערפאַר, ווייל מע קען פון אַזאַ רעזומירן עפּיס לערנען אויפן עתיד. און: גישיכטע, ווייל ס׳איז עפּיס גישען און עס איז פאַראַן, וואָס צו דערציילן; פּראָבלעמען — ווייל זיי זענען גיווען קליינע און גרויסע, באַלד אין ערשטן טאָג און האָבן זיך גימערט אין אַ דערשרעקנדיקער פאָרים, וואָס אַמאָל מער, און נאָר אַ פּחדן אָדער אַן־אומפאַראַנטוואָרטלעכער מענטש וויל זיי נישט קענען און אין זיי זיך פאַרטיפן. איך בין דאַנקבאַר דעם רעדאַקטאָר פון „אגודיזם-אַלמאַנאַך“, וואָס ער גיט מיר די מעגלעכקייט צו רעדן דאָ בקיצור וועגן אַט די אַלע ענינים. צום ערשטן מאָל אין אונדזער פּרעסע וועלן זיי אַרומגירעדט און רעזומירט ווערן אָן שום משא-פנים. אָבער איך האָב עגמת-נפש, וואָס דאָס מוז גימאַכט ווערן בקיצור, ווי דאָס פאָדערט זיך אין אַ זאַמל-העפט פון פאַרשידינע ענינים. דווקא, ווייל דאָס איז צום ערשטן מאָל, וואָלט מען עס גידאַרפט מאַכן באריכות און גרינטלעך. אונדזערע קיבוצים זענען ווערט אַן־עקסטרע זאַמל-העפט.

*

אונדזערע קיבוצים זענען נישט מער קיין עקספּערימענט. מע דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז וואָס שייך ווירטשאַפטלעכע ענינים, האָבן אונדזערע קיבוצים גיהאַט פאָרגענגער אין גישטאַלט פון די פרייע-לינקע קיבוצים און אויך די קיבוצים פון הפועל-המזרחי. די דאָזיקע האָבן אין משך פון קרוב צוואַנציק יאָר גינוג אַדורכגימאַכט, ביז זיי האָבן פעסטגיזעצט אַ גיוויסע ווירטשאַפטלעכע ליניע און פאַרב, מיט וועלכע מיר האָבן זיך באַנוצט פון דער ערשטער רגע אָן. און אויב מיר האָבן גיהאַט ספיקות פון דער רוחניותדיקער זייט, זענען זיי טאַקי אין משך פון די קרוב פיר יאָר לגמרי פאַרשוואונדן. אַדרבא, מיר באַטראַכטן דעם קיבוץ אַלס קעמערל, פון וואַנען עס קען קומען דער רוחניותדיקער רעליגיעזער אויפשוואונג פאַר אונדזערע עולים. דאָס זענען שוין מודה אויך די פריערדיקע געגנער פון אונדזערע קיבוצים. און פון ווירטשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט גיזעען: עס איז אַראָפּ די מורא פאַר דעפיציטן. אַ קיבוץ, האַלב-וועגס גוט צוגיגרייט, קען זיך אַליין אויסהאַלטן, אָן בודשעטן מן הצד. איך בין מדגיש: כאָטש האַלב-וועגס צוגיגרייט.

פאַר דעם רוב פון די היינטיקע חברים פון אונדזערע קיבוצים האָט דער קיבוץ אויפגיהערט צו זיין אַן־איבערגאַנגס-מחנה. ער איז גיוואָרן אַ היים. ער איז גיוואָרן פעסטקייט. ער איז גיוואָרן משפחה-פאַטערלאַנד. ער גיט אַ רוחניותדיקן אָנלען אין דער איצטיקער שווערער צייט, וואָס גייט איבערן ישוב. קוקט זיך איין אין די אויגן פון אונדזערע קיבוץ-חברים און איר וועט אין זיי נישט גיפונען אַט דעם שרעק פאַר דעם מאָרגן, וואָס איר קענט אַרויסלייענען פון די אויגן פון אונדזערע חברים די „שוואַרצע“ אַרבעטער. דער קיבוצניק האָט נישט קיין מורא, אַז מאָרגן וועט ער נישט האָבן קיין ברויט און זיין קינד אַ גלאָז מילך. און דער קיבוצניק גיפינט אין זיין קיבוץ אַ האַרטן און פעסטן רוחניותדיקן חוט-השדרה. ער גיט אים דאָס גיפיל, אַז אַ רעליגיעזער ציבור שטייט אונטער אים, אין דעם ים פון חפשיות, אין וועלכן עס קומט אים אויס צו שווימען אין אַ סך דערפער אין ארץ-ישראל. וואָרן אונדזערע קיבוצים אַלס גאַנצע באַגנוגנין זיך נישט בלויז מיט דעם, וואָס זיי זענען פאַראַן אויף דער הייליקער ערד. זיי ווילן ווירקן, נישט בלויז צווישן אייגינע נאָר אויך צווישן דרויסן-שטייענדיקע. דער קיבוץ אונדזערער שטרעבט צו זיין אַ מוסטער פאַר אַנדערע. שטרעבט כּובש צו זיין די הערצער און ערטער אין יעדן יידישן פּרט און יידישן כּלל, דער קיבוץ, ווי אַ ציבור, ווי אַ משפחה, באַגנוגנט זיך נישט בלויז מיט די פאַראַנינע חברים, נאָר זאָרגט אויך וועגן נאָכפאָלגערשאַפט.

באַמערקונגס-ווערט איז אָבער, אַז דאָס גיפיל פון פעסטקייט און היים אין די קיבוצים האָבן נאָר די אַלט-גיזעסינע. די, וואָס האָבן אַדורכגימאַכט די פּיין און די יסורים און האָבן אין הונדערטער שמועסן הויך אַדורכגירעדט און אַדורכגיטראַכט אַט די אַלע פּראָבלעמען וואָס ליגן זיי שוין אין מאַרך פון די ביינער. און נאָך מער באַמערקונגס-ווערט איז, אַז קיין נייע חברים פאַר די קיבוצים קומען כּמעט נישט צו פון צווישן די חברים, וואָס זענען שוין אין לאַנד פאַראַן אַ לענגערע צייט (ווען כ׳זאָג אַ לענגערע צייט, דאַרף מען דערביי גידענקען, אַז אונדזער גאַנצע עליה איז ערשט אַלט פיר יאָר), נאָר דווקא פון צווישן די פריש-אָנגיקומינע עולים פון חוץ לארץ. די סיבות דערצו? זיי זענען פאַראַן עטלעכע און וועלן שפּעטער אַרויפשווימען פון זיך אַליין, אָבער דאָ מעג שוין דערמאָנט ווערן, אַז אונדזער מענטשן-מאַטעריאַל בכלל איז נישט צוגיגרייט פאַר קיין קיבוץ-לעבן; טראָגט נישט אין זיין בלוט די מיסיע פון אַ סאָציאַלן איבערבוי פון לעבן, פון אויסשיכטונג; איז נישט דערצויגן גיוואָרן צו זיין דער פּיאָנער פון תּורה און אמונה אין יידישן דאָרף; וואַרפט זיך בכלל שווער אונטער וועלכער עס איז דיסציפּלין, וואָס איז, פאַרשטייט זיך, פאַראַן אין קיבוץ. און דאָ קומען מיר צו צום ערשטן קאַפּיטל פון אונדזער גישיכטע: פון וואַנען האָט גישטאַמט דער דראַנג צו גרינדן דעם ערשטן קיבוץ. צי איז ער גיקומען פון „אויבן“, אָדער פון צווישן די חברים אַליין איז גיוואַקסן דער ווילן זיך צוזאַמען צו שליסן אין אַ גימיינשאַפט, כּדי משפּיע צו זיין כּלפּי פנים און כּלפּי חוץ כּדי זיך צוזאַמען צו קענען דורכזעצן אין אַלע ווירטשאַפטלעכע פּלאָנטערן.

*

דער ערשטער שטויס צו גרינדן אַ קיבוץ האָט גישטאַמט פון „אויבן“. עס זענען גיווען די ערשטע האָניק-חדשים פון דער אַזוי גירופענער באַנייטער אגודה-אַרבעט אין ארץ-ישראל. די מענטשן וואָס זענען דורך די אויבערשטע אגודה-אינסטאַנצן באַרופן גיוואָרן אָנצופירן מיט דער דאָזיקער אַרבעט, האָבן איינגיזען, אַז מכּמה פּאָליטישע און ריין-אָרגאַניזאַציאָנעלע טעמים, קען דערווייל נישט זיין רייד פון קיין פאַרצווייגטער אַרבעט צווישן מיטלשטאַנד, צווישן בעלי-בתּים אין ארץ-ישראל. עס זענען דערווייל פאַראַן שוואַכע אויסזיכטן צו גרינדן אַ פאַרצווייגטע נעץ פון אגודה-סניפים אין לאַנד. די גאַנצע ענערגיע מוז דעריבער אויסגינוצט ווערן צו גרינדן אַ שטאַרקע און מעכטיקע אָרגאַניזאַציע פון פועלי אַגודת ישראל, אין וועלכער אַלע אונדזערע עולים, וואָס ווערן תּיכף פועלים, זאָלן זיין צוזאַמען גישלאָסן. עס איז גיווען זייער וויכטיק אין ארץ-ישראל, אַט דעם קלאַסישן אַרבעטער-לאַנד, צו גרינדן אַ פעסטע אָרגאַניזאַציע פון רעליגיעזע אַרבעטער, וואָס זאָלן קענען אַריינעמען אין זייערע רייען אַלע רעליגיעזע עלעמענטן, וואָס גייען איבער צו פּראָדוקטיווער אַרבעט. מע האָט גידאַרפט איין מאָל פאַר אַלע מאָל ווייזן דער וועלט, אַז אַרבעטערשאַפט און אַפּיקורסות זענען נישט קיין סינאָנימען, אַז מע קען, אַדרבא, קעמפן פאַר אַלע דערגרייכונגען אין סאָציאַל-ווירטשאַפטלעכן זין, כּדי אויסצובעסערן די לאַגע פון אַרבעטער, און דאָך זיין פאַר דער אויבער-הערשאַפט פון דער תּורה.

די פועלי אַגודת ישראל אין ארץ ישראל איז גיגרינדעט גיוואָרן אַרום פּסח צייט, אין יאָר תרצ״ג. עס זענען גיווען די ערשטע האָניק-חדשים, פיל מיט

התלהבות און ברען צו אַרבעט, ווילן צום שאַפן, שטורעם און דראַנג צום אויפטון. דאָס זענען אָבער אויך גיווען חדשים פול אינערלעכע און אויסערלעכע קאַמפן, חדשים פון שרעקלעכע שוועריקייטן און סכנות פון זיין אָדער נישט זיין. עס זענען גיווען קוים דריי-פיר סניפים, וואָס האָבן נאָך צווישן זיך נישט גיהאַט קיין פיל גימיינזאַמעס, האָבן נאָך אַפילו נישט גיהאַט קיין איינהייטלעכן נאָמען, האָבן נישט גיהאַט קיין רעכטלעך-גיוויילטן מרכּז, און נאָר דער „מרכּז לעלי׳ והתישבות“ אין תּל-אָביב, וואָס איז דעמאָלט גיווען דער פאַרטרעטער פון דער וועלט-אגודה אין ארץ-ישראל, איז גיווען דער רינג, וואָס האָט אַט די עטלעכע סניפים צוזאַמען גיהאַלטן און די איינצלנע, איינזאַמע חברים אין פאַרשידינע פּונקטן פון לאַנד גימונטערט צו אַרבעט.

און דורך דעם דראַנג כּובש צו זיין נייע פּלעצער אין לאַנד פאַר אונדזערע חברים און אונדזער אידעע, איז גיקומען דער גידאַנק פון גרינדן אַ קיבוץ אין כּפר סבא.

די מעגלעכקייט דערצו איז גיגעבן גיוואָרן דורך עטלעכע פרומע יידישע קאָלאָניסטן אין אַט דער גרעסטער קאָלאָניע אין שרון, וואָס האָבן גיהאָפט, אַז דורך דעם אַריינדרינגען פון אמתדיקע רעליגיעזע אַרבעטער אין דער קאָלאָניע אַריין, וועט דאָס האָבן אַ שטאַרקע השפּעה אויפן גאַנצן ציבור דאָרט. די דאָזיקע עטלעכע קאָלאָניסטן האָבן זיך מתחייב גיווען צו באַשעפטיקן אונדזערע פועלים אויף פעסט, אָדער, ווי מע זאָגט עס אין ארץ-ישראלדיקע טערמינען — צו געבן זיי עבודה-קבועה און צו מאַכן זיי פאַר קבוצים. כּדי אָבער צו קענען זיך קייגנשטעלן די אַנדערע פּאַרטייען, וואָס וועלן זיך זיכער קייגנשטעלן דעם דאָזיקן פּרואוו, האָבן די דאָזיקע קאָלאָניסטן גידאַרפט זיין אין גאַנצן פון זיי אומאָפּהענגיק. דעריבער האָבן זיי פאַרלאַנגט, אַז מינימום זאָלן אַריבערקומען קיין כּפר-סבא צוואַנציק פּועלים.

דער „מרכּז לעלי׳ והתישבות“ האָט זיך דאָס, פאַרשטייט זיך, אונטערגינומען אָבער זיך אַ ביסל טועה גיווען אין חשבון. אונדזערע חברים-טיפּן זענען גאַנץ ווייט גיווען פון פּיאָנערנטום. כאָטש מע האָט גאָרנישט גידאַרפט קיין מסירת נפש ביים „כּיבוש“ פון כּפר סבא, וואָס איז אַ גרויסע און גיזונטע קאָלאָניע, אין גאַנצן צוואַנציק מינוט פון פּתח-תּקוה און אַרבעט איז אויך גיווען צוגיזאָגט. עס איז קיין פאַרגלייך נישט גיווען, אַפילו אין דמיון, צו די ערשטע פּיאָנערן-גבורות, וואָס זענען באַוויזן גיוואָרן אַמאָל אין ארץ-ישראל, און ווערן נאָך היינט באַוויזן. און פון דעסט וועגן האָבן זיך כּלל נישט גימאָלדן קיין קאַנדידאַטן פאַר כּפר-סבא, וואו זיי האָבן גידאַרפט צוזאַמען גישלאָסן ווערן אין גיוויסע פאָרמען פון אַ גימיינשאַפט. אונדזערע חברים אין די שטעט האָבן אַפילו נישט גיטראַכט וועגן אַרויסגיין אויפן דאָרף (עס איז גיווען דער אָנהייב פון דער פּראָספּעריטי-צייט) און די וואָס זענען דעמאָלט יאָ גיזעסן אויפן דאָרף (נאָר אין בני-ברק און פּתח-תּקוה) האָבן זיך אויך נישט גיוואָלט רירן און פאַרלאָזן זייער סביבה און באַקאַנטן-קרייז.

נאָך אַ לאַנגער און שווערער אַרבעט איז גילונגען צו ברענגען קיין כּפר-סבא זיבן חברים. דאָס איז גיווען אין ו׳ אלול תרצ״ג. דעמאָלט איז גילייגט גיוואָרן דער גרונט-שטיין פאַר אונדזער קיבוץ אין כּפר-סבא. און אַזוי אַרום פאַר אונדזער גאַנצער קיבוצים-באַוועגונג אין לאַנד.

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, אין ווינטער תרצ״ד, האָט זיך גיגרינדעט אונדזער קיבוץ אין רחובות, וואָס איז שפּעטער איבערגיגאַנגען קיין גדרה, און אין אָדר פון זעלבן יאָר איז גיגרינדעט גיוואָרן דער קיבוץ אין נתני׳, וואָס איז שפּעטער אַריבערגיגאַנגען קיין מחנה ישראל. אויב דער קיבוץ אין רחובות איז אויסגיוואַקסן פון זיך אַליין, אויסגיטראָגן גיוואָרן אין די מוחות און אין די הערצער, פון זיינע אייגינע חברים-גרינדער, וואָס האָבן גיהאַט אַ קיבוציסטיש-צבוריותדיקע וועלט-אַנשויאונג, איז דער קיבוץ אין נתני׳ ווידער גיגרינדעט גיוואָרן שוין דורכן מרכּז פועלי אַגודת ישראל מיט פריש-אָנגיקומינע חברים פון פּוילן, רומעניע און טשעכאָסלאָוואַקיי. עס איז גיווען אַ גליק, וואָס דאָס מענטשן-מאַטעריאַל פון נתני׳ער קיבוץ איז גיווען אַדורכגינומען מיט אַ טיפן אידעאַל פאַר רעליגיעזן פּיאָנערטום אין ארץ-ישראל, מיט אַ שטאַרקן חוש פאַר צבוריות, און אַ ברייט פאַרשטענדניש פאַר סאָציאַלן צדק. דאָס האָט מעגלעך גימאַכט, אַז עס האָט זיך אויסגישיילט די גרופּע, וואָס איז גיגאַנגען קיין מחנה ישראל, און דאָרט גיגרינדעט דעם קיבוץ, וואָס וועט זיך איינשרייבן זיכער מיט גאָלדינע אותיות אין דער גישיכטע פון אונדזער פּיאָנערטום אין ארץ-ישראל.

אַט די דריי קיבוצים: אין כּפר-סבא, אין גדרה, אין מחנה-ישראל — זענען דערווייל אונדזער איינציק פאַרמעגן אין ארץ-ישראל, ווי אַ פּרואוו, ווי דער ערשטער שטאַפּל צו קאָלאָניזאַציע. עס זענען גיווען נאָך פּרואוון צו גרינדן קיבוצים, ווי למשל, אין פּרדס חנה און אין רעננה. אָבער זיי האָבן זיך נישט איינגיגעבן. אין דער גרופּע פון אונדזערע קיבוצים דאַרף אָבער אויך אַריינגירעכנט ווערן דער שטאָטישער קיבוץ פון בנות אגודת ישראל אין תּל-אָביב, וואָס כאָטש ער איז לכתחילה נישט גיווען קיין קאָלעקטיוו און איז אַפילו היינט שוין נישט קיין קאָאָפּעראַטיוו, ווי ער איז עס גיווען פריער — האָט ער אָבער גיהאַט דעם דראַנג זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ ריכטיקן קיבוץ, מיט דעם ווילן אַרויסצוגיין אויפן דאָרף, אַלס משק פועלות, און דעם דאָזיקן ווילן האָבן די חבירות פון קיבוץ נאָך נישט פאַרלוירן.

די גישיכטע און פּראָבלעמען פון אַט די פיר קיבוצים וויל איך דאָ פּרואוון בקיצור אָנצוצייכענען.

דער קיבוץ אין כּפר-סבא

איז אין זיינע ערשטע צייטן, אין די לעצטע וואָכן פון יאָר תרצ״ג און אין משך כּמעט פון יאָר תרצ״ד, נישט גיווען קיין קיבוץ אין גיוויינטלעכן זין פון וואָרט. עס איז גיכער גיווען אַן־אַרבעטער-מחנה. דאָס וואוין-אָרט איז באַצאָלט גיוואָרן דורכן קרן-הישוב און אַפילו קיין בשותּפותדיקע קיך איז אויך נישט גיווען, נאָר יעדער האָט גיגעסן אויף זיין חשבון. בכלל איז קיין שום בשותּפותדיקע קאַסע נישט גיווען. דאָס גימיינזאַמע איז באַשטאַנען אין דער וואוינונג, אין דער אינערלעכער אָרדינונג, אין דער אַרבעט-פאַרטיילונג, אין דער רוחניותדיקער אַרבעט. ערשט שפּעטער ווערט די גימיינשאַפט ענגער צוזאַמען גיקניפּט דורך דעם אייגינים באָדן, וואָס ווערט פאַר איר באַשטימט דורכן קרן הישוב, דורכן אָנהייב פון באַאַרבעטן דעם באָדן. אָבער נאָך דעמאָלט איז דער קיבוץ נישט קיין קאָלעקטיוו. ער ווערט עס ערשט אין סוכּות תרצ״ה.

עטלעכע חדשים האָט דער קיבוץ גיוואוינט אין אַ פּאָמעראַנצן-פּאַק-הויז, וואָס דער קאָלאָניסט ה׳ פּנחסי האָט צו פאַרפיגונג גישטעלט דער ערשטער אַרבעטער-גרופּע. דער קיבוץ האָט גיזאָלט אויפשטעלן אַ צריף אויף אַ גידונגינים פּלאַץ, אָבער אַרום דער ווענדונג פון די יאָרן תרצ״ג—תרצ״ד איז גיקויפט גיוואָרן אַ שטח פון בערך אַכצן דונאַם באָדן אין דער קאָלאָניע גופא, דורכן קרן הישוב און דאָרט אַהין האָט זיך די מחנה אַריבערגיצויגן אין שבט תרצ״ד אין אַ גירוימין אייגינים צריף.

דאָס אַלץ איז נישט גישען אַזוי לייכט. די איניציאַטיוו צו קויפן אַט דעם קליינים אָבער אייגינים שטח באָדן, איז אַרויסגיגאַנגען פון „מרכּז לעלי׳ והתישבות“ אין תּל-אָביב. נאָר מיט גרויס מי האָבן דערצו מסכּים גיווען די צענטראַלע אגודה-אינסטאַנצן, און לאַנגע, לאַנגע חדשים, אַפילו מער ווי אַ יאָר האָט גידויערט ביז דער חוב אויפן באָדן איז אָפּגיצאָלט גיוואָרן. דאָס האָט זייער גישטערט דער אַנטוויקלונג פון קיבוץ. אַזוי למשל האָט עטלעכע חדשים גימוזט אַדורכגיין ביז עס איז מעגלעך גיוואָרן אויפצושטעלן דעם ערשטן צריף אויפן אייגינים באָדן און ביז מע האָט אָנגיהויבן רעדן וועגן באַאַרבעטן אים, וועגן אַדורכפירן די דרענאַזשע אַזוי, איז ווידער אַדורכגיגאַנגען אַ לאַנגע צייט. יעדער שריט פאָרווערטס איז דאָ גיקויפט גיוואָרן מיט אַ סך צער, אויפּאָפערונג און עגמת נפש, און דורך מי-פּועלע, על-פּי-רוב אומפרוכטבאַרע אַרבעט, וואָס וואָלט אין גאַנצן פאַרמיטן גיוואָרן, ווען די גיהעריקע סכומים וואָלטן גיקומען צו דער צייט. אַזוי למשל, דאָס צוציען די ערשטע וואַסער-רערן, דאָס אויפשטעלן דעם גדר, איינאָרדינען די ערשטע באַקוועמלעכקייטן, האָבן פאַרבראַכט אַ סך ענערגיע און מי.

אין די ערשטע חדשים זענען צוגיקומען צו די ערשטע זיבן חברים (וואָס זענען דער רוב גיווען פון דייטשלאַנד) נאָך עטלעכע חברים, וואָס האָבן אַדורכגימאַכט די הכשרה אין כאַזשלע, אין פּוילן. די דאָזיקע חברים האָבן גימוזט איינגיאָרדנט ווערן אין גידונגינע הייזער אין דער קאָלאָניע גופא. דער קיבוץ איז דעריבער גיווען צוזייט און צושפּרייט, און דאָס האָט אַ סך גישטערט זיין אַנטוויקלונג.

די הכנסות פון די חברים זענען איינציק און אַליין איינגיפלאָסן פון אַרבעטן ביי יענים אין די פּרדסים. דער פאַרדינסט דאָ איז נישט קיין גרויסער און קלעקט קוים אויף אַדורכצוקומען דעם טאָג. ווען אין ווינטער תרצ״ד עס האָבן אויסגיבראָכן די גרויסע אַרבעטער-סכסוכים אין כּפר-סבא, האָט דאָס זייער שלעכט גיווירקט אויך אויף די הכנסות פון אונדזערע פּועלים, וואָס זענען

גיוואָרן נערוועזער פון טאָג צו טאָג און אַ טייל פון די ערשטע זענען אַוועק, נישט זעענדיק פאַר זיך קיין שום צוקונפט אין קיבוץ.

דאָס פאַרלאָזן דעם קיבוץ דורך אַ טייל חברים האָט נישט גישטאַמט בלויז פון דער שלעכטער צייט אויפן אַרבּיט-מאַרק. דאָס האָט אויך גישטאַמט פון דער פאַרצווייפלונג, וואָס האָט אַרומגינומען אַ טייל פון די חברים, וואָס זענען נישט גיווען גינוג שטאַרק אין כאַראַקטער, און האָבן זיך גילאָזט טראָגן פון מאמענט, פון חיי שעה. עס איז גילעגן אַ סך אמת אין די טענות פון אַט די חברים, וואָס האָבן נישט גיזעען קיין ווירטשאַפטלעכן עתיד פאַר זיך אין קיבוץ. מע דאַרף וויסן, אַז דער רוב חברים אין קיבוץ כפר סבא, האָבן די פאָרים פון קיבוץ נישט אָנערקענט אַלס שטענדיקע לעבנס-פאָרים, נאָר אַלס אַן איבערגאַנגס-פעריאָד צו אַן אייגענע לאַנד-ווירטשאַפט, אָדער על כל פנים אַ הילף-לאַנד-ווירטשאַפט, נעבן אַ קאָלאָניע. דאָס דאָזיקע צו דערגרייכן איז ביי די יעצטיקע באַדינגונגען זין ארץ-ישראל כמעט אַן־אוממעגלעכע זאַך. גבליבן אין די קיבוצים זענען דעריבער נאָר די, וואָס האָבן אין דער קאָלעקטיוויסטישער פאָרים פון קיבוץ גיגלויבט אַלס קביעות אין לעבן, און האָבן אויך גיגלויבט, אַז בזמן מן הזמנים וועט פאַרט אין דער אגודיסטישער מחנה גיגעבן ווערן די מעגלעכקייט צו קאָלאָניזירן זיך אויף וועלכן עס איז אופן.

אין אָנהייב פון יאָר תרצ"ה איז דער קיבוץ אין כפר סבא איבערגיגאַנגען אויף אַ קאָלעקטיוויסטישער פאָרים. אַלס חבר איז אויפגינומען גיוואָרן אַ בעל משפחה און באַלד דערנאָך אַ צווייטער בעל משפחה. עס איז איינגיאָרדינט גיוואָרן אַן־אייגינע קיך. אין משך פון יאָר זענען צוגיקומען נאָך צוואַנציק חברים בערך. דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן איז גיוואָרן מער קאָנצענטרירטער און אויך דאָס רוחניותדיקע לעבן איז גיוואָרן העכער און דערגאַנגען ביז אַ גיוויסער מדרגה.

ביז צוויי הונדערט פונט פון קרן הישוב איז אין דעם יאָר גיוואָרן אינוועסטירט אין דרענאַזש און עס זענען באַאַרביט גיוואָרן ביי פופצן דונאַם ירקות, וואָס האָבן זיך באַלד גימאַכט אַ גוטן נאָמען אויף די מערק אין תל-אָביב און אין כפר-סבא. עס איז אויך גיקויפט גיוואָרן אַ פערד און אַ קו. עס זענען אויפגישטעלט גיוואָרן עטלעכע אהלים. עס האָט זיך גיקענט דאַכטן, אַז דער קיבוץ גייט אַקעגן אַ גרויסער אַנטוויקלונג.

אָבער אין זומער תרצ"ה איז ווידער גיקומען דער גרויסער קלאַפּ. אינערלעכע שאַרפע סכסוכים האָבן דעם קיבוץ צוריסן אויף צוויי לאַגערן. נאָך וואָכן־לאַנגע ככוכים איז אַ טייל אַרויסגיטרעטן פון קיבוץ און אַריבער קיין רעננה. דער קיבוץ האָט גיהאַט, חוץ אַ מאָראַלישן קלאַפּ, דורך די סכסוכים, אויך מאַטעריעלע שאָדנס. עס פאַרנאַכלעסיקט גיוואָרן פאַרשידענע אַרבּיטן. און עס איז אויך גיווען אַ שאָדן בעין, דורך אַ לאַסט-אויטאָ, וואָס איז גיקויפט גיוואָרן און האָט גימוזט צוריק פאַרקויפט ווערן מיט היזק, צוליב דעם, וואָס דער חבר, דער שאָפער, האָט פאַרלאָזט דעם קיבוץ צוזאַמען מיט די אַרויסגיטרעטענע.

גיבליבן אין קיבוץ זענען אין גאַנצן זיבעצן חברים, דערפון איין משפחה און זעקס מיידלעך.

לאַנגע חדשים האָט גידויערט ביז דער קיבוץ האָט זיך אָנגיהויבן ערהאָלן פון דעם קלאַפּ. אָבער די אָפּעראַציע, האָט זיך אַרויסגישטעלט, איז גיווען אַ גיזונטע. דער קיבוץ האָט אָנגיהויבן סיי גשמיותדיק און סיי רוחניותדיק גיין באַרג אַרויף. די שטרענגע האַנט פון דער פאַרוואַלטונג האָט גינומען אַלץ אונטער איר וואַכזאַם אויג. די מאָראַלישע זייט פון קיבוץ איז שטאַרק גישטיגן, ער איז באמת אַ מוסטער לשם ולתפארת אין דער גאַנצער געגנט, סיי אין יידישקייט, סיי אין מדות, סיי אין צניעות און אַנדערע יידישע מדות.

דער היינטיקער מצב אין קיבוץ שטעלט זיך פאַר אַזוי:

נאָמען: הכתדרות פועלי אגודת ישראל בארץ ישראל, קבוץ נוער אגודתי בכפר סבא.

חברים: 45 (כ"י). פון דעם פיניף משפחות איין קינד, זיבן מיידלעך. אַלע חברים האָבן חתונה גיהאַט אין קיבוץ. כמעט אַלע חברים זענען עולים פון דייטשלאַנד.

ווירטשאַפט: צוויי צריפים (פון דעם איינער ספּעציעל פאַר די משפחות, און איינער, וואו עס גיפינט זיך די קיך, עס-זאַל אאַז"וו), צען אוהלים, צוויי ליפטן, טושן און אַנדערע באַקוועמלעכקייטן, אַ שטאַל און אַ הינער-שטייג. לעבידיקער אינווענטאַר: איין קו, איין פערד און איין אייזל, הונדערט און צען לייג-הינער, צוויי הונדערט און פופציק קורקעטשאַקיס דריי חדשים אַלט און זעקס הונדערט קוטשאַקיס צוויי חדשים אַלט.

שטח פון באָדן: אַכצן דונאַם מיט עפּיס. פון דעם באַאַרביטע אויף ירקות, בערך פופצן דונאַם. די איבריקע פאַר די גיביידיס און הויף.

הכנסה אין יאָר 1936 — טויזנט מיט ניין און דרייסיק פונט. די הוצאה איז נישט אַריבערגישטיגן די דאָזיקע סומע.

דער עיקר הכנסה איז גיווען פון עבודת-חוץ, דאָס הייסט פון אַרבּיטן אין דרויסן, מחוץ לקיבוץ, ביי יענים. דער קיבוץ האָט באַקומען אַ גוטן נאָמען, און נמטע שוין אונטער אויף אייגינער אַחריות צו באַאַרביטן פרדסים, ער נעמט אויך אָן פרדסים צו פאַרוואַלטן.

די נאָנטסטע ווירטשאַפטלעכע אויפגאַבן זענען: צו פאַרגרעסערן די שטאַל מיט קי, צו פערגרעסערן די הינער-צוכט ביז צוויי טויזנט הינער. דאָס מוז שוין געשען, בפרט פאַרן שמיטה-יאָר, ווען דער קיבוץ וויל נישט אויסניצן קיין שום הכשרים צו אַרבּיטן אין דער לאַנד-ווירטשאַפט אין יאָר תרצ"ח. איינע פון די נאָנטסטע אויפגאַבן איז אויך אויפצושטעלן נאָך אַ צריף.

אָבער דאָס זענען אַלץ זאַכן פאַר דער נאָנטסטער צוקונפט. פאַרן שפּעטערדיקן עתיד מוז אָבער אויך גיזאָרגט ווערן. סוף כל סוף מוז מען דאָך עפּיס טראַכטן וועגן אַ תכלית. ווי גיזאָגט, זענען נאָך די חברים אין כפר-סבא נישט פאַרטיק מיט זיך וועגן דער צוקונפטיקער פאָרים פון קיבוץ. זאָל ער זיין אַ קאָלעקטיוו, אָדער זאָל ער ביי שפּעטערדיקע קאָלאָניזירונג-מעגלעכקייטן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מושב עובדים, עס הייסט — אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבּיטער-קאָלאָניע, וואָס אָנערקענט פּריוואַט-אייגנטום פון די באַזונדערע חלקים פאַר די קאָלאָניסטן, מוז אָבער אַליין באַאַרבּיט ווערן און האָט אַ גימיינזאַמען איינקויף און פאַרקויף פון פּראָדוקציע. עס זענען אין דער לעצטער צייט גיפירט גיוואָרן אונטערהאַנדלונגען צווישן אַלע דריי קיבוצים וועגן קאָלאָניזירן זיך אין מחנה ישראל. עס זענען איצט פאַראַן גיוויסע מעגלעכקייטן דערצו. דאָס איז אָבער אָפּהענגיק אין פאַרשידענע גורמים, וועגן וועלכע איך וועל נאָך רעדן ווייטער.

די פאַרוואַלטונג: אַ פיניף-קעפּיקער ראַט און אַ דריי-קעפּיקע הנהלה, וואָס ווערן גיוויילט דורך אַלגימיינע וואַלן.

דאָס רוחניותדיקע לעבן: שוין דאָס נאָרמירן דאָס גאַנצע לעבן און די ווירטשאַפט לויט די גיזעצן פון דער תורה, לייגט שוין אַרויף דעם ספּעציפישן סטעמפּל אויפן קיבוץ. די דינים פון כלאים, תרומות און מעשרות, עירובין וכדומה, וואָס ווערן דאָ גילערנט פלייסיק און אַדורכגיפירט אין לעבן, איז שוין אַליין פאַר זיך אַ גרויסע זאַך. עס קומען נאָך צו די שטרענג-זיטלעכע לעבנס-פירונג. די שיעורים אין אָוונט און אין שבת פאַר בחורים באַזונדער אין גמרא און פוסקים, און פאַר בחורות באַזונדער אין תנ"ך און מוסר און מידות די תפלות בצבור אאַז"וו און דאַן די השפעה אין גאַס אויף פאַרשידינע לעבנס-דערשיינונגען אין דער קאָלאָניע — אין דאָס רוחניותדיקע בילד פון קיבוץ איז פאַרטיק.

דאָס איז בקיצור די גישיכטע פון קיבוץ אין כפר-סבא און אַ ביסל פון זיין פּראָבלעמאַטיק. וועגן נאָך פאַרשידינע פּראָבלעמען, וואָס אינטערעסירן אַלע קיבוצים בכלל, וועל איך נאָך רעדן ווייטער.

דער קיבוץ אין גדרה

איז גישאַפן גיוואָרן דורך גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען, אַ גאַנץ אַנדערן דראַנג און גידאַנקען-גאַנג. דאָ האָט באַלד גישוועבט פאַר די אויגן פון די גרינדער די קאָלעקטיווע פאָרים פון ווירטשאַפטלעכן לעבן אַלס גורם צו רוחניותדיקע דערגרייכונגען און רוחניותדיקער השפעה. אויך דאָ איז די ערשטע צאָל חברים גיווען זיבן. זיי זענען אַלע גיווען עולים פון דייטשלאַנד, דערצויגן אין די עזרא-קרייזן און גיאַרביט, דער רוב, אַלס פועלים בודדים אין פתח-תקוה. וואו די פועלי אגודת ישראל האָט צום ערשט גיהייסן: „הסתדרות פועלים חרדים". אַט די זיבן האָבן זיך צוזאַמען גישלאָסן אין אַ בונד, אונטערן נאָמען: „חברות חפץ חיים". דאָס איז גיווען אין כסלו-טבת תרצ"ד.

דער ציל פון אַט דער חבורה איז גיווען צו שאַפן אויף גיזונטע יסודות (אַרביט, נאַטור, ווירטשאַפט) אַ ברייטע יידישע סביבה, אין וועלכער די תורה זאָל באַהערשן און אַדורכדרינגען דאָס גאַנצע לעבן. אַלס מעגלעכקייט אַדורכצופירן אַט דעם פּלאַן, האָבן זיי אָנגינומען די לעבנס-פאָרמען פון אַ קיבוץ (אָן דאָגמאַטיק פון די פאָרמען), וואָס זאָל צוזאַמענגיהאַלטן ווערן און זיך אויסדריקן זיך אין: א) ענגין צוזאַמענעמען פון די כוחות, ב) גימיינזאַמער קאַסע, דערציאונג צו שטענדיקער גרייטקייט זיך מקריב צו זיין פאַרן כלל און דורך אַ ראַציאָנעלער אַרבּיט-פאַרטיילונג צו גיווינען צייט פאַר די איינצלנע חברים פאַר גייסטיקער אַרבּיט, ג) מעגלעכקייט פון אַ גישלאָסינער יידישער סביבה אַלס חוט-השדרה פאַר דעם איינצלנים, ד) שטאַרקער השפעה כלפי חוץ.

עס איז נישט לייכט גיווען אין אָנהייב. עס איז נישט לייכט גיווען שפּעטער. אָבער אין אָנהייב איז גיווען גאָר, גאָר שווער. בפרט נאָך ווען די דאָזיקע אידעאַלע עקשנות האָבן זיך אין דער ערשטער צייט איינגישפּאַרט נישט צו נעמען איבערהויפּט קיין שטיצע פון דרויסן. און דער דרויסן האָט גיהייסן אויך אגודת ישראל. עס איז נישט גיווען צו גלייבן, אַז אַט די אידעאַליסטישע קינדערלעך זאָלן קענען אויסהאַלטן אַט די אַלע שוועריקייטן און יסורים, אַז אַט די אַלע זאָלן קענען נעמען פאַרליב אַלע ליידן און פּיין. אָבער דער רוב האָט פאַרליב גינומען און האָבן אויסגיהאַלטן.

צום־ערשט איז עס צוגיגאַנגען גאָר עלנט און אָרים. מע האָט גיוואוינט אין עטלעכע גיבאָרגטע אוהלים. און דערנאָך האָט מען זיך צוזאַמענגיקלאַפּט מיט עקשנות און אויסדויער אַ צריף אויף אַ גידונגינים מגרש. מע האָט גירעכנט צום ערשט אויף אַכצן-צוואַנציק דברים. אָבער די גזירות אין דייטשלאַנד האָבן גיבּרענגט כסדר נייע כוואַליס עולים, און אויך די „חבורת חפץ חיים" האָט אָן שום גימורמל אויפגינומען כסדר נייע חברים. נישט בחנם האָט זי אויף איר שילד אויפגישריבן דעם נאָמען פון חפץ חיים. נישט בחנם האָט מען ביי יעדער סעודה גילערנט עטלעכע סעיפים משנה ברורה. אָבער די שוועריקייטן זענען גיווען גיוואַלטיקע. קראַנקייטן, אַרבּיטלאָזיקייט, דאָס פעלן פון אַ דאַך איבערן קאָפּ (אין צריף איז ווייניק!) — דאָס אַלץ האָט גימאַכט דאָס לעבן אומדערטרעגלעך. אָבער דאָס הייליקע פייער, וואָס האָט גיברענט אין אַט די יונגע-לייט, אַט דאָס זעלבע, וואָס האָט דערהאַלטן דעם קיבוץ אין כפר-סבא פון פונאַנדערפאַל, האָט עס באַוויזן דאָס זעלבע וואונדער אין רחובות.

עלנט און אָרים אין גשמיות אָבער רייך אין רוחניות. אין פאַנטאַזיע, אין ווילן צו אַרבּיט און השתלמות. די אָן אַ שיעור וויכוחים-פאַנטאַזיעס וועגן דער צוקונפט, וועגן קיבוץ, ווען ער וועט אַ־ויף אויף אייגינים באָדן אאַז"וו, האָבן דערהאַלטן די גאַנצקייט פון קיבוץ אין די גאַנצקייט פון דער נשמה ביי יעדן איינים.

און אויך דאָ, ווי אין כפר-סבא, השפעה כלפי חוץ. השפעה דורך בלויזן דאָ זיין, דורך בלויזן לאָזן וויסן אין אַט דער פרייער קאָלאָניע, אַז עס עקזיסטירט אַ גישלאָסינער קיבוץ, וואָס האָט אַלס העכסטן הערשער זיינים און איינציקן לעבנס-רעגולאַטאָר אָנערקענט די תורה און השפעה דורך אַקטיווע מעשים אין דער קאָלאָניע, אין אָנטייל נעמען אין ציבורישן לעבן, אין אונטערשטיצן די עטלעכע ציוניסטע און צושפּרייטע פרומע יידן אין רחובות, וואָס האָבן אין אַט דעם צריך גיפונען יידישע וואַרימקייט.

די ווירטשאַפט איז אין גאַנצן גיווען באַגרינדעט אויף עבודת-חוץ, עס הייסט — אויף אַרבּיט אין דרויסן, ביי יענים. און כאָטש די חברים האָבן גישעצט אַלס גוטע אַרבּיטער, איז פאָרט זייער לעבן שטענדיק גיווען בבחינת „והיו חייך תלוים לך מנגד עיניך". די אַרבּיט איז נישט גיווען קיין פעסטע. יעדן טאָג האָט מען נישט גיקענט וויסן, צי דער מאָרגן וועט ברענגען אַרבּיט אָדער נישט און סך טעג זענען טאַקי גיווען אַרבּיטלאָזע.

דאָס האָט גיבּראַכט דערצו, אַז דער קיבוץ זאָל אַריבער אין נאָענטן גדרה, די אַרבּיט-אויסזיכטן זענען דאָ גיווען אַ סך שטאַרקערע. ר' יוסף פעטער, אַ פרומער ייד פון תל-אָביב, האָט אין גדרה גיפלאַנצט גאָר אַ גרויסן פּרדס און פאַרלייגט אַ גרויסע מילך-ווירטשאַפט און הינער-צוכט און ער האָט גיוואָלט דעם קיבוץ אין רחובות איבערגעבן פעסטע אַרבּיט אין זיין ווירטשאַפט.

אין דער וואַנדערונג פון די יאָרן תרצ"ד-תרצ"ה גייט דער קיבוץ אין רחובות אַריבער קיין גדרה. אַריבערגיגאַנגען זענען נאָר צוואַנציק חברים. די איבריקע זענען אַלס בודדים גיבליבן אין רחובות אָדער אַוועק אין אַנדערע ערטער. דער וועד פון דער קאָלאָניע גדרה האָט דעם קיבוץ גישטעלט צו פאַרפיגונג פיר דונאַם באָדן, כדי זיי זאָלן קענען אויף זיי אויפשטעלן זייערע צריפים, שטאַלן אאַז"וו. אויפן דאָזיקן אָרט, ביים אַריינפאָר אין דער קאָלאָניע גיפינט זיך דער קיבוץ נאָך ביזן היינטיקן טאָג. דעם ערשטן גרויסן וואוין-צריף האָט גילאָזט אויפשטעלן ר' יוסף פעטער. און מיט דער שטיצע פון קרן-הישוב איז גיוואָרן אויפגישטעלט דער צווייטער צריף, אין וועלכן עס האָט זיך גיפונען דער עס-זאַל און די קיך.

אין אָנהייב פון איבערגיין קיין גדרה, האָבן זיך אַרויסגישטעלט אַנדערע שוועריקייטן. אין דער קאָלאָניע איז נישט גיווען קיין רעסטאָראַן, וואו די חברים זאָלן זיך קענען באַשפּייזן און צוליב דעם, וואָס אין קיבוץ האָבן זיך נישט גיפונען קיין סרויען, האָבן די חברים גימוזט אַליין פאַר זיך קאָכן. דער רעזולטאַט: שלעכטער גיזונט-צושטאַנד פון כמעט אַלע חברים אין קיבוץ און דעריבער די אוממעגלעכקייט צו באַזעצן אַלע אַרבּיט-פּלעצער.

אין ווינטער פון דאָזיקן יאָר האָבן זיך גיענדיקט די ערשטע פאַרברייטונגס-אַרבּיטן אין משק-פעטער, וואָס האָבן גיבּרויכט אַ סך אַרבּיט-הענט, און אין רעזולטאַט האָט זיך אָנגיהויבן אַ תקופה פון אַ שאַרפער אַרבּיטלאָזיקייט אין קיבוץ, וואָס האָט זיך נאָך פאַרשטאַרקט דערמיט, וואָס גדרה איז אַן־אָרט, אין וועלכן מע קען באַקומען גאַנץ ווייניק עבודת-חוץ. אַ סך חברים האָבן גיאַרבּיט מצד דעם קיבוץ אין רחובות. אָבער דער מצב איז גיווען גאָר אַ שלעכטער, צוליב דעם וואָס דער קיבוץ האָט נישט גיהאַט אפילו קיין שפור פון קיין אייגינער ווירטשאַפט. אין רעזולטאַט: ערשטער אָנוואוקס פון חובות, אַרויסטריט פון עטלעכע חברים.

פונדעסטוועגן איז דער קיבוץ גישטיגן אין צאָל פון חברים, צוליב דעם, וואָס די עלי' פון דייטשלאַנד איז כסדר גיגאַנגען און אַ סך פון די נייע עולים זענען אַריינגינומען גיוואָרן אַלס חברים. אין דער דאָזיקער צייט זענען אויך אויפגינומען גיוואָרן די ערשטע חברות, וואָס האָבן די הויז-ווירטשאַפט אַוועקגישטעלט אויף דער גיהעריקער הויך. זעקס חברים זענען אויך אַרויסגישיקט גיוואָרן, כדי צו בילדן צוזאַמען מיט דעם קיבוץ פון נתני', דעם נייעם קיבוץ אין מחנה-ישראל. אָבער די דאָזיקע זעקס חברים זענען באַלד צוריק גיקומען, צוליב פאַרשידינע סיבות, ווי מיר וועלן דאָס זעען ווייטער.

פון אַנדערן האַלבן יאָר תרצ"ה ביז צו די געשעענישן אין ניסן פון יאָר תרצ"ו, האָט דער קיבוץ אין גדרה גיהאַלטן אין איין וואַקסן, כאָטש אויך דאָס דאָזיקע יאָר איז גיווען פול מיט אויסערלעכע שטרויכלונגען און אינערלעכע שפּאַנונגען און אַנטוויקלונגס מיינונג-פאַרשידנהייטן.

די צאָל חברים איז גישטיגן ביז פיניף און זעכציק (כ"י), פון זיי צוועלף משפחות און צוועלף קינדער. דער רוב פון די חברים האָבן חתונה גיהאַט אין קיבוץ, און דער קיבוץ האָט גיזאָרגט פאַר די חתונה-הוצאות און אויסבינדונגען.

אין דעם דאָזיקן יאָר האָט מען אויך גילייגט דעם יסוד פאַר אַן־אייגינער הילפס-ווירטשאַפט. קרן-הישוב האָט גיקויפט פאַרן קיבוץ נישט ווייט פון דער קאָלאָניע אין משק-פעטער **זעכציק דונאַם באָדן** (פּרייז: בערך צוואַנציק פונט אַ דונאַם) מיט אַ שותפות-רעכט אין אַ ברונים. דער קיבוץ אַליין האָט דאַן מיט איבערמענטשלעכע כוחות אַליין גיזאַמלט אַ גיוויסע סומע געלט און צוזאַמען מיט נאָך אַ גיוויסע סומע פון קרן-הישוב איז אויפגישטעלט גיוואָרן די הילפס-לאַנד-ווירטשאַפט, וואָס האָט אויסגיזען אַזוי: פופצן דונאַם באַוואַסערט און באַאַרבּיט אויף ירקות-צוכט, צוואַנציק דונאַם פלחה, וואָס דעקט די פאַשע-באַדערפענישן פון קיבוץ. דריי קי דעקן עפּיס איבערן אייגינים באַדאַרף פון מילך. צוויי לולים מיט בערך צוויי הונדערט הינער, וואָס לייגן אייער. איין וואָגן מיט צוויי פערדות, וואָס נעמט אָן אַרבּיט אין דער קאָלאָניע. אָנהייב פון אַ בנין-צוכט (פיניף און צוואַנציק בינענשטאָקן, פון וועלכע דער רוב איז פאַרניכטעט גיוואָרן). פיר צריפים, דערפון צוויי משפחות - צריפים, איין קינדער-צריף, איינער פאַרן עס-זאַל און קיך, פיר ליפטן, אַ חוץ אוהלים.

די עבודת-חוץ איז פאַרלייכטערט גיוואָרן דורך דעם, וואָס דער קיבוץ האָט גיגרינדעט אַן־אייגינע שוסטעריי מיט אַ פעסטן קונים-קרייז (עס פעלן ליידער די נייטיקע ניי- און שטעפּ-מאַשינען), אַ שלאָסעריי, אַ טישלעריי (האָט שטאַרקע אויסבוי-מעגלעכקייטן).

אָבער צוזאַמען מיטן וואוקס פון קיבוץ איז גישטיגן זיין פּראָבּלעמאַטיק, איז וואָס אַמאָל גרעסער גיוואָרן דער פראַגע-צייכן, וואָס האָט גיהאַנגען איבער דער שאלה: וואָס וועט זיין דער תכלית? קרן-הישוב און די וועלט-צענטראַלע פון דער אגודה האָט, נישט בלויז גיקענט פאַרזיכערן אַ קאָלאָניזאַציע פון קיבוץ אין די נאָנסטע יאָרן, נאָר האָט אפילו דערוויייל נישט גיקענט פאַרזיכערן, אַז זי וועט דעם קיבוץ קענען אַרויפזעצן אויפן אייגינים באָדן (די 60 דונאַם!) אין גמויערטע גיביידיס. און צוליב דעם דאָזיקן פראַגע-צייכן איז

גישטיגן די שפּאַנונג אין קיבוץ, וואָס האט דערגרייכט זיין הויכקייט-פּונקט נאָכן אויסברוך פון די אומרוען פאַר-אַ-יאָר ניסן, צוליב דער אַרביטלאָזיקייט און צוליב דער לאַסט, וואָס דער קיבוץ האט גיהאַט אויף זיך צו טראָגן דורכן פאַרמערן זיך פון משפחות און קינדער (כ״י).

שוין פריער איז די משפחות- און קינדער-פראַגע גיווען אַ פּראָבלעם, וואָס איז נישט לייכט גיווען איינצובייסן, אָבער יעצט איז דער קאָנפליקט צווישן די צווישן די פריילײדיקע און בעלי-משפחות גיוואָרן אַנ־אָפּינער. די פריילײדיקע האט זיך אָנגיהויבן אויסווייזן, אַז זיי טראָגן אויף זיך די גאַנצע לאַסט פון די משפחות און קינדער און פון דאָניט דער שורש פון געגנזייטיקע חשדים אאַז״וו, ווי איך וועל נאָך דאָס ווייטער אַרומרעדן.

ווען די לאַגע פון קיבוץ איז גיווען אַ בעסערע, האט ער מיט איבערמענטש-לעכע כוחות גיזאָרגט דערפאַר, אַז עס זאָל די קינדער גאָרנישט פעלן. ער האט דערלויבט אפילו כמה בעלי-משפחות צו עסן באַזונדער אין זייערע צימערן. כאטש דאָס האט גיבראַכן די דיסציפּלין. מע האט גיהאַט איינגיזעען און פאַרשטאַנען אַ סך. אָבער בשעת עס איז נישטאָ קיין פּרנסה, ווערט אַ תל פון שלום-בית און דער קיבוץ איז ווי אַ גרויסע משפחה, וואָס דרינגט אַריין אין די טיפסטע אינטימע ווינקעלעך פון חבר, און ווען די לאַגע אין קיבוץ איז גיוואָרן וואָס אַמאָל שווערער און הילף איז נישט גיקומען, האט זיך אָנגיהויבן דער אַרויסטריט פון קיבוץ. און טראַגיש-אינטעריסאַנט איז דער פאַקט, אַז אַרויס זענען אַ סך פון די גרינדער פון קיבוץ, וואָס האָבן איבער אים גיליטן אַ סך יסורים, האָבן אים אויסגיצויגן אויף זייערע הענט, האָבן אים אָוועקגיגעבן זייערע בעסטע כוחות, נאָר צוליב דעם, וואָס זיי האָבן חתונה גיהאַט און זיי האָבן נישט גיוואָלט, אַז מע זאָל קוקן קרום אויף זייערע משפחות, זענען זיי פון קיבוץ אַרויסגיטרעטן.

דער מצב אין שייכות מיט דעם, מוז מין מודה זיין, איז נאָך ווייט נישט קיין גיזונטער. עס וועלן וואַרשיינלעך אַרויס פון קיבוץ נאָך חברים און דווקא פון די ערשטע און בעסטע. די סיבה דערפון איז נישט קיין טיפע. ליגט אויף דער אויבערפלאַך, און וואַקסט פון קליינלעכע סכסוכים און אומאַנגינעמלעכ-קייטן, וואָס מערן זיך יעדע מינוט, ווען עס שוועבט אַרום די פראַגע פון „מאם תאמר מה נאכל״ און קיין נאָענטן תכלית זעט מין נישט פאַר זיך. אונדזערע חברים זענען באמת גבורי הרוח, אַז זיי האָבן אויסגיהאַלטן און האַלטן ווייטער דורך ביז היינט. דער קיבוץ אין גדרה שמט אין גאַנץ דרום יהודה מיט זיין מוסטער־אָפּט ריין יידיש לעבן. זיין אַרביטזאַמקייט און הויכן רוחניותדיקן ניוואָ און האט אַ סך גיבּרענגט דעם רעיון פון אַגודת ישראל אין ארץ-ישראל.

דער היינטיקער מצב אין קיבוץ שטעלט זיך פאַר אַזוי:

נאָמין: הסתדרות פועלי אגודת ישראל, חבורת חפץ-חיים, גדרה.

חברים: צאָל: פערציק (כ״י). פון דעם פינף משפחות מיט פינף קינדער. אין לויף פון די דריי יאָר זענען אַרויסגיטרעטן בערך פערציק חברים, צוליב די אויבן-דערמאנטע ווירטשאַפטלעכע טעמים און טייל נאָך, ווייל זיי האָבן גיוואָלט שטיצן די עלטערן און דער קיבוץ איז גיווען צו אָרים, ער זאָל קענען די עלטערן אַריינגעמין צו זיך.

דער שטח פון באָרן, צאָל צריפים, טויטער און לעבידיקער אינווענטאַר — ווי אויוון.

אַרבּיט: פופציק פראַצענט עבודת-חוץ, פערציק פראַצ. אין אייגינים משק און צען פראַצ. קראַנקע.

די נאָנטע אויפגאַבע אין דער ווירטשאַפט: אַרויס אויפן אייגינים שטיקל באָדן. די אַרומצוימונג, איבערציען, ערשטע איינאָרדינונג — דאַרף קאָסטן בערך טויזנט פונט (אַ חוץ די גימויערטע גיביידיס, וואָס מע מוז אויך האָבן). דער קיבוץ האט נישט קיין האָפינונג צו פאַרווירקלעכן דאָס דאָזיקע אין צוקונפטיקן יאָר.

די פאָרים פון קיבוץ: די גימיינשאַפט אַלס לעבנס-פאָרים, אָבער אָן פעסטזעצונג אויף ווייטער די איינצלנע פרטים פון די פאָרמין.

די פאַרוואַלטונג: שיחה (פרינציפּיעלע אַנטשיידונגען, וואַלן), מועצה (פינף-קעפּיק, דערלעדיקונג פון טאָג-פראַגן), מזכירות (דריי-קעפּיק, אויספירנדיקע מאַכט און פאַרטרעטונג כלפי חוץ).

די אויפנאַמע פון אַ חבר קומט פאָר דורך דער מועצה, וואָס באַשטימט אים צונ־ערשט פאַר אַנ־אורח (פיר וואָכן), אויב ער ווערט נישט אָפּגיוואָרפן, ווערט ער באַשטימט אַלס מועמד (קאַנדידאַט אויף אַכט חדשים) און ערשט דערנאָך דורך דער שיחה פנימית (בשעת וועלכער עס זענען אָנ-וועזנד נאָר חברים) אַלס חבר.

רוחניותדיקע אַרבּיט: שעורי ערב, תפלה בציבור, פאַרטיפן זיך אין די פראַגן פון יהדות, בפרט דורך די ספרים פון חפץ-חיים זצ״ל, אַ פאַרשטאַרקט לערנין אין שבת און יום-טוב, פירונג פון אַ גאַנץ כלל-לעבן און דאָס פון יחיד לויט דער תורה.

דאָס איז בקיצור די גישיכטע און פּראָבלעמאַטיק פון אונדזער קיבוץ אין גדרה.

דערוואַרטונג

דורכן רעגנדיקן האַרבסטיקן טאָג,
דורך מיין לעבן. וואָס פאַלט אַזוי פּלוצים צו דער נאַכט,
ווי אַ קורצער טאָג צו דער נאַכט,
דורך מיר אַליין — די לעצטע גאַס פון שטאָט
וואָס ווייגט דורך צווייגן אין דער ווייטער וועלט אַריין
דורך אַלע מיינע רייד — פּורים-שפּילער טרויעריקע,
וואָס זוכן אַנ־אָרט, וואו קיינער זעט נישט
צו בלייבן אַליין און וויינען,
זע איך דיך, שעה מיין אויסגיבענקטע.

דורך מיין נאַכט — די פאַרבלאָנדזשעטע קו פון דער סטאַדע,
דורכן אומרואיקן חלום פון מיין נאַכט —
דער שוואַרצער הונט, וואָס יאָגט זיך נאָך איר
דורך אַלץ, איבער אַלימין אַריבער
זע איך דיך, אָך שעה מיין אויסגיבענקטע!
ביסט — אַ ווייט מעשהלע דערציילט
און ביסט דאָך דאָ,
אַזוי נאָענט, אַזוי דערנעבן דאָ,
ווי דער הר נבו פון צוגיזאָגטן לאַנד,
איך זע דיך, ווי אויף דער האַנט,
כ״קען דעם ציטער אין מיין האַרץ,
כ״קען דעם שטערן-פאַל,
כ״קען די שטילקייט פון דער נאַכט
וואָס האַלט דעם אָטים איין און הערט,
כ״קען דעם פיבער אין מיינע הענט —
(פרעמדע ווענס, וואָס וואוינין דאָ ביי מיר
ווי סובלאָקאַטאָרן אונטער פרעמדער טיר...)
וואָס זענען אַזוי פּלוצים היימיש מיט מיר
ווי ווייטע משפחה, וואָס האט זיך אָפּגיפונין
אויף אַ שמחה, וואָס דאַרף איצט דאָ פאָרקומין
און ווילן פריינטשאַפט גיווינין...
דיך אָנט מיין ווייטיקס מאָדנער סוף,
וואָס איז אַזאַ וואונדערלעך גימיש
פון טרויער און פרייד צוזאַמין
(ווי אין פאַרטעך אַ קאָנטשיק טראָגט די מאַמע
פאַר איר קינד אַ שטראָף
און אין האַרצן אַ קוש...) —
— — — — — — — — —
איך בין ווייטער דאָס קאַפּריזנע קינד,
דאָס שלעכטע, דאָס אומדערטרעגלעכע קינד
נאָר דיין ווייטער הויך איז אַזוי לינד
דער גזלן אין וואַלד האט אים אויך גימוזט דערשפּירן
ער האט גיבונדן זיין קרבן און נישט גיטון אים רירן
דער גזלן וועט אַ בעל תשובה ווערן
און איך וועל פרייען זיך, פרייען דורך טרערן...

י. עמיאס.

הרב ד״ר פנחס כהן

פון מיינע זכרונות

(אַ קיפּיטל גישיכטע צו דער גרינ-דונג פון דער „אגודה״ אין פּוילן)

א.

ווען די דייטשע אַרמיי איז אין יאָר 1915 אַריין קיין וואַרשע און פּוילן איז אין גאַנצן גיווען באַזעצט דורך די מיליטער-מחנות פון די פאַר-בינדיטע מלוכות — האָבן אָנפירנדיקע רעליגיעזע פּערזענלעכקייטן זיך גי-שראָקן, טאָמער וועלן די נייע צייט-פאַרהעלטנישן נישט האָבן קיין פאַר-שטענדניש פאַר די אייגנאַרטיקייטן פון דער חסידישער אָרטאָדאָקסיע. זיי האָבן זיך דעריבער אין דעם ענין גיווענדיט צו דער־אַגודה און זי האט די זאַך איבערגיגעבן צו דער „פרייער פאַריייניקונג פאַר די אינטערעסן פון אָר-טאָדאָקסישן יידנטום״ אין פראַנקפורט אַם-מיין מיט דער בקשה אַרויסצושיקן אַ דעלעגאַציע קיין וואַרשע, כדי צו פאַרמיטלען צווישן דער פּוילישער אָרטאָ-דאָקסיע, וואָס איז נישט גיווען בקי אין די דיפּלאָמאַטישע מנהגים אין דער אָקופּאַציע-מאַכט.

די דייטשע יידן זענען תמיד גיווען הילפס-גרייט און די „פרייע פאַריייניקונג״ האט באַלד דערקלערט, אַז זי איז מוכן ומזומן צו דערפילן די דאָזיקע בקשה.

לכתחילה האט די זאַך אָנגיטראָפן אויף שוועריקייטן, וואָס זייער מקור איז גיווען אין די אייגנאַרטיקע פאַרהעלטנישן פון אַנ־עטאַפּן-שטח. אָבער אַ דאַנק דער גישיקטער אינטערווענץ פון זיגמונד פרענקעל ז״ל האט מין באַקומין קודם-כל אַ דערלויבניש אויף אַ קורצן אויפנטהאַלט אין וואַרשע.

אָקטאָבער 1915 א״ז פאָרגיקומין דאָס ערשטע גישפּרעך. (די אָנטייל-נעמער זענען גיווען: ד״ר אברהם הירש ז״ל, זיגמונד פרענקעל ז״ל און להבל״ח מאַקס פויכטוואַנגער, יעקב ראָזנהיים און דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות).

ס״איז גיבליבן אויגנשיינלעך אָן רעזולטאַטן.

אָבער צ״ווי חדשים שפּעטער האט דער ציוויל-פאַרוואַלטונג-שעף אַליין גי-שריבן, בכן, דער שרייבער פון די שורות זאָל קומין קיין וואַרשע אַלס בעל-יועץ פונים רעפערענט פאַר יידישע ענינים; גלייכצייטיק האט ד״ר קאַרלעבאַך ז״ל פון קעלן באַקומין אַנ־איינלאַדונג, ער זאָל קומין קיין וואַרשע אַלס בעל יועץ פון שול-רעפערענט און ענינים פון חדר.

אַזוי האט זיך אָנגיהויבן אין יאַנואַר 1916 די טעטיקייט פון דער דעלעגאַציע פון דער „פרייער פאַריייניקונג״. איר אויפנטהאַלט אין וואַרשע האט גידויערט קרוב דריי יאָר.

די טעטיקייט איז נישט גיווען קיין לייכטע. ס״איז אַייגנטלעך צום ערשטן מאָל, ווען ס״ווערט דאָ וועגן דעם ענין עפּיס גיזאָגט. אויך איצט גישיט עס נאָר צוליב היסטאָרישן אינטערעס.

די גרעסטע שוועריקייטן האָבן משונהדיקערווייז גישטאַמט פון די יידן אין דייטשלאַנד.

דריי מאָל איז גימאַכט גיוואָרן דער פּרואוו אויפצואוועקן די מיינונג ביים אויסערן-מיניסטעריום אין בערלין און ביי דעם גענעראַל-גובערנאַטאָר אין וואַרשע, אַז די טעטיקייט פון דער אָרטאָדאָקסיע אין פּוילן איז קולטור-פיינטלעך.

עס איז ערשט דאָס פאַרדינסט פון ד״ר לודוויק האַאַז ז״ל, אַז די דאָזיקע מיט רכילות-באַגלייטע מסירות קייגן דער אָרטאָדאָקסיע — האָבן נישט נושא פּירות גיווען.

אויף אַזאַ איידעלער נאַטור, ווי גענעראַל-גובערנאַטאָר בעזעלער איז עס גיווען, האט די דאָזיקע רכילות-קאַמפּאַניע גימאַכט דעם ערגסטן איינדרוק און צוליב דעם האט ער זיך נאָך מער באַמיט זיך גירעכט צו באַציען צו די פרומע יידן.

מע דאַרף דאָ באַמערקן, אַז די דעלעגאַציע אין וואַרשע האט נישט פאַרנומין קיין שום אַמטלעכע שטעלונג און האט דערצו בכלל נישט גישטרעבט. די הוצאות פונים אויפנטהאַלט און פון דער טעטיקייט אין וואַרשע האָבן באַזאָרגט עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן ערנצט גימיינט לטובת הענין. ס״איז אַ חוב פון הכרת-טובה דאָ באַזונדער צו דערמאָנין די נעמין פון ד״ר אברהם הירש ז״ל להבל״ח ד״ר לעאָ וורעשנער.

מצד דער דייטשער פאַרוואַלטונג האט מין אָנגיטראָפן אויף אַ פולשטענדיק פאַרשטענדניש ביים גענעראַל-גובערנאַטאָר און זיינע יועצים.

ב.

ס״איז נישט דאָס אָרט פאַר גישיכטלעכע פרטים, כ״וועל זיך באַנוגנין מיט די וועזנטלעכסטע פונקטן.

די דעלעגאַציע האט נישט אָנגיטראָפן אויף אַ גאַנץ נישט-באַשרייבינער טאָוול. ריין פאַרוואַלטונג-מעסיק איז שוין גיווען די אַזוי גירופינע „הינדענבורג-פאַראָרדנונג״ פון יוני 1915, וואָס האט איינגיפירט אין פאַראַגראַף 13 אין אַלע יידישע שולן — די דייטשע שפּראַך אַלס אינטעריכט-לשון. דאָס האט גישאַפן אַ שטאַרקע איניווייניקסטע התנגדות צווישן פּאָלאַקן און יידן. אָבער ווען אין מאַי 1916 איז מצד דייטשלאַנד גישען דער ערשטער שריט צו אַי־אויטאָנאָמישער פאַרוואַלטונג פון פּוילן און די אינערלעכע ענינים פון יוסטיץ זענען איבערגיגעבן גיוואָרן צו פּוילן, דעמלט האט דער גענעראַל-גו-בערנאַטאָר מבטל גימאַכט דעם דאָזיקן פאַראַגראַף 13.

פון דער יידישער זייט איז אינצווישן גימאַכט גיוואָרן אַ פּרואוו צו באַוועגן דאָס פּוילישע יידנטום צו פאָדערן נאַציאָנאַלע מינדערהייטס-רעכט. דאָס איז אָבער בשום אופן נישט גילעגן אויף דער ליניע פון דער דייטשער פּאָליטיק, וועלכע האט נישט גיוואָלט באַשווערן דעם אַזוי אויך גינוג שווערן מצב צוליב דער יידן-פראַגע און זיך איינרייסן מיט די פּאָלאַקן.

די אָנפירנדיקע קרייזן פון פּוילן האָבן זיך נישט גילאָזט איבערצייגן, אַז דער דאָזיקער פּרואוו איז נישט אַ שאַך-צוג פון דער אָקופּאַציע-מאַכט, כדי אַריינ-צוזעצן אַ קלין אין דעם אויפשטייענדיקן פּוילן.

אויך די דאָזיקע אויפגאַבע איז אַריין אין די ראַמין פון די אויפגאַבן פון דער דעלעגאַציע.

זי איז ג״וואָרן גילעזט מיט דער גאַנצער ערלעכקייט און אָפנקייט. דאָס אויבן-דערמאָנטע בטל מאַכן פון פאַראַגראַף 13 איז גיווען די קרוינונג פונים דאָזיקן שטרעבן און אַזוי האט מין עס אויך פון אַלע זייטן מרגיש גיווען.

אין שייכות מיט דעם איז כדאי צו דערמאָנין, אַז די פּוילישע צייטונג „מאָניטער פּאָלאָנעז״, וואָס איז דעמלט דערשינין אין לאָנדאָן, האט דורכאויס אָנערקענט די לאָיאַליטעט פון דער „פרייער פאַריייניקונג״ אין יע״ער ריכטונג.

רעדאַקטאָר איז דעמלט גיווען דער שפּעטערדיקער מיניסטער — יאַן קוכאַ-זשעווסקי.

נאָך אַ היסטאָרישן פרט איז כדאי צו דערמאָנין:

מע האט נאָך פריער, פאַר דער איינריכטונג פון דער אויטאָנאָמער פּוילישער פאַרוואַלטונג, גיהאַט צוגירעט דער ציוויל-ממשלה, אַז זי זאָל מבער זיין דאָס חסידות.

אַ דאַנק דער מיטהילף פון גערהאַרט פון מוטאָס און ד״ר לודוויק האַאַז איז עס גילונ׳ן די דאָזיקע סכנה אָפּצואווענדן. דער פריילעכער פינאַל פון דאָזיקן עפּיזאָד איז גיווען אַ באַזוך פון גענעראַל-גובערנאַטאָר בעזעלער ביים גערער רבּין אין אַטוואָצק.

אַ דאַנק דער פּעדאַגאָגישער הנהגה פון ד״ר קאַרלעבאַך ז״ל, איז דערגרייכט גיוואָרן, אַז דאָס חדר האט באַקומין אָנערקענונג הן פון דער דייטשער און הן שפּעטער פון דער פּוילישער פאַרוואַלטונג און זיין קיום איז גיבליבן גי-זיכערט.

אין שייכות דערמיט איז כדאי אָנצואווייזן וואָס פאַר אַ גיוואַלטיקן בליק די היינטיקע מענטשן פון דער פּוילישער אָרטאָדאָקסיע האָבן אַרויסגיוויזן, ווען זיי האָבן נאָך אַ שקלא וטריא מתיר גימאַכט דאָס איינפירן די לימודי חול אין די חדרים. ס״האט זיך אַרויסגיוויזן, אַז די לימודי-קודש האָבן דערפון נישט גיליטן.

ג.

ווייל מין בקיצור באַצייכנין, קען מין זאָגן, אַז לפי-פנים האט זיך גיהאַנדלט צו מאַכן די פּוילישע אָרטאָדאָקסיע רעדיווודיק. ס״איז אויף אַנ־אַ בּעראַשנדיקן אופן גילונגין; ס״איז גילונגין דורך דער גרינדונג פון דער אגודה (דעמלט האט מין עס גירופן „אגודת האורטודוקסים״) און דורכן אַרויסגעבן אַ יידישע טאָג-צייטונג אין רעליגיעזן גייסט („דאָס יידישע וואָרט״).

חייל ביז דעמלט, הום די אָרטאָדאָקסיע אין פּוילן איז גיווען דער רוב מנין

איז עס אבער גיוועזן א זעלבסט-פארשטענדלעכע זאך, אז די פירונג פון יידישע ענינים איז גילעגן אין אנדערע הענט. א זאך, וואס האט נישט מיטגיווירקט צו דער רעליגיעזער אנטוויקלונג. מע דארף נאר פארגלייכן די היינטיקע פירנדיקע שטעלונג, וואס דאס פוילישע פרומע יידנטום פארמאגט ברוך השם אין גרויסע און קליינע קהלות און מע ווערט איבערראשט פון די גיוואלטיקע גייסטיקע פעאיקייטן און די אומגיהויערע ענערגיע, וואס די פוילישע ארטאדאקסיע ווייזט דערביי ארויס.

אבער שוין דעמלס האט זיך ארויסגיוויזן, אז די הויפט-מתנגדים פון דער ארטאדאקסיע דארף מען נישט זוכן אין דער אזוי-גירופינער אסימילאטארישער מחנה, נאר דווקא ביי די ציוניסטן.

ז'ער קאמף האט גימוזט ווערן אויפגינומען, ווייל ס'האט גידראט די גרעסטע סכנה — די אפוועדונג פונים אויטאריטעט פון דער תורה און אירע טרעגער.

דאס דאזיקע גיזעץ האט יעצט באקומען א חשיבות אין דער גישיכטע פון פוילישן יידנטום און ס'וואלט גיווען זייער פארשפעטיקט נאכאמאל קריטיש צו באטראכטן זיין אנטשטיין.

שוין פארן אריינטרעטן אין לעבן פונים גיזעץ זענען גימאכט גיווארן פרואוון צו רעגולירן די שכירות-פארהעלטנישן פון רבנים, וואס האבן זיך גיפונען אין א זייער קלאגיווידיקן מצב, דאס איז גישען דורך פארמיטלין מיט די קהלות.

א חוץ דעם איז שווער אויסצורעכינין די אלע אינטערוועציעס, באזונדערס מצד ד"ר עמנואל קארלעבאך לטובת די רבנים און פריוואטע מענטשן, וואס האבן זיך גיפונען אין א גידרוקטן מצב.

ב.

צווישן דער יוגנט האט עס גיקאכט. באזונדערס איז גיווען א תהום צווישן די עלטערן און די פרויען-יוגנט.

כדי דאס מתקן צו זיין, זענען גיווארן איינגיארדנט וועכנטלעכע פארטראגן פאר דער פרויען-וועלט. א דאנק דער מיטהילף פון געארג מארקס ז"ל איז עס גילונגין דעם ד"ר עמנואל קארלעבאך ז"ל צו גרינדן א מיידל-גימנאזיום מיטן נאמען „חבצלת", וואס איז א צייט לאנג גיווארן אנגיפירט דורך ד"ר משה אויערבאך און עקזיסטירט נאך ביז היינט.

א פאריין „תבונה" איז גיווארן גיגרינדעט, וואס האט גידארפט צוציען די די יוגנט פון די מתנגדישע קרייזן.

אין משך פון דער אנטוויקלונג זענען אלע דאזיקע שטרעבונגין גיווארן איבערגינומען דורך דער „אגודה" — מעקען נישט זאגן, אז די גרינדונג פון דער „אגודה" איז אנגיקומין לייכט.

דאס גרעסטע פארדינסט דערביי האט דער יעצטיקער פרעזידענט פון דער פוילישער „אגודה" ר' איטשע מאיר לעווין.

ס'איז כדאי צו דערמאנין, וואסער גישעעניש ס'האט פארלייכטערט די גרינדונג.

דעמלט האט גידראט די סכנה פון איינפירן צוואנגס-זונטאג-רו.

דורך א פעטיציע, וואס האט צונויפגיזאמלט במשך אכט טאג מער ווי דריי און צוואנציק טויזנט אונטערשריפטן און דורך פערזענלעכע אינטערוועצן ביים דעמלסטיקן פאליציי-פרעזידענט פאן גלאזענאפ, איז עס גילונגין די סכנה צו פארהיטן.

ביי דער דאזיקער גילעגנהייט איז אין די ווייטסטע קרייזן פון דער פוילישער ארטאדאקסיע אריינגידרינגען די הכרה, אז ס'איז נייטיק אן ארגאניזאציע, כדי צ' קענין ווירקן פאר רעליגיעזע צרכים.

גלייכצייטיק איז אויך דעמלס גיגרינדעט גיווארן די פוילישע אגודת-הרבנים.

די דעלעגאציע האט זיך דערצו אנטשלאסן צוליב צוויי טעמים.

מעקען היינט אדורכבלעטערן די דריי יארגענג „יידיש ווארט" און מ'וועט דארט נישט טרעפן קיין מיאוס ווארט.

אויך די דערציערישע באדייטונג איז גיווען אן-אומגיהויערע.

ס'איז כדאי צו דערמאנין אן-עפיזאד. כדי צו באווייזן די ערלעכקייט פון זיינע שטרעבונגין איז עס גיווען שטארק גילעגן די גענעראל-גובערנאטור און די ציוויל-ממשלה, אז אויך די יידישע באפעלקערונג פון פוילן זאל זיך פרייענטלעך ארויסזאגן פארן אויטאנאמין אויפבוי פונים לאנד. אויך די דעמלטיקע פירער פונים פוילישן פאלק האבן ארויסגיוויזן א גרויסן אינטערעס פארן דאזיקן גידאנק.

דא האט די פוילישע ארטאדאקסיע ארויסגיוויזן א גרויסע פאליטישע חייטזיכטיקייט מיט דעם, וואס זי איז ארויס אין דער ערשטער ריי און האט גיהאט א פייערלעכע אודיענץ ביים מארשאל, איבערגעבנדיק אים א פיין סטיליזירטע אדרעס. די פירער פון דער אדרעס-דעלעגאציע זענען גיווען ר' יואל וועגמייסטער ז"ל און להבל"ח הר' ש.פ. כהנא (זאל גידענקט ווערן דער נאמען פון ר' יואל וועגמייסטער ז"ל, וואס האט שטארק מקרב גיווען אונדזער דעלעגאציע — יהי זכרו ברוך).

דער ענטפער פון מארשאל האט אנגיצייכנט די ליניע, פון וועלכער ס'האט זיך שפעטער גיהאלטן מארשאל פילסודסקי.

מע פארגעסט ביי אונדז זייער לייכט. אבער ס'דארף נישט פארגעסן ווערן די ווילדע העצע, וואס די יידיש-נאציאנאליסטישע פרעסע אין ווארשע האט דעמלט אויפגיהויבן קייגן דער ארטאדאקסיע; מעדארף עס נישט פארגעסן; — נישט כדי צו באווייזן די קורצזיכטיקייט פון יענע קרייזן, נאר כדי זיך קלאר צו מאכן ווי דאס ווארט און דער גייסט פון דער תורה ווייזט דעם ריכטיקן וועג אויך אין שווערסטן מצב.

אבער דאס אלץ איז גארנישט — קייגן די ככסוכים, וואס דאס „קהלות-גיזעץ" האט ארויסגירופן.

אויך דאס וועט מען היינט שווער משיג זיין, נאך דעם ווי די פילסודקע-רעגירונג האט דאס דאזיקע גיזעץ אין זיין גרעסטן טייל — גימאכט פאר איר אייגנס און דאס פוילישע יידנטום האט לויטן דאזיקן גיזעץ ארגאניזירט זיינע קהלות.

אבער דעמלט האט זיך אויפגיהויבן א שטורים, ווייל אין דאזיקן גיזעץ ווערט די קהלה באצייכנט אלס רעליגיעזע גימיינדע און נישט אלע נאציאנאלע אינסטיטוציע.

דאס זענען גיווען די צייטן אין וועלכע די דייטשע דעלעגאציע פון דער „פרייער פארייניקונג" איז גיווארן באגעגנט אין די ווארשעווער גאסן מיט די זלזול-ווערטער:

— „נאר א רעליגיע!"...

אין דער אמתן איז דאס דאזיקע גיזעץ גיווען א נחיצות, ווייל בשעת דער צאריסטישער ממשלה זענען די פארהעלטנישן אין דער יידישער קהלה גיווען גענצלעך נישט גיארדנט.

א גרויסער טייל פון די פוילישע רבנים איז נאך גיווען אגודה-פרעמד (באזונדערס אין די געגנטן, וואו צוליבן עטאפ-מצב אין באשרענקטן פארקער, איז די פערזענלעכע פארבינדונג גיווען באשווערט) און אויסער דעם איז עס דאך גיווען דער ציל — פון דער גאנצער טעטיקייט פון דער דעלעגאציע מחזק צו זיין דעם אויטאריטעט פון דער תורה.

ס'איז גיווען א בארעכטיקטע האפינונג, אז דורכן ארגאניזאטארישן צונויפנעמין פון די נושאי־התורה וועט דער דאזיקער ציל באקומין א חיזוק.

נעבן דעם האט ד"ר עמנואל קארלעבאך ז"ל, ארגאניזירט אין די ראמין פון זיינע אויפגאבן — א פארייניקונג פון די חדר-מלמדים.

ו.

ביים סוף איז נאך כדאי צו דערמאנין פאלגענדיקע זאכן.

די דעלעגאציע האט גינאסן פון אומבאדינגטן צוטרוי פון דער דייטשער ציוויל-פארוואלטונג. די דאזיקע האט זיך זעלבסטפארשטענדלעך פארהאלטן נייטראל און זיך נישט גיוואלט אריינמישן אין די אינערלעכע ענינים פון פוילישן יידנטום, אבער זי האט גיהאט א פולשטענדיק פארשטענדיניש פאר דער קולטור-גישיכטלעכער באדייטונג פון דער ארטאדאקסיע.

אין דער זעלבער צייט האט זי זיך באמיט די ווירטשאפטלעכע שטערונגין, וועלכע האבן נאך גישטאמט פון די צארישע צייטן לויט די מעגלעכקייטן צו לינדערן.

אבער אויך די דעמלט פירנדיקע פוילישע קרייזן, באזונדערס די „Rada Regencyjna" (ארציביסקופ קאקאווסקי, פירשט לובאמירסקי, באראן אסטראווסקי) האבן זיך איבערצייגט אין די ערנצטע כוונות פון דער דעלעגאציע און ארויסגיוויזן אכטונג פאר דע- ארטאדאקסיע און פאר אקטיוויזירונג. פראפעסאר דעמבינסקי, וואס האט דעמלט אנגיפירט מיטן קולטוס-מיניסטעריום פארדינט דערמאנט צו ווערן מיט דאנק אין דער גישיכטע פון דער פוילישער ארטאדאקסיע.

ס'איז מאדנע, וואס אמווייניקסטן פארשטענדיניש האט ארויסגיוויזן א גרויסער טייל פון דער ארטאדאקסיע אין דייטשלאנד.

זי האט זיך גילאזט באאיינפלוסן פון דער האלטונג פון דער ציוניסטיש-נאציאנאליסטישער פרעסע פון ווארשע און האט נישט גיהאט קיין פארטרויען צו דער דעלעגאציע: זי האט אויך נישט איינגיזען דאס חשיבות פון איר טעטיקייט.

ווי שוין איינמאל דערמאנט, פארדינט א באזונדערן דאנק ד"ר לודוויק האאז.

ד"ר עמנואל קארלעבאך ז"ל איז ליידער נישט באשערט גיווען מיטצולעבן און צו זען סארע שטארקע ווארצלין זיין טעטיקייט האט גישלאגן. די אגודה-באוועגונג — וועט אים תמיד זיין דאנקבאר.

„באהאלט נישט דעם אמת, וועט איך זיגן"

הרב יוסף לעווו

אונדזער ערשטע באגעגניש איז גיווען אין לאנדאן, וואוהין ער איז ספעציעל גיקומין צום מאסן-מיטינג, וואס איז איינגיארדנט גיווארן דורך די פירער פון אגודה אין ענגלאנד, אין „אסעמבלי-האל".

דער גרויסער זאל איז גיווען גיפאקט מיט א צען-טויזנט קעפיקן עולם, די פראמינענטע רבנים און פערזענלעכקייטן פון ענגלישן יידנטום. אלע אין שפאנענדיקער דערוואלטונג צו הערן דאס „נייע ווארט" פון ד"ר נתן בירנבוים.

ס'דער־הערט זיך א קלינגען פון א גלעקל. ס'ווערט שטיל. אויף דער עסטראדע ביים פ־עזידיום-טיש באווייזט זיך דער פארזיצער, ה' סטוארט סעמיועל (דער ברודער פון גיוו. נציב־העליון אין ארץ־ישראל), פרעזידענט פון „באארד דעפיוטיס". ער רופט אויס בירנבוימין צום ווארט.

די שטימונג ווערט שפאנענדיקער. אלימנס אויגן גענין גיווענדיט צו דער טריבונע. ס'באווייזט זיך דער ד"ר בירנבוים: אן־אימפאזאנטע שלאנקע פיגור, א הויכער דענקערישער שטערן און א פלאך סאמיטן קאפל. טיף-דערדרינגדיקע אויגן, א סעמיטישע אדלער-נאז און א פאטריאכאלישע גראע בארד. ער הייבט אן, אבער נישט מיט קיין רעדנער-טאן, ווי מיר האבן עס דערווארט. נאר מיט אן־אויסגישריי פון א פארוואונדיטן לייב.

„ווייסט איר, יידן, ווער איר זענט און וואס דארפט זיין?.. ווייסט איר די גיפאר, וואס דראט אונדזער קיום?... — איך. וואס קום פון דער זינדיקער מחנה ווייס די גיפאר און נעם מיר דעריבער דעם קוראזש אייך צו פרעגן: כאר וואס האט איר ארויסגילאזט די לייטשיס פון אייערע הענט און איבערגיגעבן אין הענט פון הפקר-מענטשן?"...

אן־אלגימיינע דערשטוינונג און כמעט איבערגישראקנקייט. דער עולם שטייט צומישט און פארגאפט, שטיל... און בירנבוים קומט אלץ מער און מער אין עקסטאז. פון זיין מויל פליען פייער-פונקין, א מבול פון סארקאסטישער און אנגרייפנדיקער קריטיק אויף השבון פון די פרייע מנהיגים, וואס פירן ארום דאס יידישע פאלק ביים קאפ... א פארנליווערטע שטילקייט ארום — און פלוצלינג...

א וואולקאן-אויסברוך... א מוראדיקער שטורים, אן־אויסברויז פון ווילדע ים־כוואליס. ס'האט ענדלען גיפלאצט דאס גידולד ביי די וואס האבן זיך גיפילט גיטראפן און זיי האבן אויפגיהויבן א טומל, וואס אפילו דעם גיניטן און פון אלימין רעספעקטירטן פארזיצנדער האט זיך נישט איינגיגעבן איינצושטילן.

און בירנבוים שטייט רואיק אויף דער טריבונע און קוקט מילד און מיט א שמייכל צער אין די אויגן אופן רוישנדיקן המון. א ריזן־שיף אויפן ברויזנדיקן ים... ער וויל נאך ווייטער רעדן. ער האט נאך נישט אלים דער־זאגט...

ווי גרויס ער האט דעמלט אויסגיזעען בירנבוים, און ווי קליין די מענטשעלעך, וואס האבן נישט גיהאט גידולד צו קענין הערן א פאר אמתע ווערטער, א העלדישע דרייסקייט און שטאלץ איז אויף אים אויסגיגאסן... און גיטראכט האב איך מיר דאן, צו גיפינט זיך נאך אינים היינטיקן דור א סך אזעלכע מענטשן מיט אזא דרייסטקייט און אומדערשראקנקייט פארן אמת?... און איך האב אים מקנא גיווען.

צו מארגנס ווען מע האט אים אויפמערקזאם גימאכט, פאר וואס ער האט פאראורזאכט אזא אויפרעגונג, וועלכע קען שאדן ברענגין די באוועגונג, האט ער גיענטפערט: „באהאלט נישט דעם אמת, וועט איך זיגן".

אין עטלעכע טעג ארום האב איך זיך מיט אים צוזאמינגיטראפן אויף א בנקעט, איינגיארדנט לכבוד דער אגודה-דעלעגאציע. האלטנדיק זיין טאאסט-רעדע, האט ער דאן אויסגירופן: „איך בין פארצווייפלט וועגן אונדזער צוקונפט, וועגן דער צוקונפט פון יידישקייט... מיר האבן נאר איין עצה צו בעטן דעם אייבערשטן: „וטהר לבנו לעבדך באמת".

• • •

„נישט מער דאס פייער פון נעכטן"

ד"ר בנציון פעסלער

ג'יוועז איז עס דאס ערשטע מאל אינים יאר 1918 אין גרויס וואראדיין (אונגארן). א גרופע יונגע לייט פון פארשידינע אנשויאונגין, ס'רוב ארטאדאקסן, האבן אים פארבעטן אויף א פארטראג. נאכן פארטראג איז גיווען א באנקעט, הכל כנהוג. און כנהוג זענען גיהאלטן גיווארן לכבוד דעם גאסט רעדיס, ביז עס איז גיקומין די שורה צו אים, און דא איז גישען עפיס אויסערגיווענלעכיס און זעלטיניס.

כאטש בירנבוים איז די גאנצע צייט גיזעסן גאנץ רואיק און צוגיהערט זיך מיט א קלוגן סקעפטישן שמייכל צו די רעדיס פון רעדנערס, מכלומרשט סימפאטיקערס און פארערערס פין אים, האט ער זיך בשעת זיין ענטפער צו זיי פלוצים דערוואַרימט. און פלוצים האבן זיך מעכטיקע זאצן ווי דונערן אנגיפאנגן צו קויקלין פון זיין מויל, זיינע אויגן האען גיברענט און זיין פנים איז גיווען בלייך. ער רעט פון ג—טס פאלק און אין זיין שטים ציטערט עכטער שטארקער פאטאס. און אויף איינמאל — א קולמינאציע-פונקט: בירנבוים שטרעקט אויס זיין קנעכעריקע האנט, שלאגט זיך דאן הילכידיק א יף דער ברוסט. זיין פנים ווערט נאך בלייכער און ווי א ווייגישריי רייסט עס זיך אויס אים ארויס: חטאתי עויתי פשעתי!...

ביי מיר האבן פיבערנדיק וויברירט די ליפן, דאס הארץ איז שטיין גיבליבן. אט, פאל איך אום, אבער אויך דאס גאנצע פובליקום איז גיבליבן ווי פארשטיינערט, שטייט נישט א פא צייטישער גדול פאר אונדז מיט זיין איבערבאטירלעד גרויסקייט? לעבט אזא לייטערנדיק פייער אין א מענטשלעכער ברוסט?

— נאר, אט שטייט ער ווייטער און רעט: עס דאכט זיך: א מעכטיקע עלעקטרישע באטעריע האט זיך אין אים אין באוועגונג גיזעצט און ווירקט אזוי זיכער און אומבאזיגבאר אויף אונדז אלע.

צומארגנס איז די ידיעה וועגן דער אוונט-סצענע ווי א סענסאציע דורכגיפליגן די שטאט. א פיינער בעל־בית פון שטאט איז גיקומין צו בירנבוימין אים פארבעטן צו זיך אין הויז אויף אוונט-ברויט. די ודוי פון בירנבוימין האט א פנים אים שטארק אימפאנירט. זיין בירגערלעך־תמימותדיקע מוסר-גיפיל איז פולשטענדיק באפרידיקט גיווארן.

אוונט איז מין מין זיך ווידער צוזאמינגיקומין ביי דעם אויבנדערמאנטן בעל־בית, ווידער זענען רעדיס גיהאלטן גיווארן און דער עולם איז גיווען גישפאנט! וואס וועט ער היינט רעדן און ווי אזוי וועט ער היינט רעדן? — אבער בירנבוים האט, גילויבט איז ג—ט, זיך אנטוישט. נישט דאס פייער פון נעכטן, נישט די שטים פון נעכטן. ארויספילנדיק דאס גלוסטונג פונים נובליקום נאך סענסאציע, האט אים פארלאזן זיין גייסט אזוי צו זאגן.

(די זכרונות זענען נישריבן צום זעכציקסטן ג־בוירן-טאג פונים גרויסן נפטר).

דער לעצטער גליענדיקער רוף פון

נתן בירנבוים ז"ל

גלייכט אויס א וועג!

שוין ארויס פון דרוק דאס זאמל־העפט פון די לעצטע זיבן מאמרים, וואס דער גרויסער נפטר האט גישריבן אינים לעצטן יאר פון זיין לעבן.

די מאמרים הייסן: א. מרידה, ב. אומקער צו ערד־ארביט, ג. כנסת ישראל, ד. דער אנפאל, ה. אויפן אייביקן יסוד, ו. פנימיות'דיקער אויפהייב, ז. משיח.

די מאמרים זענען איבערזעצט פון דייטש דורכן זון פונים גרויסן נפטר

ד"ר שלמה בירנבוים.

אלע פארשפרייטן דאס וויכטיקע העפט! 54 זייטן — פרייז 1.25 גילדן, 2 עקז. 2.25, 5 עקז. 5.50. צו באקומין אין אונזער פארלאג „בית-יעקב"!

אלימלך שטייער — אזוי האט עס זיך אנגיהויבן... (ברעקלעך זכרונות פון שטעטל)

דער רעוואלווער אין בית־מדרש

ס־איז געווען אין איינים א ווינטער־אוונט. א קליין שטעטל אין גאַליציע. די צייט — קורץ נאָכן וואַפן־שטילשטאַנד בשעת דער גרויסער מלחמה.

דעמלט — אין מיטן יענים שטורים — איז אויך געבוירן געוואָרן די פוילישע מלוכה.

מיט אמאָל האט מען אַרויסגיהאנגען פענער רויט און ווייס. דאָרט, אין קליינים שטעטל, איז מען דאָך געווען ווייט פון מקום המעשה, פון וואַרשע, וואו ס־איז געווען די דייטשע אקופּאַציע און וואו ס־זענען פאַרגיקומען די אַלע ראַנגלינישן. דאָ האט מען בלויז געזען מיט אמאָל אַ מהפּכה. אין דער גוישער גאַס איז אַלץ מיט אמאָל געוואָרן אַנדערש און אין דער יידישער גאַס האט אויך אַלץ גייורן — גאולה־שטימונגען, באַלפור־דעקלאַראַציע. דער ציוניזם, וואָס איז אינים שטעטל ביז דעמלט געווען אַ יוצא־דופן, עפּיס דאָרט אַ גירעד פון אַ פּאַר קאַליע־געוואָרינע בית־מדרש־בחורים, וואָס האבן גילערנט העברע־אישע גראַמאַטיק און געזאָגט, אַז יידן דאַרפן האָבן אַן־אייגן „פּאַטערלאַנד" — האט פּלוצים מיטאמאָל באַקומען הויט און ביין.

אין בית־מדרש פּלעגט מען דעמלט אין די בין־השמשותן, פאַר מנחה־מעריב, רעדן רק וועגן דעם נייעס. מע האט זיך דערציילט נסים ונפלאות וועגן לאָרד באַלפור, וועגן באַראָן ראָטשילד און דעם שמשס זון, אַ רויטלעכער יונגער־מאַן, אַ משכיל, האט בפירוש געוויזן אַ „ילקוט", וואו ס־שטייט געשריבן, אַז הלוואי זאָלן יידן קומען קיין ארץ־ישראל — און באַדיי עס מטמא זיין...

דער העבּרעאישער לערער, דעם שוחטס זון מיט דער גזש־וּוע, און די אַלע איבּריקע געוועזינע בית־מדרש־בחורים, האבן זיך גינומען פּלוצים צוריק באַווייזן אין בית־מדרש, גירעט מיט היץ צווישן די געזמלין מענטשן און דער עולם האט געהאָרכט.

מיר, בית־מדרש־בחורים זענען געווען אומעטום צווישן. מיר האבן זיך צוגי־הערט, נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען, עפּיס געאַנט בלויז אַ פרייד האבן מיר גיפילט אויפשטייגן אין אונד.

— ס־איז משיחס צייטן... אַלע יידן וועלן אויפגיין קיין ארץ־ישראל, ס־וועט זיין אַ יידישער מלך און מע וועט אויפשטעלן דאָס בית־מקדש...

בלויז דער שטאָט־מגיד, אַ בייזלעכער ייד מיט ברילן אַרויפגערוקטע אויפן שטערן, האט גישריגן, אַז דאָס איז מעשה שטן, מע טאָר זיך נישט לאָזן פאַרפירן.

און דאָס בית־מדרש האט זיך איינציקווייז אויסגילייידיקט. בחורים האבן גי־האַלטן צייטונגען אונטער די גמרות, זענען גיקראָכן אין פאַריין הערן ווי דער בוכהאַלטער פון דער מיל, וואָס האט גירעט אַ ביסל דייטשמעריש מיט אַ מזרח־גאַליצישן אַקצענט האט גיגעגעבן צו פאַרשטיין, אַז „דאָס יידנטום ווערט ענדלעך אויסגילייזט", און נאָר דער שטאָט־מגיד מיט זיינע אונטער־העלפער שטערן...

און ביסלעכווייז האט זיך גינומען אַנזאַמלין אַ שנאה אין די הערצער פון דער יוגנט צו די עלטערע בית־מדרש־יידן, וואָס זענען „מעכב די גאולה".

איין מאָל, ס־איז געווען אין אַ ווינטער־נאַכט, ווען מיר, די יונגע בחורימלעך, זענען געזעסן מיט אונדזער רבין אין בית־מדרש און גילערנט יורה־דעה „מליחה" און אונדזער רבי האט אונדז נאָכגיזאָגט אַ פשטל אין „טורי־זהב", האט זיך פּלוצים געעפנט די טיר און ס־האט זיך אַריינגישיט דאָס גאַנצע ציוניסטישע יונגוואַרג פון שטעטל. די געוועזינע בית־מדרש־בחורים האבן זיך דעמלט נישט געוויזן. בראש איז גיגאַנגען מענדל זייגערמאַכערס זון אין אַ מיליטערישן מונדיר פון אַ קאַפּראַל. ער איז ערשט די טעג צוריק גיקומען פון מיליטער.

איינער פון דער חברה איז צו צו אונדז און אונדז גיהייסן אַרויסגיין. אין בית־מדרש האט דער עולם ערשט גיהאַט אָפּגידאַוונט מעריב און, ווי דער שטייגער די לעצטע צייטן, זענען זיי נישט אהיים גיגאַנגען, נאָר הייס דעבּאַ־טירט גרופּקיס־ווייז.

איך בין געווען צוטומלט. די לעצטע טעג איז מיר גילעגן אַ רויש אין קאָפּ. ס־האט מיך גיצויגן צווישן דער יורה־דעה „מליחה" און די ביכלעך, וועלכע דער שוחטס זון האָט מיר אַריינגישטופּט.

איצט בין איך נישט אַרויס, נאָר ס־בין גישטאַנען אַ ווינקל און גיקוקט. יונג־וואַרג איז אַרויף צו דער מזרח־וואַנט. דאָרט זענען גישטאַנען די חשובי־העיר, די ראשי העדה, עלטערע יידן לומדים, מיוחסים מיט גראָע בערד.

מענדל זייגערמאַכערס זון אין מיליטערישן מונדיר האט אַרויסגינומען פון קע־שענע אַ רעוואָלווער, איז צוגיגאַנגען צו אלעזר קליין, דעם ראש־הקהל און אים צוגישטעלט צום האַרץ.

ס־איז געוואָרן אַ גיוואַלט. אין טומל האב איך בלויז גיהערט: „אונטערשרייבן". יונגוואַרט האט געשריגן: „מ.שקיס!" כ־האב נאָך דעמלט נישט פאַרשטאַנען אין וואָס דאָ האַנדלט זיך. די ציוניסטישע יונגלעך האבן געשריגן, אַז די קהלה־מענטשן האבן פאַראַטן די יידישע אינטערעסן...

אלעזר קליין איז גישטאַנען בלייך און די ברייטע גראָע באָרד האט אים גי־ציטערט.

ער האט עפּיס אונטערגישריבן.

כ־האב דעמלט, פאַרשטייט זיך, נישט געוואוסט וועגן וואָס ס־האַנדלט זיך (ס־האט זיך גיהאַנדלט מכוח אַ פּוילישער לאָיאַליטעט־דערקלערונג, וואָס די קהלה־פאַרשטייער האבן גיהאַט אָנגיגעבן...).

אבער דער רעוואָלווער אין בית־מדרש האט מיך אויפגיציטערט.

דער רעוואָלווער אין בית־מדרש — דאָס גישעעניש שטייט מיר אין זכרון ביזן היינטיקן טאָג.

כ־האָב נישט פאַרשטאַנען, אבער כ־האב גיפילט, אַז דאָ עפנט זיך אַ תהום.

די ערשטע פאַרזאַמלונג

אלעזר קליין האט צוזאַמענגירופן אַ פאַרזאַמלונג. ער האט עפּיס גילייענט אַ צעטל, וואָס איז גיקומען פון וואַרשע: פרומע יידן דאַרפן זיך צוזאַמען נעמען און גרינדן אַן־אגודה.

אלעזר קליין איז גישטאַנען און זיין ברייטע, ווייסע באָרד האט זיך גישאָקלט ווי דעמלט אין בית־מדרש ביים אַנבליק פון רעוואָלווער. ער האט געזאָגט, אַז מע דאַרף „שטאַטוטן". דער עיקר איז „שטאַטוטן". אַז ס־וועט זיין „שטאַטוטן" וועט אַלץ זיין. ער האט דאָס וואָרט אַ סך מאָל איבערגי־חזרט.

ערנאָך האט גירעט חיים זעליג שענקער, אַ ייד אַ חכם, אַ פשטל־זאָגער. ער האט זיך פאַמעלעך געוויקלט אַ ציגאַר און גיגעבן צו פאַרשטיין, אַז מע דאַרף טון פאַמעלעך, מע דאַרף זיך פאַרטראַכטן און ער האט גיגעבן משלים, וואָס קיינער האט נישט פאַרשטאַנען.

אַ פרישער קעסט־איידים, אַ יונגערמאַן אַ וואויל־קענעוודיקער מיט אַ שיינער האַנטשריפט, האט אָפּגיהוסט און גינומען רעדן מיט אַ קלי־גינדיקער שטים, מעשה־רעדנער, אַז מע האט פאַרגעסן וועגן וואָס מ־איז דאָ אייגנטלעך צוזאַ־זאַמען גיקומען. אַז די יוגנט גייט פון אונדז פאַרלוירן. אַז זיי ווערן אונדזערע שונאים, ווייל מי־ האבן נישט דאָס ריכטיקע לשון צו זיי. אין די אגודה פון וואַרשע וועט אונדז דאָס אַלץ אויסלערנען. זיי גיבן אַרויס אַזאַ צייטונג, וואָס פאַרשפּרייט יידישקייט, דאָרט אַרבעטן גרויסע קענער, דאָקטוירים און פּראָפע־סאָרן, וואָס זענען אויך גלייכצייטיק יידן תלמידי־חכמים און יראי־שמים. מע דאַרף זיך אויסלערנען רעדן צו דער יוגנט אַ ביסל מאָדערנע, ווייל ס־איז אַ צייט פון סכנות־נפשות.

די רעדע האט אַלימען וואויל־גיפעלן.

בלויז משה ברוך, אַ יונגערמאַן מיט ברילן, וואָס האט ליב גיהאַט אַלץ מבטל צו זיין, האט גיפּראָווט צו מאַכן ליצנות און גיזאָגט, אַז דאָרט, אין וואַרשע, ביי די „פּאַניעס", טוט מען אַלץ פאַר געלט...

צום סוף איז באַשלאָסן געוואָרן: אַזוי ווי אין צעטל פון וואַרשע שטייט גי־שריבן, אַז ס־קומט בקרוב פאָר אַ גרויסע אסיפה אין וואַרשע און מע דאַרף וויילן „דעלעגאַטן" (אַ ניי וואָרט געווען!) איז מען טאַקי באַלד צוגיטרעטן צו די וואַלן און מע האט אויסגיקליבן דריי שליחים: אלעזר קליין, זעליג שענקער און סענדער, דעם פרישן קעסט־איידים.

דאָס איז געווען די ערשטע דעלעגאַציע אויף דער ערשטער אגודה־קאָנפערענץ אין וואַרשע.

ס־האט זיך דעמלט אַנגיהויבן אַ שווערע צייט.

צו מיין ברודער פּלעגט קומען דאָס ציוניסטישע יונגוואַרג. מע האט זיך גי־ריכט אויף פּאַגראָמען און מע האט גיגרייט אַ זעלבסט־שוץ.

ס־זענען גיקומען „חלוצים" (צום ערשטן מאָל דאָס וואָרט), פּ־עמדע סטודענטן, וואָס האבן גירעט אַ צובראַכינים יידיש און זענען גיגאַנגען האַקן האָלץ. זיי טוען דאָס פאַר ארץ־ישראל — האבן זיי גיזאָגט. ס־איז געווען מאָדנע. דעם דאָקטאָרס זון, אַ סטודענט, אַ פאַרגויישט בחורל פון קידוויז אָן, איז אויך צו אונדז אַריינגיקומען. ער האט זיך גיבעטן ביי דעם דיינס בחור, ער זאָל אים פאַרטייטשן דאַווינען.

און יענער האט פון אים גילאַכט.

— אין נייעם ארץ־ישראל וועט מען נישט דאַווינען... — האט ער גיזאָגט און גיפינקלט מיט די שיקלדיקע אויגן.

מיט מיר פּלעגט דער דאָזיקער געוועזינער בית־מדרש־בחור שמועסן, מיר גי־שטעלט מאָדנע קשיות, אויף וועלכע איך בין גיבליבן פאַרלוירן און נישט גי־וואוסט, וואָס צו ענטפערן.

דערנאָך האט ער צו מיר עפּיס גירעט מאָדנע דיבורים, אַז ס־שאַפט זיך אַ ניי לעבן, אַז מע מוז איבערייסן מיט אַלים אַלטן און איך האב נישט פאַרשטאַנען סאַראַ שייכות דאָס האט מיט משיח און מיטן יידישן מלך...

דעמלט איז אויך גיקומען דער ציוניסטישער רעדנער, דער ראַבינער מיטן שפּיציקן בערדל און די גאָלדינע ציין. ער איז גישטאַנען אויף דער בימה אין דעם בעל־בתישן קלויז און גירעט. אין דרויסן, פאַרן חסידישן בית־מדרש, האט דער שטאָט־מגיד גישריגן, אַז מע טאָר נישט גיין הערן, ס־איז אַפּיקורסות. כ־האב זיך אַריינגיגנביט. ער האט גירעט מיט גמרא־ווערטער וועגן דער גאולה. אין מיטן איז אַריינגיקומען דער שטאָט־מגיד.

— אַפּיקורסות!.. — האט ער גישריגן.

עמיץ איז צוגילאָפן און אים גיגעבן אַ פּאַטש.

דאָס איז געווען דאָס צווייטע מאָל, ווען מיר האט אַ שווינדל גיטון פאַר די אויגן.

ס־ערשטע מאָל איז געווען די מעשה מיטן רעוואָלווער.

— דאָס זאָל זיין דער וועג צו דער יידישער גאולה? דער חשבון האט מיר עפּיס נישט גישטימט. מיין קינדישער מוח האט דאָס נישט גיקענט משיג זיין.

די צייטונג

אין יענע טעג, ווען איך בין איין מאָל גיזעסן אין בית־מדרש אין דער פרי, צוזאַמען מיט נאָך אַ חבר, איז צו אונדז צוגיקומען דער פרישער קעסט־יונגער־מאַן סענדער און אונדז אַרויסגירופן. דאָרט האט ער אונדז גיגעבן אַ בלאַט צייטונג און גיזאָגט, אַז אין דער היים זאָלן מיר דאָס אַדורכ־לייענען.

איך האב שוין נישט גיקענט איינזיצן ביים לערנען. כ־בין בטבע געווען זייער להוט נאָך יעדן גידרוקטן וואָרט און כ־פּלעג ליב האָבן צו נישטערן אין אַלטע ספרים און זיך צו גריבלען אין שמות און לייענען אַלץ, וואָס ס־איז מיר גיקומען אונטער דער האַנט.

איך און מיין חבר האבן זיך אַרויסגיכאַפּט, זענען אַרויף אין דער ווייבער־שול און מיט אַפּעטיט זיך גינומען לייענען.

די צייטונג האט גיהייסן „דער יוד". און דאָרט איז גישטאַנען וועגן אַלץ, וואָס האט מיך אין יענע טעג אינטערעסירט און וואָס האט מיך גימאַטערט בייטאָג און ביינאַכט.

כ־בין שנעל אהיים גיגאַנגען. כ־האב גיוואָלט, אַז דעם שוחט'ס זון, דער מיט דער גזשיווע, זאָל מיך פרעגן זייגע שאלות. איצט וועל איך שוין וויסן, וואָס צו ענטפערן.

איין מאָל, גידענק איך, ס־איז געווען נאָך די פּאָגראָמען אין אוקראַינע, האט מען גוזר תענית געווען אויף כ' סיון און מע האט גידאַרפט זאָגן סליחות.

אין מיין צייטונג זענען געווען גידרוקט די סליחות. כ־האב מיטגינומען די צײ־טונג אין בית־מדרש און זי אויסגישפּרייט. און ווי גרויס איז געווען מיין שטאָלץ, וואָס דער אַלטער דיין האט מיט מיר אַריינגיקוקט און גיזאָגט צוזאַ־מען די סליחות.

אַ צייטונג און סליחות.

ס־איז געווען די „סינטעזע". (כ־האב דעמלט, פאַרשטייט זיך, נאָך נישט געוואוסט פון דעם, וואָס האט מיר צוריק גיגעבן דאָס גלייכגיוויכט.

דעמלט האב איך אויך אָנגיהויבן שרייבן. מיין ערשט „אַרטיקל" האב איך גי־שריבן מיט'ן בליי אויפן ראַנד פון אַ צייטונג

דער רעדנער

דורך פאַרשידינע וועגן האט דער „אגודיזם" (דער באַגריף איז נאָך דעמלט נישט געווע) פאַרכאַפּט אונדז, דאָס יינגוואַרג אין שטעטל.

אין שטעטל איז אַראָפּגיקומען איינער, אַ יונגער־מאַן. אין די גרויסע זומער־דיקע אָוונטן, נאָכן שיעור, ווען מיר, בחורימלעך, פּלעגן אַ ביסל שפּאַצירן הינטער דער שטאָט צווישן די גוישע סעדער שעפּן פרישע לופט, איז ער צו אונדז צוגיקומען, האט גיבאָרגט ביי אונדז אַ שטיקל „יוד" און האט זיך מיט אונדז צושמועסט. ס־האט זיך אַרויסגיוויזן, אַז דער יונגערמאַן איז אויך פון אונדזער חברה, פון דער „אגודה" הייסט עס, אַז ער איז געווען ביים מי־ליטער אין יענע „געגנטן" און אַ סך גילייענט די דייטשע אָרטאָדאָקסישע לי־טעראַטור. פון אים האבן מיר דאָס ערשטע גיהערט וועגן „אידעאָלאָגיע". ער האט אונדז געעפנט די קעפּ וועגן „אַנשויאונג" און ביינאַכט האט ער אונדז אַריינגיפירט צו זיך אין שוואַך־באַלויכטינים געוועלבל און אונדז געוויזן, אַז ער האט אויך כתבים אין העבּרעאיש. ער האט אונדז אַרויסגילייענט שירים מיט ספּורים און מיר האבן ממש גילעקט די פינגער. מיר האבן זיך דער־וואוסט, אַז ביי „אונדז" איז דאָ אַלץ... מע קען, הייסט עס, קענען העבּרעאיש דיקדוק און אַלע שבע חכמות און נישט טראָגן אַזאַ גזשיווע, ווי דעם זון, אויף וועלכן מע האט גימורמלט אין שטאָט, אַז ער עסט יום־כיפּור...

אלעזר קליין האט גיבּרענגט זיינע „שטאַטוטן", גילאָזט מאַכן אַ סטעמפּל און קליינע סטעמפּעלעך, וואָס זענען גילעגן יעדיס אין אַ באַזונדער פּודעלע אַרומגידעקט און יעדן שבת־צו־נאַכט צו מלווה־מלכה פּלעגט מען מאַכן אַן־אסיפה.

אין שטעטל האט זיך אַנגיהויבן מאַכן אַ „קאָך". ס־זענען געווען די ערשטע סימנים פון „פּאַרטיי־קאַמף" אין שטעטל.

און אַלץ האט זיך אָפּגישפּיגלט אין דעם בעל־בתישן קלויז, וואו דאָס גאַנצע שטעטל פּלעגט אין דער וואָכנס דאַווינען מיט מנין.

ראובן מעכלס פון ווייַן־שענק, אַ קורצער, געזעצטער בחור מיט ברילן, איז געווען דער איינציקער, וואָס האט געהאַלטן די ציוניסטישע טאָג־צייטונג פון וואַרשע, פּלעגט ער שנעל יעדן אין דער פרי קומען צו לויפן אין דעם בעל־בתישן קלויז מיטן תפילין־זעקל אונטערן אָרים. ער האט גילייגט די תפילין, אבער אַזוי נאָר, ווי ער האט גימאַכט די ברכות, האט ער אַרויסגיצויגן די צייטונג פון דער קעשענע און זי אויפגישפּרייט.

— די אגודה האט פאַראַטן! די אגודהניקיס זענען בוגדים, עוכרים... זיי האבן גימסרט פאַרן פעלקער־בונד.

אַרום דער צייטונג פּלעגן זיך זאַמלין געזימלין מענטשן.

מיר האבן, פאַרשטייט זיך, נישט געשוויגן. מיר האבן גיבּרענגט צו שלעפּן דעם „יוד" און אויסגיוויזן, אַז ס־איז להד"מ, די ציוניסטן זענען פּושעים און טוען כל דבר אסור.

אין יענע טעג האט אלעזר קליין אונדז, אַ פּאָר בחורימלעך, אַריינגירופן און אונדז אָנגיזאָגט די בשורה, בכן, ס־קומט צו פאָרן אַ רעדנער.

— „אַ רעדנער!" — דאָס וואָרט האט גיקלינגען אין אונדזערע אויערן, ווי די שענסטע מוזיק. אָך, ווי לאַנג מיר האבן שוין דערויף געוואַרט. די ציוניסטן פּלעגן אַראָפּברענגען יעדיס מאָל פרישע רעדנער און דאָס גאַנצע שטעטל איז גילאָפן הערן. אַ חוץ דעם ראַבינער מיט די גאָלדינע ציין, וואָס האט גירעט מיט פּסוקים, איז אויך גיקומען עפּיס אַן־אינזשיניער, וואָס האט נישט גיקענט נאָר פּויליש און גינומען געלט אויף אַ קאָלאָניע אין ארץ־ישראל.

מיר האבן שוין דעמלט אַלץ גיוואוסט. מיר האבן גיוואוסט, אַז, אמת, ישוב ארץ־ישראל איז אַ מצוה, אבער מיר מוזן באַקעמפן די ציוניסטן, ווייל זיי פירן נישט דאָס לאַנד בדרך התורה; ווייל זיי זאָגן, אַז מע מוז אָפּרייסן רע־ליגיע פון לאַנד און פון פאָלק.

דאָס אַלץ האבן מיר גילייענט אין „יוד" און ס־האט אונדז אויך גיגעבן צו פאַרשטיין דער יונגערמאַן מיט דער „אידעאָלאָגיע" (אַזוי האבן מיר אים גי־רופן צוליב באַקוועמלעכקייט...). אבער דער עולם אין שטעטל, עמך, די פּראָסטע בעלי־בתים, זיי האבן געהאַלטן מיט די ציוניסטן, וואָס זאָגן, אַז באַלד

„טאָגבלאַט" נר... יאָר תרפ"ט.

„קעלניץ. חוה"מ פסח איז אין אונדזער שטאָט פאָרגיקומען אַ ראַיאָן-קאָנפע־רענץ פון אַלע צעירים-אָרגאַניזאַציעס פון דער גאַנצער וואָיעוואָדסטווע (קומט אַן אויספירלעכער באַריכט פון דער קאָנפערענץ). אין אָוונט איז אין גרויסן זאַל פון די פייערלעכער פאָרגיקומען אַ גרויסע מאַסן-פאַרזאַמלונג, ביי אַ פול-גיפּאַקטן זאַל עפנט ח'... די פאַרזאַמלונג און ערטיילט דאָס וואָרט דעם חשובן און טאַלאַנטפולן רעדנער ח' שלמה גינאַריר יו"ר פון דער ברוד־ניצקער צא"י. די רעדע איז גיוועזן אַ מייסטער-ווערק הן בנוגע דעם תוכן והן בנונע דער פאָרים. צום סוף ווענדיט זיך דער ח' פרעלעגענט מיט אַ הייסן אַפּעל צו די פאַרזאַמלטע — עד מתי? ווי לאַנג נאָך וועט איר אַרט. יידן שטיין פון דער חיצונס? ווי לאַנג נאָך וועט איר צוקוקן, ווי אונדזערע געגנער טרעטן מיט זייערע פיס אַלע אונדזערע הייליקטימער? צי איז דען נישט אַ פאַרברעכן צוצוקוקן גלייכגילטיק, ווי אונדזערע ברידער און שוועסטער ווערן פון אונדז אַוועקגריסן? אאַז"וו. די דאָזיקע ווערטער, וואָס זענען מיט אַ גיוואַלטיקער התלהבות גיוואָרפן גיוואָרן אין די פאַרזאַמלטע אַריין האָט גימאַכט אַ קאָלאָסאַלן רושם אויף אַלע אַנוועזנדיקע.

ש. ג."

„יוגענד בלעטער" נר... תר"ץ גיפונט זיך אַ מאמר פון ח' שלמה גינאַריר אונטערן טיטול „צו אונדזערע חשובע רבנים שליט"א, פון וועלכן אַ ך גיב דעם אינהאַלט:

„אַלס איינער, וואָס זיצט אויך צופוסנס און טרונקט מיט דורשט אייערע ווערטער, דערלויב איך מיר אייך צו פרעגן מיטן גרעסטן יראת הכבוד: פאַר־וואָס שטייט איר אַלע אונדז נישט ביי אין אונדזער שווערן, הייליקן מלחמת הקיום פון אונדזער דת? פאַרוואָס זאָלט איר אייך אַלע נישט גיפינין אין אונדזערע רייען, דעמלט, ווען די חפשים פאַלן אויף אונדז אָן, ווי די ווילדע חיות? פאַרוואָס העלפט איר אונדז נישט, איר גבורי הרוח, וואָס דער לא תגורו מפני איש, איז אַ פייערדיקער גיבאָט פאַר אייך?"

„טאָגבלאַט" נר... תרצ"ב.

„שלמה גינאַריר — פעסל הינדעל

ברודניק — בת הרה"ג המפורסם אבד"ק זאַסווין שליט"א

מאורשים"

„טאָגבלאַט" נר... תרצ"ג.

„זאַסווין. אַ דאַנק דער אימדערמידלעכער אַרבעט פון דער אַגודה-פראַקציע אין דער היגער קהלה איז אויפן אָרט פונים נישט לאַנג נפטר גיוואָרינים רב הרה"ג ר' י. ל. ר. ז"ל, גיוויילט גיוואָרן דער איידים פונים רב ז"ל הרה"ג ר' שלמה גינאַריר שליט"א. די וואַל פון הרה"ג שליט"א איז אויפגינומען גי־וואָרן דורך דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג בכלל און דורך די אַגודה־חברים בפרט מיט גרויס ענטוזיאַזם, ווייל הרה"ג שליט"א איז באַקאַנט אַלס ענערגישער אַגודה-עסקן אאַז"וו.

צבי בן-דוד."

אין דעם זעלבן נומער „טאָגבלאַט" גיפונין מיר פאָלגענדע גראַטולאַציע:

„סל מלא ברכות לח' הנכבד יו"ר הסתדרותנו ס ורא וסיפא, עסקן צבורי ונואם מצוין כש"ת הרה"ג ר' שלמה גינאַריר שליט"א לרגלי עלותו על כסא הרבנות בעיר זאַסווין. יזכה לנהל עדה מרעיתו על במתי התורה והיראה ויוסיף להמשיך עבודתו הפורי' לטובת רעיוננו הק'.

צעירי אגודת ישראל ברודניק".

אומזיסט האָב איך זיך גיזוכט אין די ווייטערדיקע יאָר-גענג פון דער אָרט. פרעסע, כדי צו גיפונין אַ ידיעה וועגן דער אַגודה-טעטיקייט פון הר' גינאַריר שליט"א. גישטאָ גאָרנישט! ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז אין שטעטל זאַסווין גיפונט זיך אַ טעטיקע אַגודה-גרופּע מיט אַ רירעוודיקן קאָרעספּאָנדענט, וועל־כער איז מודיע אין דער אָרטאָדאָקסישער פרעסע איבער יעדן קלענצטן אַ יפּטו.

נ. ב. איך וויל נאָך פאַרצייכינין אַ נאָטיץ, וואָס איך האָב צופעליק גיפונין אין „היינט" נר... פון תרצ"ד:

„זאַסווין. שוין פון לאַנג האָט מען אין די היגע ציוניסטישע קרייזן גיפילט די נויטווענדיקייט צו קאָנצענטרירן אַלע ציוניסטישע אינסטיטוציעס, ווי: תרבות-שול, ספּאָרט-קלוב וכדומה, וועלכע האָבן זיך גיפונין אין פרעמדע און אַנטשפּרעכנדיקע לאָקאַלן. לײדער האָבן אָבער גיפעלט די מעגלעכקייטן די דאָזיקע קאָנצענטראַציע דורכצופירן. אַ דאַנק אָבער דער מיטהילף פון

אונדזער ח' בן עיר אין ניו-יאָרק ה' דושעטס ב. איז גילונגין אויפצושטעלן אַ פּראַקטישן בית-עם. זונטיק איז פאָרגיקומען די פייערלעכע חנוכת הבית. די פייערונג דערעפנט דער פּרעזעס פונים וועד המקומי, וועלכער באַגריסט די פאָרטרעטער פון דער מאַכט און אַלע אַנוועזנדיקע. דערנאָך באַגריסט אין פּויליש און אין העברעאיש הר' גינאַריר, וועלכער שטרייכט אונטער, אַז דער בית-עם דאַרף זיין אַ צענטרום, וואו ס'זאָל קומען צו אַ סינטעזע צווישן קער־פּער און גייסט. אאַז"וו.

בן-עיר".

שרה הילזנראַט קאַלאַמיי—תל-אביב

אַ שבת אין תל־אביבער בנות־קבוץ

פרייטיק נאָכמיטיק, ווען די ארץ ישראל זון שיינט נאָך מיט איר פולן גלאַנץ און פּראַכט ווען דאָס וואָכידיקע לעבן אין תל אביב רוישט נאָגץ שטאַרק, גרייטן זיך שוין אונדזערע קבוץ-חברות צו עמפּפאַנגען דעם גאַסט, די מלכה שבת.

אויף די לאַנגע טישן פון עס-זאַל, וועלכע זענען סערווירט מיט שיינע ווייס-גיבלומטע טיש־טיכער, שטייען זעלנעריש אויסגישטעלט מערערע האַלץ-אויסגישניצטע „בצלאל"-לייכטערס מיט קו־פּערנע שפּאָרערס, אין וועלכע מע צינט גרויסע חלבנע ליכט, אויף די ווענט העגנט מען אויף פאַרשידינע ספּעציעלע שבת לאָזונגען, ווי „זכור את יום השבת לקדשו", „השבת נשמת האומה" און נאָך אַנדערע לאָזונגען, וועלכע דערמאָנען די הייליקייט און חיכטיקייט פון דעם יידישן שבת.

אַ האַלבע שעה פאַרן זמן קומען זיך די חברות צונויף אין דעם גרויסן זאַל, אַלע אָנגי־טון אין בגדי שבת, און ווען דער קהלה-משמש בלאָזט דריי מאָל אויף דעם טראָמפּייטער, און זאָגט אָן די בשורה אַז דער הייליקער שבת קומט, צינט אַ חברה אָן די שבת-ליכט, און באַלד דערנאָך הייבט מען אָן צו דאַווענין מנחה, הודו לה' — מארצות קבצם ממזרח וממערב — יורדי הים באניות — און עס קומט אויפן גי־דאַנק דאָס אין די פסוקים שפּיגלט זיך אָן דער גאַנצער מהות פון בנות-קבוץ אין תל-אביב, דער קבוץ, וועלכער האָט אין זיך איינגיגלידערט חב־רות פון פאַרשידינע מזרח- און מערב-אייראָפּע־אישע לענדער, איז באמת גלייך צו אַ שיף, אַזוי ווי אַ פעסטע, שטאַרק גיבויטע שיף שרעקט זיך נישט פאַר די ברויזענדע ים-כוואַליעס, נאָר גייט מיט זיכערע טריט אויף איר אָנגיצייכנטן וועג אַזוי אויך דער קבוץ פון בנות אגודת ישראל, וועלכער גיפינט זיך אין דעם פרייען תל-אביב, שרעקט זיך נישט פאַר די ברויזענדיקע אַפּיקור־סישע כוואַליעס, וועלכע ווילן אים פאַרפלייצן, נאָר גייט מיט זיכערע טריט פאָראויס אויף דעם אָנגיצייכנטן אגודיסטישן וועג, דער וועג פון דער הייליקער תורה.

עס איז באמת זייער שווער צו שילדערן אויפן פּאַפּיר דעם גרויסן נסיון פון די חברות, דען אין דער צייט וואָס מיידליך פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס נוצן אויס דעם שבתדיקן טאָג אײנגאַנצן פאַר זיך, כולו לכם, איז ביי אונדזערע חברות פּונקט דער היפּך, און דער שבת'דיקער טאָג ווערט אײנגאַנצן אויסגינוצט פאַרן גייסט, פאַר דער נשמה, כולו לה', מיט דאַווענין, שי־חות, רעפעראַטן און מוסר שמועסן קומט מען אָן דעם גאַנצן שבת, און מע איז נאָך מוסיף מחול על הקודש, און דאָס איז זייער אַ גרויסער נסיון פאַר די קבוץ-חברות וועלכע אַרביטן פּי־זישע אַרביט אין די גאַנצע זעקס טעג פון דער וואָך און דעם איינציקן שבת נוצן זיי אויס אויף רוחניות, אויף השתלמות הנפש, און נישט אַזוי ווי אַנדערע וועלכע זענען מקיים דעם שבת בלויז מיט עסן פלייש און פיש, אַזוי ווי ר' חיים טשערנאָוויצער ז"ל טייטשט: „בתענוג אכול ושתו כל עדת ישראל יעשו אותו", מיט דעם תענוג פון עסן און טרינקן איז יעדער מקיים דעם שבת, און זיי פאַרגעסן אַז דער פּשט פון „כל המענג את השבת נותנים לו נחלה בלי מצרים", מיינט מען נישט אַז מע איז זיך מענג, נאָר מען דאַרף דעם שבת מענג זיין, און דעם שבת איז מען נישט מענג, נאָר מיט גייסט מיט העכערע ענינ'ים. און אַזוי טוען טאַקע אונדזערע חברות.

נאָך קבלת שבת זעצן זיך די חברות אויס אַרום די סערווירטע טישן, יעדער אויף זיין פּלאַץ, מע מאַכט קידוש איבער אַ גוט ביסעל כרמל-וויין, מע וואַשט זיך צום עסן און אייניקע חברות דערלאַנגען צום טיש היימישע שבת'דיקע מאכלים, פאַרן בענטשן קומט פאַר אַ שיחה פון דער סדרה פון די וואָך, וואָס די חברות ווייזן דערביי אַרויס גרויס בקיאות, מע בענטשט און מע גרייט זיך צו דעם רעפעראַט וואָס דאַרף פאָרקומען 9 אַ זייגער.

זייט אַ לענגערע צייט קומט פאַר אין קבוץ אַ ציקל רעפעראַטן איבער אגודיזם און ארץ ישראל, די רעפעראַטן ווערן גיהאַלטן אַ יעדען פרייטיק צו נאַכטס דורך די קבוץ-חברות, און רופן אַרויס גרויס אינטערעס.

שבת ביי טאָג איז דער סדר פון דאַווענין און עסן אַזוי ווי ביי נאַכטס, נאָר בלויז דער נוסח איז אַן'אַנדערער. איינס אַ זייגער ווערט גילערנט דורך אַ חברה חומש מיט רש"י, און אַ זייגער דריי לערנט הרב ליפּאָוויץ „חובת הלב־בות" און עס קומען פאַר פאַרשידינע מוסר-שמו־עסן, וואָס אַלע חברות פון בנות און קבוץ מוזן דערביי זיין.

שבת פאַרנאַכט ווען עס איז רעוא דרעוא ווערט גיפּראַוועט די סעודה פון שלש סעודות, און עס קומט ווידער אויפן גידאַנק העכערע ענ־ינים, ווען די נשמה יתרה וואָס גייט אַוועק, ווען גורל פון די רשעים די „כלבין דחציפין", וואָס גייען צוריק אין גיהנם אַריין בכדי צו באַ־קומען אַ תקון פאַר זייערע זינדיקע מעשים און ווען די צדיקים וואָס זיצן אין גן עדן און זע־נין נהנה מזיו השכינה, מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת, די גידאַנקן גייען וואָס אַמאָל הע־כער ביז אַ שטיק נאַכן זמן ווען איז דרויסן זשומעט שוין פון לאַנג דער וואָכידיקער הו—האַ.

אַזוי ווערט גיפייערט דער שבת קודש אין תל-אביב'ער בנות קבוץ.

[illegible] אין [illegible] זיך [illegible] לקבר

[illegible] אלקן אונדז [illegible]

[illegible]

[illegible]

דער קאַמף אַרום דע־האַן

[illegible]

[illegible] אין [illegible] די [illegible] פון [illegible] דע-האַן [illegible] און [illegible] באַרעקטיקן.

[illegible] האָבן [illegible]

— [illegible]

[illegible] דע-האַן.

[illegible] אין [illegible] זיך [illegible] אין בית-מדרש אין [illegible] צו ליינען [illegible] אין [illegible] צו האָס

[illegible]

— [illegible] אַ חברה [illegible]

[illegible] נ[illegible]

[illegible] די גמרא אין איין אַרויס. מיר זענען אַלע [illegible] צו דער [illegible]. די איינ־[illegible] מיר האָבן [illegible] דעם [illegible]

[illegible] האָט צו אויפגי־[illegible]

[illegible] גאַלאַפּ איבערן באַרג.

— [illegible] איז גיוועזן זיין שטענדיק באַגלייט-וואָרט, [illegible] יענער „הברה").

[illegible] זיך באַהאַלטן, אָבער מיר האָבן אים אויפ־גיזוכט.

— [illegible] יצחק דעב-הויכן מלמדס איסגישטאַכן די אויגן [illegible] — איר ציוניסטן, זענט פושעים, איר ווילט אַלץ פאַרכאַפּן! [illegible] אַ גרייסער מענטש... אַט נאַדיר לייען!

[illegible] ביז מאָרגן אין דער פרי. צו-מאָרגנס אין דער פרי [illegible] ביי אונדז גיוועזן אין בית-מדרש.

— [illegible] אייער דע-האַן — האָט ער אונדז גישטופּט [illegible] — ער האָט דאָך חתונה גיהאַט מיט אַ קריסטלעך ווייב...

[illegible] אויף דער פאַסט און ווייטער האָבן מיר אים [illegible] שוואַרץ אויף ווייס, אַז דאָס איז שקר וכזב [illegible] מלמדס זון האָט זיך גיהיצט, איז רויט גיוואָרן.

— ימח-שמם, די פושעים!..

[illegible] די ידיעה וועגן מאָרד פון דע-האַן.

[illegible] איבערן מאַרק און זיך אין גאַנצן גיטרייסלט.

— ימח שמם! רוצחים!

[illegible] דער ציוניסט. האָט זיך ערגיץ באַהאַלטן [illegible] האָט אים נישט גיקענט גיפונין.

א. [illegible]

צוזאַמינגיקליבינע נאָטיצן

„יודי" נר... פון יאָר תרפ"ג.

„ברודניק. די חנוכה-טעג זענען ביי אונדז אין שטעטל פּראַקלאַמירט גיוואָרן [illegible] „קרן הישוב"-אַקציע. זונטיק, ג' חנוכה איז אין היגן [illegible] פאַרגיקומען אַן איבפּאַזאַנטע מאַסן-פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט די [illegible] פון שטעטל. די פאַרזאַמלונג עפנט דער יו"ר פון דער היגער אגודה ר' י. ר. וועלכער באַגריסט אַלע אַנוועזנדיקע און ערטיילט דאָס וואָרט דעם יונגן טאַלאַנטפולן רעדנער ח' שלמה גינאַריר, [illegible] פון צא"י, וועלכער האָלט אַן אַנדערטהאַלבן-שעהדיקן רעפעראַט. דער רעפעראַט איז גיווען אַדורכגיפלאָכטן מיט מאמרי חז"ל און איז גיהאַלטן גיוואָרן אין אַ [illegible] פאָרים, האָט איבערגילאָזט אַ שטאַרקן רושם אין אַלע קרייזן פון דער היגער יידישער באַפעלקערונג אאַז"וו.

ש. ג."

„יודי" נר... יאָר תרפ"ה.

„ברודניק. ביי דער אָנטיילנאַמע פון אַלע חברים און געסט איז דאָ פאָרגיקו־[illegible] די יערלעכע גענעראַל-פאַרזאַמלונג פון „צעירי אגודת ישראל". אַלס יו"ר [illegible] איז איינשטימיק איבערגיוויילט גיוואָרן דער טאַלאַנטפולער רעדנער און עסקן ח' שלמה גינאַריר. אאַז"וו.

ש. ג."

[illegible]

אין „יודי" נר... פון יאָר תרפ"ו, גיפינט זיך אונטער דער רובריק „פון אָרט. לענדער" פאָלגענדער באַריכט:

„ברודניק. חוה"מ סוכות איז אין אונדזער שטעטל פאָרגיקומען די גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון „צעירי אמוני ישראל". ס'איז גיוויילט גיוואָרן אַ וועד פון [illegible] חברים מיט ח' [illegible] ח. אַלס יו"ר און ח' שלמה גינאַריר אַלס מזכיר. דער וועד איז ענערגיש צוגיטרעטן צו דער אַרבעט.

שלמה גינאַריר."

צו דער דריטער כנסי' הגדולה

חיים ישראל אייז

איר קענט אַסך העלפן!

ווען מיר גיבן אַ בליק צוריק אויף אונדזערע פריערדיקע צוויי כנסיות, קענין מיר זעען, דאָס בשעת די ערשטע כנסי' איז גיווען אַן־עפנטלעכער קידוש שם שמים ברבים, די דאקומענטירונג פונים יידישן פאלק פאר ג—טס פאלק, די אָנמעלדונג אויף ביי דער נישט-יידישער עפנטלעכקייט, אַז דאָס יידישע תורה-פאלק לעבט און וויל נישט אָנערקענען די לינקע אַפיטרופסים, אַ דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט באַוויזן די זעלבסטשטענדיקייט און אייגנאַרטיקייט פונים תורה-פאלק — איז שוין דערנאָך די צווייטע כנסי' גיווען מער אַן־ארגאַניזאַטארישע פאר דעם אינערלעכן אויסבוי. וואָס מיר זעען אויך דאָס זייט דער צווייטער כנסי' האָבן זיך ב"ה זייער שיין אַנטוויקלט די ארגאַניזאַציעס פון די פרחי אגודת ישראל ביז די זקנים שבדור, אַזוי, אַז מיר קענין איצט ב"ה זאָגן, אַז אונדזער ארגאַניזאַציע-מאַשין איז שוין אין ארדינונג. ווען עס איז אַפילו נאָך פאַראַן עטלעכע אינסטרוקציע-פעלערן — אבער פאַרט פונקציאָנירט אַן־ארגאַניזאַציע-אַפאַראַט.

ליידער אבער מוז מען פעסטשטעלן, אַז עס פעלט פון דעסט וועגן נאָך איין שרייפל אין דער גרויסער ארגאַניזאַציע-מאַשין, וואָס פאַרלאַנגזאַמט אַ ביסל דעם גאַנג. דאָס די מאַשין קען נישט האָבן די נייטיקע שטויס-קראַפט אין דעם נייטיקן שוואונג.

ווען מיר זעען אין אונדזער ארגאַניזאַציע ב"ה צעירים און זקנים, אַרבעט-געבער און אַרבעט-נעמער און אַפילו ווען מיר זעען, ווי ווייט אונדזער „בנות"-ארגאַניזאַציע האָט זיך אַנטוויקלט און ווען עס פרייט אונדז צו זעען, אַז זייער אַ גרויסער טייל פון אונדזערע טעכטער האָבן אונדז פאַרשטאַנען און העלפן מיט אויפצובויען אונדזער „בית ישראל", וואָס זאָל זיין „ברכו את השם", מוזן מיר אבער מיט באַדויערן פעסטשטעלן, אַז אַזוי ווי די „בנות" ווערן אויס „בנות", ווייל זיי ווערן אַליין פרויען און דאַן פאַרלירן זיי כמעט יעדע פאַרבינדונג מיט דער אָרגאַניזאַציע און האָבן נישט קיין שום טעטיקייטס-גיביט.

ווען מע האָט אַן־ארגאַניזאַציע אָן אַ טעטיקייט פאַלט די ארגאַניזאַציע. און ווען מע האָט אַ טעטיקייטס-גיביט אָן אַן־ארגאַניזאַציע — קען מען ווידער גאָרנישט טון.

אַז מיר קענין אונדזער ארגאַניזאַציע אויסבויען פון די פרחי אגודה ביז די זקנים, פאַרוואָס זאָל אונדזערע טעכטער גישטעלט ווערן די גרעניץ, אַז ביז דער חתונה גיהערן זיי דער „בנות"-ארגאַניזאַציע, אבער דערנאָך מאַכן זיי שלוס. זיי האָבן נישט קיין ארגאַניזאַציע און קיין טעטיקייט, אַזוי ווי איך האָב פריער גיזאָגט, אַז ס'איז הא בהא תליא, אָן טעטיקייט איז נישט מעגלעך אַן־ארגאַניזאַציע און אָן ארגאַניזאַציע איז נישט מעגלעך קיין טעטיקייט.

איך וואָלט מיר דערלויבט פאָרצושלאָגן, אַז גראָד איז דאָ אַ זייער וויכטיק טעטיקייטס-גיביט פאַר די פרויען, אַ גיביט, וואָס שוין אונדזערע חכמים האָבן זיי דאָס צוגיטיילט אין דעם קורצן אויסדרוק „לא די' שמגדלת את בנינו לתורה", פון וואָס ס'איז צו זעען, אַז די פרויען האָבן אַלס ערשטע אויפגאַבע מגדל צו זיין אונדזערע קינדער לתורה. וואָס באמת ווייסן מיר, אַז טאַקי דעמלט, בימי חכמי הש"ס, האָבן זייער זעלטן די פרויען גיקענט און פאַרשטאַנען, ווי די קינדער צו דערציען לתורה. אבער באמת מיינט מען נישט, אַז זיי האָבן גילערנט מיט די קינדער תורה, נאָר זיי האָבן די קינדער גיגעבן די מעגלעכקייט צו לערנען תורה.

אויך ביי דער אגודת ישראל זאָל די אַרבעט פאַר „קרן התורה" איבערגיגעבן ווערן אין די הענט פון אַ פרויען-ארגאַניזאַציע „נשי אגודת ישראל", אַזוי, אַז אונדזערע טעכטער, וואָס הערן אויף צו זיין מיטגלידער פון דער „בנית", זאָלן אויטאָמאַטיש אַריבערגיין צו דער פרויען-ארגאַניזאַציע, וואָס זייער טעטיקייט זאָל זיין, אין דער ערשטער ריי, צו געבן די מעגלעכקייט די ישיבות און אויך אַנדערע מוסדות, וואָס זענען פאַראַן און וואָס זאָלן באַשאַפן ווערן פאַר לימוד התורה.

אַזוי ווי עס איז פאַרגיזעען, אַז אי"ה אין מאַרינבאַד זאָל אויך זיין אַ ספעציעלער קאָנגרעס פון „בנית" און „נשי אגודת ישראל", פראָפאָניר איך, אַז די פרויען, וואָס האָבן פאַרשטענדיניש פאַר זייערע יידישע אויפגאַבן און די גיוועזענע „בנות" זאָלן אָנהייבן אַן־ענערגישע ארגאַניזאַציע-אַרבעט צו ארגאַניזירן פרויען-גרופּעס און צו שיקן אַ גרויסע צאָל פאַרטרעטערנס צום אַגודיסטישן פרויען-קאָנגרעס קיין מאַריענבאַד.

איך בין איבערצייגט, אַז ווען די פרויען זאָלן איבערנעמען די „קרן התורה-אַרבעט" וועלן זיי קענין דערהאַלטן אונדזערע תורה-אינסטיטוציעס און דערמיט אונדזער גאַנץ פאלק.

לאָמיר זעען, ווי די ארץ-ישראל-אַרבעט פונים ישוב הישן האָט באמת נאָר גיהאָט צו פאַרדאַנקען די פרומע יידישע פרויען. מיט זייערע פרוטות יעדן פרייטיק האָבן זיי, נישט נאָר דערהאַלטן טויזנטער יידן ביים לעבן, גאָר אויך אויפגיבויט גאַנצע שכונות און אינסטיטוציעס אין ארץ-ישראל. פאַרוואָס שטייען איצט די פרויען פון דער ווייטנס, ווען עס האַנדלט זיך וועגן דעם קיום פונים גאַנצן יידישן פאלק אין ארץ-ישראל, ווי אין גולה. אָן אַ תורה-פאלק איז בכלל נישטאָ קיין יידיש פאלק!

איך שטעל דעם דאָזיקן פאָרשלאָג צו דיסקוסיע און עס וועט מיך פרייען צו הערן די מיינונגען פון אַלע, וואָס האָבן אינטערעס אין דעם אויפבוי פון תורה-יידנטום און פון ג—טס פאלק.

מאיר שענגאַלעווסקי ניו-יארק

אַ וואָרט וועגן אַמעריקע

אויף צוויי וויכטיקע שאלות פאָדערט זיך אַן־ענטפער. א) וואָס דערוואַרטן מיר פון דער דריטער כנסי' גדולה. ב) וואָס זאָלן מיר טון כדי צו דערהייבן די פאָזיציעס פון אגודת-ישראל אין גאָר דער וועלט.

פון דער כנסי' גדולה דערוואַרטן מיר קודם ווידער אַ באַנייטע דעמאָנסטראַציע פאַר דער הערשאַפט פון השם אין דער וועלט. אַ כינוס פון רבנישע אויטאָריטעטן, רוחניותדיקע פערזענלעכקייטן, עסקנים און פינאַנץ-מענטשן קענען ברענגען אַ סך פראַקטישעס. די חינוך-פראַגע, ארץ-ישראל, פאָליטישע ליניע או"וו. דאָס אַ"ך זענען וויכטיקע ענינים.

ווי גרויס, אין דער צאָל מיר זאָלן נישט זיין האָבן מיר דעם מאָראַלישן כוח אין דער יידישער וועלט אויפצוצווינגען זי זאָל אונדז הערן, זי זאָל מוזן אויפנעמען דאָס שטאַרקע וואָרט פון דער תורה-גיטרייער יידישער מחנה. אונדזער רעיון האָט היינטצוטאָג אַן־אָרט און מוז אַריינגיפירט ווערן אין גאַנצן יידישן לעבן.

יעצט אַ וואָרט וועגן אַמעריקאַ. נישט דערפאַר ווייל די דאָזיקע שורות ווערן אין דעם דאָזיקן לאַנד גישריבן, נאָר ריין אָביעקטיוו מוז שוין גיזאָגט ווערן. די דריטע כנסי' גדולה מוז באַשליסן, אַז ס'זאָל אונטערגינומען ווערן אַ ריזיקע אַקציע די מיליאָנען יידן מבחוץ איירָאפּאַ מקרב צו זיין צו דער תורה, ליידער האָט די אגודה אין די דאָזיקע לענדער נאָך גאָרנישט גיטון. מיר גידענקין בלויז אין איראָפּאַ און אין אַלע איבעריקע וועלט-טיילן כמעט גאָרנישט.

אמת, די אגודה האָט בשעתו גישיקט שלוחים קיין אַמעריקאַ. פון צייט צו צייט זענען אַ סך אגודיסטן אויך גיקומען אַהער. די לעצטע, ווי די ערשטע, זענען אבער נישט גיקומען מיטן גידאַנק די אגודיסטישע אידיי צו פאַרפלאַנצן, נאָר געלט צו זאַמלען, אמת פאַר וויכטיקע צוועקן.

צוויי מיליאָנען, אין ניו־יארק אַליין לעבן כמעט אָן תורה און אָן יידישקייט, אַ פשיטא, אַז זיי האָבן נישט קיין שייכות מיט דער ארגאַניזירטער ארטאָדאָקסיע.

אגודת-ישראל קען נישט לאָזן אויפן הפקר די טויזנטער, טויזנטער יידישע נשמות, דערפאַר, ווייל זיי שטייען ווייט פונים צענטער.

אַמעריקאַ קען פאַר דער אגודה גיראַטעוועט ווערן, ווען ס'זאָל קומען אַ מענטש, אַ גרויסער מענטש, מיט אַלע מעלות און ווען מע זאָל אים געבן געלט, זאָל ער דאָס געלט וואַרפן צו די פיס און זאָגן: איך וויל נישט אייער געלט, איך וויל אייך געבן אַ נשמה, אַן־אידיי און אַ אמתדיק יידיש לעבן!

עס פעלט די אַמעריקאַנער יידן אַ פירער, אַ וועגווייזער און דערמיט וועט שוין אויך פינאַנציעל אַ סך גיווינען די תורה און דאָס יידישקייט.

זאָל די כנסי' גדולה אין דעם פרט עפּיס אויפטון, וועט שוין זיין כדאי גיוועזן דער דאָזיקער היסטאָרישער כינוס.

הרב דוד צבי זילבערשטיין תל-אָביב
(מזכיר „מרכז חינוך התורה בארץ ישראל")

וואָס ס'קען אונדז ראַטעווען

„כנסי' הגדולה" איז לויטן באַגריף פון יעדן ערנצטדענקנדיקן ייד די קאָנסוליע, וואָס ווערט גירופן צו באַראַטן זיך איבערן שווער-קראַנקן ישראל, וואָס זשיפּיט קוים. מיט דער גאַנצער אחריות און ערנצט, ווי דאָס דאָקטוירים-קאָלעגיום ביי אַ חולה מסוכן ר"ל — דאַרף די „כנסי' גדולה" זוכן און גיפונען די תרופה צום „שבר בת עמי". צו אונדזער טרייסטלאָזן אומגליקלעכן מצב.

און פונקט, ווי עס איז די אויפגאַבע פון רופא קודם-כל פעסטצושטעלן די דיאַגנאָזע פון דער מחלה און אירע הויפּט-סיבות, דאַרף איך דאָ גיזוכט ווערן די הויפּט-סיבה און גורם צו אונדזער קלאָגנדיקער לאַגע און וואָסערע מיטלען ס'דאַרפן שוין אָנגיווענדעט ווערן צו ראַטעווען כל-זמן עס איז נאָך נישט אין גאַנצן פאַרשפּעטיקט.

און אויב מיר וועלן קוקן מיט קלאָרקייט און גיניטער אָבסערוואַציע, זעען מיר, אַז אַלערליי נישט-גוטע דערשיינונגען אין יידישן לעבן: חילול-שבת, הפקירות אין כשרות אאַז"וו, איז נאָר דער פועל-יוצא פון אונדזער שוואַכקייט אין עניני חינוך. דאָ ליגט דער גיפטיקער וואָרצל, וואָס פון אים קומען אַלע ווילדע גיוויקסן.

פיל צענער טויזנטער קינדער בלי ע"ה ווערן דערצויגן דורך מינים. כופרים און פוקרים, וואָס האָבן זיך פאַרלייגט לעקר ולשרש צו זיין חס ושלום יעדן שפור פון יידישקייט. טאַ וואָס וועט פועלן אונדזער שמירת-שבת, אדער כשרות-אַרבעט? פון דער פריסטער יוגנט פלאַנצט מען איין די יידישע קינדער שנאה און שפאָט צו אַלים הייליקן און דערנאָך קומען מיר און פאָדערן פון דעם סיסטעמאַטיש-דערצויגענעם כופר ומופקר צו היטן שבת אדער עסן כשר.

אַלע אומגליקן, אַלערליי ביטערע גישעענישן צום פאלק ישראל זענען גיקומען, ווייל מיר האָבן נישט גינוג גיטון פאַר חינוך הבנים והבנות. וויפל עס איז גיטון גיוואָרן, איז עס דאָך גאָרנישט לגבי דער גרויסער ענערגיע, וואָס אַלערליי כופרים טוען אויסנוצן פאַר דערציאונג. זיי פאַרשטייען דווקא יאָ זייער גוט, אַז אין דעם חינוך-אַנשטאַלט שאַפט זיך דער צוקונפטיקער דור און ווענדן דעריבער אָן זייער גאַנצער אויפמערקזאַמקייט און כוח פאַר דער שול, און מיר, וואָס רעדן אַזוי פיל וועגן תורה ומצוות גידענקען כמעט נישט די גרויסע הייליקע פליכט פאַר אונדזערע קינדער.

די כנסי' גדולה, וואָס קומט זיך יעצט צו זאַמען האָט אַ גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבע. זי ווערט גירופן אין אַ זייער ערנצטער שעה. נייינציק פראָצענט פון איר סדר-היום דאַרף פאַרנעמען חינוך אין ארץ-ישראל און אין חוץ-לארץ.

און אגב, ווער עס אָבסערווירט און קען די פאַרהעלטנישן צווישן אַלערליי אפיקורסים, ווייסט ווי גרויס עס איז דאָרט ביי זיי די בהלה, יאוש און פאַרצווייפלונג. פון צייט צו צייט מערקט מען עס ספעציעל אין דער ארץ־ישראל-פרעסע. אַפילו באַוואוסטע מסיתים ומדיחים רעדן מיט גאַל וועגן באַנקראָט פון זייערע שיטות און חינוך. גינוג צו דערמאָנען קלויזנער, משה סמילאַנסקי וכדומה. זיי רעדן מיט פאַרביטערונג וועגן פאַטאַלן מצב פון דעם אַפיקורסישן חינוך מיט זיינע פאָלגן. און זיי זאָגן שוין אָפן, אַז דער אַמאָליקער חדר מיט זיין פרומען רבי האָט אַ סך מער גיגעבן דעם יידישן פאלק.

אין אַזאַ מאָמענט, רבותי, דאַרפן מיר שטיין אויף דער הויך פון אונדזער הייליקער אויפגאַבע און זאָרגן נישט בלויז פאַר אונדזערע קינדער, נאָר אויך פאַר די אובדים ונדחים, וואָס קענען דורך אונדזער אַקטיוויטעט גיראַטעוועט ווערן פון שאול תחתית.

דורכן משכיליש-אַפיקורסישן חינוך זענען מיר גיפאַלן אין תהום און דורכן אמתן תורה-חינוך וועלן מיר עולה זיין.

פ. לאַנדענבערג

קאָנסטרוקטיווע מעשים!

הגם מיר האַלטן שטענדיק, אַז פון גרויסע כנסיות און צוזאַמענפאָרן קענען קיין קאָנקרעטע, פראַקטישע ענינים נישט גיבוירן ווערן, ווייל אַזעלכע באַראַטונגען טראָגן מער אַ דעמאָנסטראַטיוון כאַראַקטער, ווי אַ קאָנסטרוקטיוון — דאָך אבער טוט אַ כנסי' אַזוי פיל אויף, אַז אַ לאָזונג, וואָס ווערט פראָקלאַמירט אויף אַזאַ צוזאַמענפאָר, אדער אַ באַשלוס, וואָס ווערט דאָרט אָנגינומען, בלייבט טיף איינגיקריצט אין די מוחות און הערצער פון די אָנטייל נעמער, אַזוי, אַז ס'קומט שוין שפעטער לייכטער אָן דאָס דאָזיקע צו פאַרווירקלעכן.

איינס פון די וויכטיקסטע פראָבלעמען, מיט וועלכן די קומענדיקע כנסי' דאַרף זיך אַמשטאַרקסטן באַשעפטיקן איז די אַלט-נייע פראַגע פון פראָדוקטיוויזירן די אינטערוואַקסנדיקע ארטאָדאָקסישע יוגנט.

וועגן נחיצות פון דאָזיקן פראָבלעם איז איבעריק צו רעדן. ס'איז שוין אַזוי פיל גישריבן און גירעט גיוואָרן מכוח דעם דאָזיקן ענין, אַז אַלץ, וואָס ס'איז נאָר דאָ דערוועגן צו זאָגן איז שוין גיזאָגט גיוואָרן. ליידער אבער איז נאָר בלויז גערעט גיוואָרן. גיטון גיוואָרן דאָגעג — איז נאָך לגמרי גאָרנישט.

מיר, פועלי אגודת ישראל, אַלאַרמירן כסדר, וועקן און מאָנען דער אגודיסטישער עפנטלעכקייט פאַרן דאָזיקן פראָבלעם. ליידער טרעפן מיר אבער אָן אויף אַ גאַנץ קנאַפע פאַרשטענדיניש פאַר דער דאָזיקער פראַגע, און אָהן דער מיטהילף פון דער גאַנצער ארטאָדאָקסישער גיזעלשאַפט קענין מיר, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אויף דעם גיביט גאָרנישט אויפטון.

נאָך אַזוי פיל רעדן אַרום דעם דאָזיקן ענין איז נאָך היינט צו טאָג נישט פאַראַן אין פוילן קיין איין אינסטיטוציע, קיין איין פאַך-שול, וואָס זאָל זיך באַשעפטיקן מיט פראָדוקטיוויזירן די ארטאָדאָקסישע יוגנט, ווייל אַן־ארטאָדאָקסישער פאָטער אויסלערנען זיין זון אַ מלאכה, וועלכעס איז ביי די היינטיקע באַדינגונגען אַ לעבנס-פראַגע מוז ער זיך מיט אים גיזעגענען אַלס ייד.

דאָס איז כמעט די איינציקע סיבה פונים שרעקלעכן אָפפאַל-פראָצעס, וועלכער קומט פאָר צווישן דער יוגנט.

ס'איז ווייט נישט שווער דאָס דאָזיקע פראָבלעם צו לעזן. פועלי אגודת ישראל וויל נעמען איניציאַטיוו צו גרינדן אין יעדער שטאָט און שטעטל אַזעלכע פאַך-שולן מיט רעגירונגס-רעכט, וועלכע זאָל געבן דעם יוגנטלעכן צוגלייך מיט דער פאַך-אויסבילדונג אויך יידישע דערציאונג. זי קען דאָס אבער נישט טון אָן דער מיטהילף און שטיצע פון דער גאַנצער ארט. געזעלשאַפט.

די כנסי' גדולה דאַרף דעריבער מיט כובד ראש באַשעפטיקן זיך מיט דער פראַגע און אויסאיבן איר גאַנצע השפעה און דרוק, אַז אַזעלכע פאַך-שולן זאָלן גישאַפן ווערן.

דאָס איז איינס.

אַ צווייט פראָבלעם, וועלכעס מיר האַלטן פאַר נישט ווייניקער וויכטיק איז דאָס עמיגראַציע-פראָבלעם. אַז דאָס דאָזיקע פראָבלעם איז היינט פאַר די יידישע מאַסן איינס פון די אַקטועלסטע און וויכטיקסטע ענינים — איז אַ דבר ידוע.

ליידער האָט אגודת-ישראל גאָרנישט גיטון אויף דעם גיביט און עס עמיגרירן יידן אין אַ וואָסער ס'איז ווינקל — קומט אגודת ישראל אין אַ 20—30 יאָר שפעטער, נאָכדעם, ווי דער גייסטיקער באָדן איז שוין דאָרט באַאַרבעט דורך אַנדערע...

אגודת-ישראל האָט צומאָל נישט קיין קלאָרע שטעלונג צו דעם דאָזיקן גיביט. שטענדיק, ווען עס וועקט זיך אויף די פראַגע אין דער יידישער גיזעלשאַפט — הערט מען נישט קיין קלאָר וואָרט פון די אגודה-פירער. עפּיס, ווי זיי וואָלטן זיך נישט גיקענט קיין עצה געבן אינים דאָזיקן ענין.

מיר האַלטן דעריבער, אַז די כנסי' גדולה דאַרף ענדלעך לעזן דאָס דאָזיקע פראָבלעם, קודם פרינציפיעל... לויט מיין מיינונג דאַרף זי קלאָר און דייטלעך דערקלערן, אַז הגם מיר האַלטן, אַז אין דער צוקונפט וועט ארץ-ישראל דינין אַלס דער הויפט מקום מקלט פאַר יידן — שליסט עס אבער נישט אויס, אַז די פירער פון יידישן פאלק זאָלן ווי ווייט מעגלעך זוכן פאַרשידענע עמיגראַציע-ערטער פאַר דער יידישער באַפעלקערונג.

די אַלע, וועלכע לאָזן נישט ברענגען איבערן מויל דאָס וואָרט עמיגראַציע — אויסער ארץ-ישראל — באַגייען אַ זינד לגבי דער נויט און ליידן פון די יידישע מאַסן.

לעזן דאָס דאָזיקע פראָבלעם בלויז פרינציפיעל איז אבער ווייט נאָך ווייניק.

די כנסי' גדולה דאַרף אַרויפלייגן אַ חוב אויף אירע אויספירונגס-אָרגאַנען צו נעמען איניציאַטיוו אין זייערע הענט און עפּיס טוען ממשותדיקס אויפן דאָזיקן גיביט.

זאָל שוין די אגודה איין מאָל ענדלעך באַווייזן, אַז זי איז אויך איניציאַטיוו-פעאיק אַליין עפּיס צו שאַפן און נישט אָפקומען שטענדיק מיטן זאָגן יאָ, אדער ניין, אויף דעם, וואָס אַנדערע שאַפן.

צוואנציק יאר „בית־יעקב“

תרע״ז — תרצ״ז

„בית יעקב“ און „בנות“ פאַר נייע אויפגאַבן

פון **יעקב ראזנה״ם**

אונדזערע חכמים אין תּלמוד גיבן אונדז איבער אַ מאמר פון רבי, וועלכער האט גידרשנט אויפן פסוק „ויבן אלקים את הצלע לאשה“, אַז ג–ט האט גיגעבן דער פרוי מער „בינה“, מער פאַרשטאַנד, ווי דעם מאַן (נתן הקב״ה בינה יתירה לאשה יותר מבאיש). דערמיט ווערט דארט באַגרינדיט דער דין פון „נדרים“. אַז ביי אַ מיידל וואָס טוט אַ נדר, אויב זי איז אַלט עלף יאָר מוז מין חוקר ודורש זיין צי זי ווייסט וואָס עס הייסט „נדר“ און דעמלט איז דער נדר חל; ביי אַ יינגל איז דער זעלבער דין ערשט חל ביי צוועלף יאָר. בנוגע דעם, אַז דער נדר זאָל אַריין אין קראַפט, דאַרף אַ מיידל האבן גיענדיקט צוועלף יאָר און אַ יינגל – דרייצן יאָר.

ווען ס-גיפינין זיך פון דער צווייטער זייט אין תּלמוד מאמרים, וואָס זעען אויגנשיינלעך אויס צו האָבן נישט אַזאַ גוטע מיינונג, וועגן גייסטיקן לעבן פון דער פרוי, ווי למשל: „נשים דעתן קלות“ (פרויען זענין לייכט אין זייער ד ע ת) אדער „אין ח כ מ ה לאשה אלא בפלך“ (די גאַנצע חכמה פון דער פרוי באַשטייט ביים שפינראָד) *) אַזוי מוזן מיר זוכן אַ פּתרון, פון דער דאזיקער סתירה אַ פּתרון וואָס וועט זיכער ווי יעדער פאַרטיפונג אין גידאַנקין אוצר פון די חז״ל, באַרייכערן אונדזערע ידיעות.

אין דער אמתן דאַרף מין נאר אָפּגרעניצן פונאַנדער די דריי באַגריפן „חכמה“ בינה“ און „דעת“ און ס-וועט ווערן קלאָר אַז די אַלע דריי ציטירטע עובדות אַנטהאַלטן נישט קיין שום סתירה.

„חכמה“ איז דער טייטש. די העכסטע מאָס פון שכל, וואָס דרינגט אַריין אין א י נ י ו ו י י נ י ק ס ט ן מ ה ו ת פון דער וועלט, לויט ווי דער באַשעפער כביכול האט זי באַשאַפן בשעת בריאת העולם. און האט זי אַנטפּלעקט פאַר די מענטשנס השגה – אין זיין הייליקער תּורה. ג–ט האט אַריינגיקוקט אין דער תּורה און באַשאַפן די וועלט.

די דאזיקע חכמה אין איר א י י ג נ ט ל ע כ ן זין קען מער אדער ווייניקער זיין די נחלה נאר פון די מענער וואָס זענין עוסק אין דער תּורה:

ב י נ ה איז דער טייטש דער בליק וואָס איז גיוועגט בלויז אויף די א ו י ס ע ר ל ע כ ע ד ע ר ש י י נ ו נ ג ין פ ו ן ד ע ר װ ע ל ט, װ א ָ ס א ו נ ט ע ר ש ײ ד י ט און ק װ א ל י פ י צ י ר ט די איינצעלנע זאַכן און גישעענישן פון דערדאזיקער וועלט. בקיצור דאָס פ ר אַ ק ט י ש ע דענקין.

ד ע ת – אַנטשטייט דעמלט, ווען דאָס דאַזיקע דענקן קאָנצענטרירט זיך אין גאַנצן אין דער וועלט, ווען דאָס פנימיות פונים מענטש קומט אין אַן-ענגערן קשר מיט דער אַרומיקער וועלט און האט ש ט ע נ ד י ק אָ פּ ע ס ט ע ל י נ י ע, אַזוי, אַז דערפון קומט ארויס אַ „וועלט-השקפה“, וואָס ע נ ד ע ר ט ז י ך ק י י נ מ אָ ל נ י ש ט.

צוליב וועלכע סבות די חז״ל האבן פאַרבאָטן די טעכטער פון יידישן פאָלק דאס עוסק זיין אין תּורה שבעל-פה, (ס-הייסט „חכמה“) האָב איך שוין אויף אַן-אַנדער ארט גיפרוואוט צו באַווייזן.

נשים דעתן קלות, איז בלויז אַ פסיכאלאגישע פעסטשטעלונג. אַז די דורכשניטלעכע פרויען-נאַטור האט נישט יענע מאָס פון קאנסעקווענץ און האַרטנעקייט, „קשיות עורף“. וואָס ליגט צום גוטן ווי צום שלעכטן אין נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון יידישן פאָלק, אַלס ירושה פון אַלטע צייטן, דער מאַמר באַטייט אַ ת ב י ע ה צו דער יידישער פרוי, זי זאָל זיך אַליין דערציען מיט אַ שטאַרקער הכרה צו ע ר נ צ ק י י ט און כ אַ ר אַ ק ט ע ר - פ ע ס ט ק י י ט:

וואָס איז אבער דער טייטש פון „בינה יתירה“, פון דעם שטאַרקערן פאַרשטאַנד, וואָס ס-פאַרמאָגט די יידישע טאכטער, אדער די פרויען-וועלט בכלל?

אַוודאי איז דערמיט נישט גיזאָגט, אַז י ע ד י ס מיידל שטייט העכער אין שכל און פאַרשטאַנד ווי י ע ד ע ר מאַן, פונקט אזוי ווי מע קען נישט זאָגן אָז די אויבנגיבראַנגטע אַנטקעגנגיזעצטע מאמרים וועגן דער פרוי זענין פעסטשטעלונגין וואָס זענין גילטיק ב ה ח ל ט און א ו מ י ט ו ם:

זיכער אבער אַנטהאַלט דאָס דאזיקע כאַראַקטעריזירן די גייסטיקע אַנטוויקלונג פון דער פרוי אַלס „בינה יתירה“ אַ בולטן אָנווייז אויף ד ע ר לעבנס-ספערע, וואָס די ג–טלעכע תּורה האט באַשטימט פאַר דער פרוי – די פ ר אַ ק ט י ש ע.

אויב דער ווייבערישער אינטעלעקט איז מער מוכשר ווי דער מענערישער זיך פונאַנדערצוקלויבן אין די ענינים פון דער וועלט, תּופס צו זיין זייער חשיבות נישט אַן און פאַר זיך, נאר פאַר די מ ע נ ט ש ן און אַריינצודרינגין אין זייער איינאַנדערדיקן שייכות („בינה“, און „בין“ צווישן) אזוי איז עס טאַקע די אויפגאַבע פון דער יידישער טעכטער דערציאונג דעם דאזיקן כשרון אויסצונוצן. ובכן נישט אָנצופולן די מוחות איינזייטיק איבער דער נייטיקער מאָס מיט טעארעטישע ידיעות. נאר מיט אַ סיסטעמאַטישער גרינטלעכקייט, צו וועגדן זייער אויפמערקזאַמקייט. און זייער אינטערעס צום פראַקטישן לעבן. אין דער הויז-ווירטשאַפט און אין פאַך.

פאַרשטייט זיך, אַז דערביי מוז אויך גילייגט ווערן גרויס אַכט קודם-כל אַ שאפן ביי אונדזערע טעכטער יענע נשמהדיקע שטימונג, וואָס וועט תּמיד זיין אַ תּנאי קודם למעשה פאַר זייער גליק אין זייער גייסטיקן קיום אַלס פרויען און מוטערס – די „יראת שמים“. אין אַ גרויסער מאָס, פון ליבשאַפט צו תּורה און מצוות און אָן אויפריכטיקער יראת שמים, וואָס מע קען היינט צוטאָג נאר שעפן פון קענין און פאַרשטיין דעם תּנ״ך און די רבנישע ספרים – אָן דעם קענין אויך היינט נישט אַריינטרעטן אין לעבן, זאגאַר יענע וואָס ווילן נישט ווערן קיין לערערנס – נאר טיכטיקע און גרינטלעך אין זייער פאַך אויסגיבילדעטע, שטוב-פרויען, מוטערס׳ שטוב-מיידלען, אדער קינדער-פלעגערנס; שטוב-גיהילפן, קינדער-גאָרטן-דערציערנס, קראַנקן-פלעגערנס, גיזעלשאַפטלעכע אַנגישטעלטע, אדער אַפילו שניידערנס און מאדיסטנס, אדער גישעפטס אַנגישטעלטע אא״וו.

אבער ס-איז דאך קלאָר אַז אין דאזיקן פון פראַקטישע לעבנס-טעטיקייטן, וועט זיכער גולט אַרויסווייזן די „בינה יתירה“ פון דער פרוי:

ווען פרוי בערטאַ פּאַפּנהיים נ״ע אין פראַנקפורט האט אַ קורצע צייט פאַר איר טויט גישטעלט דעם פאַרשלאַג מע זאָל זיך משתּדל זיין אויסצובדייטערן דאָס בית-יעקב שול-וועזן לצד די פּראַקטישע לעבנס-פאַכן, איז זי זיכער נישט גיווארן צוגיפירט דערצו צוליב אַזאַ אַרט רעליגיעזער אדער גאָר פּרינציפּיעלער שקלא-וטריא, זי איז פשוט אַרויסגיגאַנגין פון דער טאַט-זאַך, אַז מע קאָן דאך נישט מאַכן אַלע מיידלעך פון מזרח-אייראָפּא פאַר לערערנס, און מע דאַרף דאָך נישט זיי פאַרשטעלן דאָס וויסנשאַפטלעכע שטודיום אַלס דאָס איינציק העכסטע לעבנס-אידעאַל, בשעת די גאַנצע סאציאַלע אַנטוויקלונג שטויסט דווקא דערצו, אַז מע מוז מכשיר זיין די אונטערוואַקסנדיקע ווייבלעכע יוגענד פאַר אַ שווער קעמפעריש לעבן אינמיטן אַ ווירטשאַפטס-שטח, וואָס גישטאַלטיט זיך פאַר די יידן וואָס אַמאָל שווערער און שווערער.

*) וועגן דעם מאמר זע דעם וואונדערבאַרן טייטש אין צווייטן חלק „הדרש והעיון“ פון הרה״ג ר׳ אהרן לעווין פון רײשע. זייט שס״ג–שס״ז

**) זע „אהלי יעקב“ צווייטער חלק זייט 243 „בית יעקב“ און דאָס תּורה-שטודיום פון ישר פרוי.

בכן, דאַרף מין דערין זעען אַ השגחה אַז די דאזיקע ריין-שכלדיקע מאטיוון טרעפן זיך בהחלט צונויף מיט דער פנימיותדיקער לאגיק פון דעם חינוך-הבנות-פראַגראַם עפ״י תּורה, אַזוי ווי ס-שפּיגלט זיך אויכיט אָפּ אין קאַפּיטל „משלי“ וועגן דער „אשת חיל“ מיט איר פראַקטישער מעשים-גרייטקייט.

ס-איז דעריבער דערפרייענדיק וואָס די צענטראַל-פאַרוואַלטונג פון „בית-יעקב“ אין לאנדאן האט אויף איר לעצטער זיצונג באַשלאָסן אין דעם פאַרבודזשעט אַריינצושטעלן געלט מיטלין פאַר דער אַנטוויקלונג פון מוסד „אהל-שרה“ אין לאדזש כדי צו מאַכן די התחלה צו אַ פאַרברייטערונג פון בית-יעקב-חינוך-הבנות ווערק לויט דער אויבן אַנטוויקלטער כוונה, ווי ס-איז שוין פּרינציפּיעל באַשטעטיקט גיווארן אין פאַרגאַנגינים יאָר אויף דער קראָקעווער קאנפערענץ. די קאמיסיע וואָס דאַרף מאַכן פאַרשלאָגן וועגן פּראגראַם און דעם סדר ווי-אַזוי די זאַך אויסצופירן – פינאַנציעלע און אָרגאַניזאַטארישע סבות צווינגען צו אַ פּאַמעלעכדיקן פאַרגיין – וועט זיך נאַטירלעך מוזן זייער שטאַרק רעכינין מיט פראַקטישע באַדינגונגין, פערסאנאַל-פראַגן, לאקאַלע תּנאים אא״וו.

אבער בעיקר הדבר, אין פרינציפּ שיינט מיר, אַז די ערשטע תּביעה וואָס פליסט אַרויס פון די „בינה-יתירה“-באַשטימונג איז ראשית-כל אויסצובילדן שטוב-טעכטער און שטוב-מוטער.

אונטער דעם פאַרשטיי איך דאָס אויפוועקן, דאָס היינט דרימלינדיקע באַוואוסטזיין אַז אַ לייטישע פירונג פון הויז-ווירטשאַפט איז אַ קונסט און אַ וויסנשאַפט, וואָס מע דאַרף לערנין פונקט ווי יעדע קונסט און יעדע וויסנשאַפט און ממילא איז זי נישט קיין האָר קלענערער כבוד, האט נישט קיין קלענער נאַציאנאַלן חשיבות און פאדערט נישט ווייניקער אינטעלעקטועלע און כאַראַקטער-מעלות ווי למשל די קונסט פון פעדאַגאגיק אדער מוזיק, אדער די מעדיצינישע און פאַרמאַצייטישע וויסנשאַפט.

אַדרבא, וואָס גרעסער ס-איז די ווירטשאַפטלעכע נויט אַלץ אין אַ גרעסערע מאָס הענגט אָפּ פון די בעסערע קענטיניש פון די בעל-ביתטע, דאָס אויסקלויבן די נאַרהאַפטסטע, הגם ביליקסטע נאַרונגס-מיטלין פאַרן דערהאַלטונג פונים גיזונט און לעבעדיקייט פון די אויפוואַקסנדיקע דורות. פון דער פרויס פעאיקייט צו שאַפן אַן-אַטמאספערע פון ריינקייט, פון אַרדינונג. פון ביליקע באַקוועמלעכקייט אין הויז הענגט אָפּ די מאראַלישע צוקונפט פון מאַן און קינדער; פון איר אורטיילס-פעאיקייט אין ווירטשאַפטלעכע ענינים, פון איר פעאיקייט צו מאכן אַ „יש מאַין“ איז אין גרויסן אומפאַנג אָפּהענגיק דאָס ווירטשאַפטלעכע פאַרהאַלטן פון דער משפחה.

צום קיפּיטל „דערנערונג“ איז אפשר כדאי אָנצואווייזן אַז ביים פעלקער-בונד אין זשענעווע איז דאָ אַ גרויסע אינטערנאַציאנאַלע קאמיסיע, וואָס באַשטייט פון די גרעסטע מעדיצינישע פאַכלייט, פון אַלע לענדער, וועלכע האט די אויפגאַבע צו אונטערזוכן די שייכותן צווישן דער דערנערונג און פאלקס-גיזונט.

דידאזיקע קאמיסיע וואָס הייבט איצט אָן די דריטע סעסיע אונטערן פאַרזיץ פון לאָרד אסטאָר, איז טראָץ די חילוקי-דעות אין די פּרטים. דאך גיקומין צו דער מסקנא, אַז ס-איז אַ טעות צו גלייבן אַז אַ צוועק-ענטשפּרעכנדיקע פאַלקס-דערנערונג (פאַרשטענדליך אינערהאַלב פון אַן-עקזיסטענץ-מינימום) איז אַ פראַגע פון דער הכנסה.

זי איז אַ סך מער – אַזוי זאגט דער באַריכט פון דער שוועדישער אונטער-קאמיסיע – אַ זאַך פון חינוך.

אַפילו די הכנסה פונים אָרימאַן, שטייט אין באַריכט, קען דינין פאַר אַ גוטע דערנערונג נאר בתּנאי, אַז די מענטשן זאָלן וויסן וואָס זיי דאַרפן עסן. כדי צו בלייבן לעבנס-טיכטיק. אומוויסנקייט דערפירט צו אַ פאַלשער באַשפייזונג:

אַלס פראַקטישער ביישפּיל ווערט גיבראַנגט דער לאַטיך (אונדזער „מרור“, „חזרת“ פון די משנה) ווען מינס אויסנווייניקסטע בלעטער האבן איז זיך דעם העכסטן נאַרונגס-ווערט. „דאָס קאמיטעט פון פעלקער-בונד באַטראַכט עס אַלס זיין אויפגאַבע דידאזיקע פּשוטע פאַקטן קלאָר צו מאַכן פאַרן מענטש פון דער גאַס.“

וואָס ס-איז דאָ גירעט גיווארן וועגן דער באַשפייזונג אַלס יסוד פון דעם „ושמרתּם מאד לנפשותיכם“, פאַר דער דערהאַלטונג פון יידישן פאָלקס קיום גילט אין אַ פיל גרעסערער מאָס פאַר אַלע אַנדערע צווייגן פון דער הויז-ווירטשאַפט; גיזונטהייטס-השגחה, פלעגע פון זויג-קינדער און דערוואַקסינע קינדער, עלימענטאַרע קראַנקן-פלעגע – אַלץ זאַכן וואָס אין זיי איז אָפּהענגיק דער מענטשלעכער קיום. און אויף אָט די געביטן דאַרף די פרוי זיין טעטיק מיט איר „בינה יתירה“ צו ראַטעווין דעם פאָלקס קיום.

צו דעם קומין נאך צו די גיהעריקע ספּעציעלע פאַכן פאַר מיידלעך וואָס דאַרפן באַקומין אַ באַזונדערע פאַר-בילדונג כדי צו קענין צו העלפן פאַר שכירות יענע פרויען, וואָס קענין אדער ווילן זיך נישט אַליין אַן-עצה געבן מיט דער שווערער משא פון הויז-ווירטשאַפט. ווען אַ מיידל וועט זיך האָבן דערוואָרבן דידאזיקע ספּעציעלע פאַך-אויסבילדונג אַלס שטוב גיהילפין, הויז-פלעגערן, פלעגערן פון זייג-קינדער און דערוואַקסינע קינדער אא״וו. אַזוי וועט די סאציאַלע אָפּהענגיקייט וואָס זי האט אויף זיך גינומין מיטן אַריינטרעטן אין אַ פרעמדער הויז-ווירטשאַפט, נישט באַטראַכט ווערן אַלס משא אדער גאָר פחיתת-הכּבוד. אַדרבא, זי וועט האָבן אין זיך דאָס באַוווסטזיין פון איר ווירדע נישט בלויז אַלס גלייך חשיבותדיקע טאכטער פון ישראל, נאר זי וועט אויך האָבן דאָס באַוואוסטזיין, אַז זי איבערשטייגט דאך איר בעל-ביתטע אין פאַכלעכע ידיעות, ס-וועט דאַן מוזן קומין דערצו, אַז די בעל-ביתטע וועט זיך מוזן צופּאַסן צו די באַרעכטיקטע פאדערונגין פון דער שטוב-גיהילפין. אויך די וואולטעטיקייטס-אינסטיטוציעס פון די קהלות, אין פוילן, וועלן זיך נייטיקן וואָס אַמאָל מער אין פאַכלעך אויסגיבילדיטע כּוחות. און עס קען נישט זיין קיין שענערע אויפגאַבע פאַר בית-יעקב, ווי אויסצובילדן אַזעלכע פערזענלעכקייטן, וועלכע זאָלן נישט בלויז נוצן ברענגין דורך סאַניטאַרער און ווירטשאַפטלעכער הילף, נאר זאָלן אויך טראָגן דאָס שטילע וואַרימענדיקע ליכט פון עכטער פרומקייט אין די הייזער פון אָרימע מענטשן. אדער זיי זאָלן ווידמין זייער דינסט אין די קליניקס, אין די וואַרטע-צימערן פון די דאקטוירים – די הילפס-זוכנדיקע מענטשן אין גייסט פון אמת-יידישער גמילת-חסד.

ס-איז נישט מעגלעך, דאָ צו באַרירן אויך אַלע איבריקע גיביטן פון דער ווייבערישער פאַך-טעטיקייט אין האַנדל און אינדוסטריע.

די ארטאדאקסיע וועט נאר באוגס, אונטער דער לאַסט פון אויסערלעכן ווירטשאַפטלעכן דרוק מסכּים זיין, אַז די יידישע טעכטער זאָלן זיך פאַרנעמין מיט אַזעלכע פאַכן, וואָס שטעלן אין סכּנה דעם „כּל כבודה בת מלך פנימה. אבער דער דאזיקער ווירטשאַפטלעכער הכרח איז דאך אין אַ גרויסער מאָס דאָ, און ס-איז דעריבער אַ חוב, אַז מע זאָל די דאזיקע סכּנה באַזייטיקן. דאָס מיידל, וואָס האַלט ביי אָננעמין אַ שטעלע אין ביורע אדער פאַבריק, מוז אין אַ טאפּלטער מאָס האָבן אַ חיזוק פון איר רעליגיעז וויסן און פילן.

נישט בלויז במשך דער צייט וואָס דויערט די פאַך-בילדונג, נאר אויך שפּעטער אין די פרייע שעהן וואָס בלייבן זיי איבער נאָך דער טאָג-אַרביט, דאַרפן דערצו ווערן אויסגינוצט.

דאָ קען און וועט די אָרגאַניזאַציע פון בנות אַגודת ישראל גיפונין אַ גוטע גילעגנהייט אַרויסצואווייזן איר טעטיקייט. די בנות-אָרגאַניזאַציע וועט שאַפן פאַר די פאַך-באַשעפטיקטע מיידלעך אַ שוועסטערלעכע אַטמאספערע, וועט זיי אַרויסהייבן פון די סכּנות, וואָס דראָען זיי אין פאַבריק, אין ביורא, אין דער גאַס און אין קינא. וועט אויפוועקן אין זיי די אייביקע פרייד פון לערנין, זיי זאָלן זיך קענין – ווי אין קראָקעווער סעמינאַר – באַגייסטערן מיט אַ קיפּיטל תּהלים אדער ישעי׳ און פון דאָרט שעפּן כּוח בייצושטיין אַלע נסיונות פון לעבן.

די „בינה יתרה“, וואָס איז משיג דאָס לעבן מיט אָפענע אויגן און באַהערשט עס, האט אָפט גימאַכט די יידישע פרוי פאַר אַן-„עזר כנגדו“ פון יידישן מאַן, ווען יענער איז מיט זיין גאַנצער חכמה גישטאַנין הילפלאָז קעגן איבער דעם פראַקטישן לעבן.

היינט רופט דאָס שווער גיפּרוואוטע יידישע פאָלק אין מזרח-אייראָפּא זיינע פרויען און טעכטער צו הילף, צו ראַטעווין זיין עתיד!

יהודה לייב אָרלעאַן

קביעות און התחדשות

היינטיקן ווינטער האבן מיר נאטירט פאַר דער יידישער עפנטלעכקייט דאָס צוואַנציקסטע עקזיסטענץ-יאָר פון דער בית יעקב שול. דאָס האט אונדז אומדירעקט גישטעלט פאַר אַ גרעסערער התחייבות. ב"י האט דערמיט אויפגיהערט צו זיין אַן-עקזאָטישע ד'ערשיינונג. מע קאָן שוין נישט מער נתפעל ווערן פון דעם, וואָס אַ מיידל לערנט עטלעכע דינים, מאַכט אַ ברכה, באַזוכט אַ יידישע שול.

די צוואַנציק יאָר האבן די ב"י-שולן איינגיפונדעוויט אינים יידישן לעבן. גי-מאַכט זי פאַר אַ פ א ל ק ס-ב אַ ד ע ר פ י נ י ש. מע פאַרשטייט שוין נישט היינט יידישע טעכטער-דערציאונג אויסער ב"י. אַדרבא, מע שטעלט גאָר דער ב"י שול די שווערסטע אויפגאַבן. מע פאָדערט ביי איר גרונטיקע דערציאונג, אַלזייטיקע אויסבילדונג, ד ו י ע ר ה אַ פ ט ע ה ש פ ע ה. מע ביל‍אַנסירט גינוי אירע דערגרייכונגין, מע פאַרמעסט זי מיט די נייעסטע סיסטעמין אין דער פעדאַגאָגישער וויסנשאַפט.

נאָך צוואַנציק יאָר הערט אויף צו אימפאָנירן דער חידוש, דער אורשפרינג-לעכער איינפאַל. נאָך צוואַנציק יאָר ווערט גיפאָדערט פ ל אַ נ מ ע ס י ק ייט, ע ק ס פ אַ נ ס י ע, פ ו נ ד אַ מ ע נ ט י ר ו נ ג. מיט אַנדערע ווערטער: מ-הערט אויף צו זיין וואונדער-קינדער. מע ווערט אַ רייפע און רעאַלע שול-באַוועגונג. אַזוי האט אויסגיפילט מיט דער דאַטע-נאָטירונג לעצטנט יעדער שול-עסקן, ספעציעל אונדזער לערערשאַפט.

פאַקטיש האט שוין לאַנג גיווירקט אַזאַ שטייגער איבערצייגונג. זייער פיל פון דעם וואָס איז גיטון גיוואָרן במשך די לעצטע יאָרן, איז באמת אַ רעזולטאַט פון אַזאַ שטייגער באַציאונג צו דער ב"י באַוועגונג. די שלאָגנ-דיקע ציפער צוואַנציק האט נאָר פרעציזירט די פאָדערונג. האט נאָר פאַר-שטאַרקט דאָס התחייבות.

אבער די סטאַביליזאַציע טראָגט נישט ווייניקער סכנה ווי ריוח. סיסטעמאַ-טיזירונג ברענגט אפט מעכאַניזאַציע, איינטאָניקייט, טרוקנקייט. אמת די אַרביט ווערט פאַרוויסנשאַפטלעכט, אויסגירעכנט, אבער דערביי איז רעכט, אַז ס-פאַרפעלט אָטים, אַז ס-אַנטשטייט אַ בלוט-מאַנגל. די מאָס, די גרויס, די ציפער ווערט טאַקי גינוי קאַלקולירט, דער סכעמאַט שטימט, די אַרביט איז סיסטעמאַטיש, אבער וואו איז דער ערשטער ריס, דער אורשפרינגלעכער שטויס, די ברויזנדיקע התחלה? אויב די נשמה הויכט אויס, העלפט נישט די רייכסטע וויסנשאַפט. אינים ב"י איז פאַרט דער צאַפל פונים פנימיות אַן-עיקר, מיט וואָס די אויסגיהאַלטנסטע פעדאַגאָגיע קאַנקורירט נישט.

אַזאַ נשמה-צאַפל האט פאַרקערפערט פרוי שרה שענירער ע"ה. זי האט נישט גירעכנט, נאָר גיבריוזט, נאָר אַריינגיבראַכט דעם כּוח-החידוש. באמת איז יידישע טעכטער-דערציאונג נישט ניי, גאָר אריגינעל, נאָר זי האט אַריינ-גיבראַכט אינים הויז לעבעדיקייט, אַריינגיהויכט אינים קינד חידוש.

אויב די דאַטע – ס-צוואַנציקסטע יאָר – האט גימאָנט סיסטעמאַטישקייט, וועקט דער שענירער-סימבאָל צו התחדשות. פרוי שענירער איז דער סימבאָל פאַר טעמפּא, פאַר ענערגיע, פאַר לעבעדיקייט. זי האט די ב"י-אידעע אום-אויפהערלעך אויסגיפילט ווי עפּיס נייעס, ממש בכל יום כחדשים. בעת זי האט גיהיטן דעם-מנהג, בעת זי האט גיפלעגט טראַדיציע, האט זי תמיד גימאָנט חידוש, תמיד אימפאָנירט יוגנט מיט איר באַנייאונגס-קראַפט.

מע דאַרף דעריבער איצט צוטרעטן צו דער ב"י-אַרביט, ווי זי וואלט גיווען לגמרי אַ נייע, ווי מ-וואלט ערשט אָנגיהויבן. ס-ווערט נישט דערמיט גיפאָדערט אַ סתם-פסיכישע איינבילדונג. אויב ס-דרינגט נאָר עמיץ אַריין אין ב"י-לעבן, זעט ער כמעט יעדן טאָג כּולו חידוש, ווי ביי דעם אדער יענים קינד בליצט אַרויס אַ נייע זון, שיינט אַרויס אַ נייער מאָרגן. וואו איז נאָך דאָ אין דער וועלט אַזאַ גיביט, וואָס זאל עלול זיין צו אַזוי פיל חידוש ווי בית יעקב? ס-איז נאָר גינוג צו עפנין ביי זיך אַ שפּאַרעלע פאַר התחדשות און ב"י זאל אונדז אויסליווערן פולע נייע וועלטן, וואו מיר גופא זאלן אין ניי-גיבוירינע מייסטערס ווערן פאַרוואַנדלט.

נאָך צוואַנציק יאָר אַנטשטייט ביי דער עלטערער גענעראַציע אַ גיפיל פאַר גישיכטע. מע הייבט אָן קוקן אויף ב"י, ווי אויף אַ היסטאָריש גישעעניש. מע דערציילט שוין זכרונות, מע פאַרנאָטירט עפּיזאָדן, מע ברענגט אַריין דעם ריח פון זקנה – אַ מאָל איז גיוועזן...

מע פאַרגעסט דערביי, אַז ס-וואַקסט אויטער אַ ניי דור, אַ פרישע יוגנט, וואָס דרענגט צו חידוש, וואָס האַלט דווקא בית יעקב פאַר אַ חידוש. דאַרף מין דעריבער נישט אַריינלאָזן צו אונדז די אַ מאָל-שטימונג, וואָס באַהערשט צייטנווייז די עלטערע.

יאָ, דערציילט די קינדער ב"י-גישיכטע! נאָר מאָלט זיי, אדער בעסער גיזאָגט: ליפערט זיי איבער בית יעקב לעבעדיקייט! באַשאַפט ביי זיי שעני-רער-דראַנג צו ב"י! דערוועקט ביי די קינדער איר תמימותדיקן כּוח-החידוש, איר שטענדיקע פּיאָנערישקייט! באַנייט אייערע כּוחות! זייט מחדש אייער שול! זייט מחדש אייער אַרביט!

25 יאָר „אַגודת ישראל" — 20 יאָר „בית יעקב"

פון הרב **ב. ז. יאַקאָבזאָן** קאָפּנהאַגן

א.

אין די היינטיקע טעג דערמאָנט מין אַ סך מאָל די טעג פון ק אַ ט אָ ו י ץ. יענע סיון-טעג פון תרע"ב, ווען ישראל-סבא האט זיך מיטאַמאָל אָנגי-הויבן פאַרטראַכטן וועגן זיין אמתן תכלית, ווען ער האט זיך גינומין אָפּשאָק-לין פון די קייטן פון אומגיבעטענער אַפּוטרופּסות דורך די „פרייע", וואָס ווייסן נישט פונים „אָבותדיקן חרות" (חרות על הלוחות – דרשנין די חכמים: זאלסט נישט לייענין „חרות" „אויסגיקרוצט" – נאָר „חירות" – „פרייַקייט), ווען ס-האט זיך גיהאַנדלט וועגן שאַפן פאַר די תורה-טרייע יידן אַן-אָרגאַניזאַציע-פאָרם, וואָס איז צוגיפּאַסט צו זייער מהות, ווען ס-איז ב אַ ש אַ פ ן גיוואָרן „א ג ו ד ת י ש ר א ל".

עמיצער פון די איבערקליגע יועט אַוודאַי אָנהייבן קריטיש צו פאָרשן; ער וועט „צוליייגן" דאָס גאַנצע אויף חלקים; ער וועט זען די אַלע שאָפונגין, וועלכע זענין גיוואָרן אָנגירעגט, באַפרוכפּערט אדער גישאָפן דורך דער „אַגודת ישראל"; ער וועט זען די פיל חשובע מענטשן, וועלכע זענין אויפ-גיוועקט גיוואָרן צו אַ ניי טראַכטן, אַ הייסע הרגשה, אדער צו מזל-ברכהדיקע מעשים דורך „אַגודת ישראל" – איר אָרגאַניזאַציע אבער פאָרט איר אידעע; ער וועט זען די שפע פון גידאַנקן, וואָס זענין אַרויסגעבראַנגט גיוואָרן דורך דער אַגודיסטישער אידעאָלאָגיע – און ער וועט קיל און „וויסנשאַפט-לעך" קאָנסטאַטירן: די דאזיקע אַלע שאָפונגין וואלטן סיי ווי אַנטשטאַנין במשך דער צייט; די דאזיקע אַלע מענטשן וואלטן סיי-ווי גיפונין זייערע אויפגאַבן און די אידעען – זייערע פאַרשפּרייטער.

ער וועט אַזוי טוען ווי דער באָטאַניקער, ווען ס-קומט אונטער דער האַנט אַ וואונדערלעכע בלום: ער צולייגט זי, צוגלידערט זי און צושניידט זי ביז ס-בלייבט אים נישט מער אין דער האַנט קיין בלום, נאָר אַ פּאָר ווערטלאָזע גרינע בלעטלעך אדער פאַרביקע רעשטלעך. ס-איז אַוועק די שיינקייט, ס-איז אַוועק דער ריח, ס-איז אַוועק די פאַרבן-פּרעכטיקייט.

מיר זענין ברוך השם נישט קיין איבער-חכמים. מיר זענין איינפאַכע, פּשוטע מענטשן. מיר האַלטן די בלום אין דער האַנט און פרייען זיך מיט איר פּראַכט. מיר צוגלידערן נישט – מיר נעמין בלויז צוזאַמין, ווי אמתדיקע מענטשן דאַרפן טוען.

און פאַר אונדזער צוזאַמיננעמנדיקער השגה שטייט „אַגודת ישראל" **אַלס די גרויסע** אויפוועקערן און באַשאַפערן, אַלס דער שטאַרקסטער מקור פון קראַפט – אַלס באַלעבנדיקער צענטער.

ב.

מיר, מענטשן **פון** „בית יעקב", פייערן די טעג אַ טאָפּלטן יום טוב: דער צוואַנציק-יעריקער קיום פון „בית יעקב". פאַר אונדזערע אויגן שווימט כאַרביי נעבן יעניב טאָג אין קראַקע פאַר 25 יאָר, וועלכער האט מסיים גיווען די קאַטאָוויצער גרינדונגס-אַסיפה פון „אַגודת ישראל" – אויך יענער טאָג פון קראַקע פאַר 20 יאָר, ווען שרה שענירער ע"ה האט אָנגי-הויבן איר גיבענטשט הצלה-ווערק. דער אָנהויב איז גיווען אַזוי קליין, ווי גרויס ס-איז גיווען דער בטחון און ווי גרויס ס-איז גיווען דאָס האַרץ פון דער גרינדערן.

און פונדעסטוועגן איז פונקט ווי ביי „אַגודת ישראל" גופא אויך דאָ באַלד אין דער התחלה שוין גילעגן דאָס ערבות פאַרן קיום און אַנטוויקלונג פונים גאַנצן.

דאָ, גראָד אַזוי ווי דאָרטן, איז דער אויסגאַנגס-פונקט, דער ציל און אויך דער וועג אַליין גיווען לשם שמים. דאָ, גראָד אַזוי ווי דאָרט, האט דעריבער גימוזט מקוים ווערן דער „סופה להתקיים" – האט גימוזט באַשערט זיין דער קיום, וואָס וועט מנצח זיין אַלע מכשולים.

איך וויל נישט זיין דער „גישיכטע-שרייבער" פון „בית יעקב". דאָס איז די אויפגאַבע און דאָס רעכט פון די, וועלכע האבן פון אָנהויב אָן גיווידמיט אַלע זייערע כּוחות פאַרן דאזיקן ווערק. איך וויל אויך נישט זיין דער „טרויער-רעדנער" פון „בית יעקב". כ-האב שוין צו אָפט גימוזט נעמין די פעדער אין האַנט, כדי צו שרייבן הספד-אַרטיקלין לזכר אונדזערע ביידע גרויסע מענטשן – די מוטער פון „בית יעקב" און זיין פאָטער, מיין גרויסער פריינט דר. שמואל דייטשלענדער זצ"ל.

כ-וויל אויך נישט זיין דער „לויב-רעדנער" פון „בית יעקב", כ-קען אַ מאָל פאַרגעסן אין איינים פון די מענטשן, ווען מיר זענין שולדיק אַ דאַנק. ווייל ב"י איז דאך אינצווישן גיוואָרן פון אַן-ענין וואָס איז נישט נוגע נאָר דעם פּוי-לישן יידנטום – אַן-ענין פון דער גאַנצער יידישער וועלט און אין זיין קיום. אָן הצלחה ווירקן אומיטים מיט אָן אַ שיעור כּוחות.

איך קום אַלס פּשוטער גראַטולירער אין דער סביבה פון פריינט, כדי אויסצו-זאָגן מיין מזל-טוב-וואונטש און כדי מעיד צו זיין אויף די איניווייניקסטע פאַרבונדנקייט פון „בית יעקב" און „אַגודת ישראל" – אויף דעם, אַז אָן „אַגודת ישראל" וואלט „בית יעקב" קיינמאָל נישט אַנטשטאַנין, אַז „בית יעקב" וועט קיינמאָל נישט קענין עקזיסטירן נישט פּינדיק זיך גיטראָגן דורכן כּוח פונים אָרגאַניזירטן תורה-גיטרייען יידנטום, דורך דער ברכה פון די גדולי-התורה, די רביים און רבנים וואָס פירן אָן מיטן דאזיקן אָרגאַניזירטן ציבור.

ג.

ס-קאָן זיין, אַז די דאזיקע הודאה איז אַ מאָל אַ שטערונג אין דער פּראָפּאַגאַנ-דע ביים ווערבירן געלט-מיטלין און דעריבער קען מין מוחל זיין יענע, וועלכע מיינין צו קענין רעכטפערטיקן דאָס פאַרשוויגן דאָס „גיבוירן-ציינגיש" פון „בית יעקב". באַזונדערס נעמנדיק אין באַטראַכט, אַז „בית יעקב" האַלט דאך פאַקטיש אָפן זיינע טויערן פאַר אַלע און איז מזכה מיט זיין ברכה אַלע (וואָס ווילן נאָר זיין גיבענטשט!).

מיר מוזן עס אבער וויסן, און לויט מיין איבערצייגונג דאַרף מין עס תמיד, ביי אַלע אומשטענדן אַרויסזאָגן: – „בית יעקב" איז אַ פּרי, אפשר טאַקע, פון די שענצטע פּירות אויפן בוים פון אַגודת ישראל! מיר מוזן דאָס טון צוליב אַ טאָפּלטן טעם, צוליב אַגודת ישראל און צוליב בית יעקב!

צוליב אַ ג ו ד ת י ש ר א ל: וואָרן, נעמט מין אַראָפּ פון אַ בוים זיינע פּירות, אַזוי ווערט ער נוצלאָז. רייסט מין אויס פון אַ גאָרטן זיינע שענצטע פלאַנצן, זעט ער אויס טרויעריק און ליסע.

„אַגודת ישראל" האט אַזוי פיל, אָן אַ שיעור גיטון פאַר „בית יעקב", און טוט עס נאָך היינט – ווייל דער פּרעזידענט פון אַגודת ישראל ר' י ע ק ב ר א-ז ע נ ה י י ם ש ל י ט"א א י ז ג ל י י כ צ י י ט י ק, צ ו א ו נ ד ז ע ר אַ ל י מ י נ ס פ ר י י ד א ו י ך ד ע ר פ אַ ר אַ נ ט וו א ר ט ל ע כ ע ר פ י ר ע ר פ ו ן „ב י ת י ע ק ב" – אַזוי, אַז מיר דאַרפן דער „אַגודת ישראל", איר גיטריישאַפט און ליבשאַפט נישט פאַרגעלטן מיט אומגיטריישאַפט און כפיית-טובה.

אבער נאָכמער – צ ו ל י ב „ב י ת י ע ק ב", דווקא טויזנט מאָל מער צוליב „בית יעקב".

פאַר וועמען זאל מין דען באַהאַלטן די אָפּשטאַמונג און היים פון בית יעקב? אפשר פאַר די, פאַר וועלכע די אָרגאַניזאַציע פון יידישן פאָלק אַלס תורה-פאָלק באַטייט אַ טריק אדער אַ גיווינס-דרוק פאַר די „נאָר-נאַציאָנאַלע", פאַר די אַסימילאַנטן?

„בית יעקב" וואלט פאַרלייקנט איר אייגינים תכלית און ווערט, ווען זי זאל אַזוי-אַרום פאַרלייקנין „אַגודת ישראל". ווען זי זאל מפקיר זיין די דורך אָר-גאַניזאַציע ממשות גימאַכטע אידעע, אויף וועלכער זי אַליין האט זיך אויפ-גיבויט: ד ו ר ך ת ו ר ה אַ ל י י ן ז ע נ י ן מ י ר ג י וו א ר ן, ד ו ר ך ת ו ר ה אַ ל י י ן ז ע נ י ן מ י ר פ אַ ר ב ל י ב ן!

צוליב זיך אַליין איז, בכן, „בית יעקב" אייביק פאַרוואָרצלט אין זיין מוטער-באָדן. זי וויל דאך די איר פאַרטרויטע קינדער דערציען צו באַוואוסטזיניקע יידישע טעכטער. אויב אַזוי, דאַן מוז „בית יעקב" די דאזיקע ידיעה און באַ-וואוסטזיניקייט פלעגן ביי אַלע און אַלימין און זי זיכערן דורך אַ גלייכע און פעסטע ליניע!

ד.

25 יאָר „אַגודת ישראל" 20 יאָר „בית יעקב"

דאָס צונויפטרעפן זיך פון די ביידע דאַטן האט גיגעבן אַ גילעגנהייט צו די אויבנדערמאַנטע קורצע פעסטשטעלונג.

און אין דער דאזיקער פעסטשטעלונג ליגט אַלץ, וואָס מיר האבן צו וואונטשן „בית יעקב" און „אַגודת ישראל".

זאל מין תמיד לויט דער פּרי דערקענין דעם בוים. זאל דער בוים תמיד קע-נין בלייבן שטאָלץ אויף זיין פּרוכט.

די אומצוריייסבאַרע פאַרבונדנקייט פון „אַגודת ישראל" און „בית יעקב" זאל תמיד באַטייטן פאַר „אַגודת ישראל" פרייד און פאַר „בית יעקב" – כּוח און ברכה!

די פּרי פון בוים זאָגט עדות אויפן בוים אַליין, די קראַפט פון בוים איז אויך אין דער פּרי.

אילן, אילן, במה אַברכך? יהי רצון שיהא צאצאי מעיך כמותך! (בוים, בוים מיט וואָס זאל איך דיך בענטשן? אַז דיינע פּרוכטן זאלן זיין ווי די אַליין!)

א. ג. פ.

וואָס זאל מין טון?

די וואָס לעבן מבפנים אין בית-יעקב, ווען זיי וועלן זעען אויפגישריבן צוואַנציק יאָר בית-יעקב, וועלן זיי סטיכיש אַ פרעג טון: וואָס ווייטער? גוט, מיר האבן שוין הינטער זיך אַ תקופה פון 20 יאָר, פאַר דער צייט האבן מיר זיך באמת צו באַרימין מיט אונדזערע מעשים און אויפטוען, – אבער פאָרט וואָס ווייטער? ווי אַזוי יוערט בית-יעקב טאַקע אַ קנין פון גאַנצן פאָלק? וואָס טוט מין אַז די צאָל שולן זאלן נישט ווערן ווייניקער, נאָר וואָס מער, למאי זענין נאָך פאַראַן צענטליקער, צענטליקער שטעט וואו קיין שולן זענין לחלוטין נישט פאַראַן און חוץ לזה איז נישט קליין די צאָל – אפשר העכער הונדערט וואו ס-זענין יא פאַראַן שולן, נאָר זייער כאַראַק-טער און פּרצוף, ווי בכלל זייער גאַנצער קיום איז שטאַרק בספק, צוליבן פעלן די עלעמענטאַרסטע גיזעלשאַפטלעכקייט און צוגיבונדנקייט צו די צענט-ראַלע פונקטן.

די קיום-פּלאָבלעמען פון אונזערע שולן זענין שאַרף ביז צום סאַמע שפּיץ, איגנאָרירן, פאַרשווייגן, זיך מאַכן כלא-ידע, פון די אַלע פאַרווייטיקטע פראַגן, קען נאָר זיין אַ זיס איינשלעפעריש מיטל, כדי, ווי עס רופט אָן ביים ריכטיקן נאָמין נתן בירנבוים ז"ל „איר ווילט נאָר ס-זאל אייך באַקוועם זיין"! פאַר-צווייפלין ווידער, זיך מייאש זיין און אַראָפּלאָזן די הענט, וואָס מיין קורטשן זיך, בלייבן ביי אַלץ אַ קלענערן עולם, איז עס לחלוטין אין סתירה מיטן גרונט-רעיון פון ב"י אַלס אַ פאָלקס-זאַך.

פאַראַן אפשר ביי אונדז אַזעלכע, וואָס גייען מיט אַזאַ שיטה און זיי טענהין: שטייט ערגיץ-וואו גישריבן, אַז בית-יעקב מוז האָבן כך וכך שולן, אַזאַ און אַזאַ צאָל תלמידות? גינוג מיר האבן שולן, גוטע שולן, אַזויפיל צי אַזויפיל, נישט קיין חילוק, וואו ס-זענין קיין עסקנים נישט פאַראַן, דאָרטן וואו די עסקנים שטרענגין זיך נישט אָן פאַרן קיום פון בית-יעקב, אַ פּשיטא דאָרט וואו ס-פעלט די איניציאַטיוו, וואָס קענין מיר העלפן און צי זענין מיר גאָר מחויב זיך אַזוי ווייט צו אַננאַזשירן?

אויב אַזאַ שיטה איז פאַראַן, איז זי לויט מיין מיינונג דער היפוך פון דעם, וואָס איז גימיינט גיוועזן מיט בית-יעקב לכתחילה, ס-איז שעדלעך ביז גאָר, אַז בית-יעקב זאָל זיך אַוועקלאָזן אויף אַזאַ בצמצומדיקן דרך. מיט דער צייט דראָט אַ סכנה, און דאָס איז אפשר די גיפערלעכסטע סכנה פאַר בית-יעקב, אַז דאָס פרומע יידישע פאָלק, דער ברייטער יידישער המון וואָס לעבט נאָך פול מיט יידישקייט, זאָלן זיין ווייט פון בית-יעקב און באַטראַכטן דעם גאַנצן ענין ווי עפיס אַ „לוקסוס" פאַר יחידים, און דאָס וועט גורם זיין, אַז מיר וועלן איינציקווייז אריינגיקוועטשט ווערן אין אַן-ענגין תהום, און ס-וועט אונדז אויספעלן לופט צו עטעמין.

די מענטשן וואָס זענין נאָך גישטאַנין ביים וויגעלע פון ב״י, וועלן קיינמאָל נישט שלום מאַכן מיטן גידאַנק, אַז ווייל אונדזער פעדאַגאָגישער אַרבּיט מוז זיין פּרעציז און ס-פאָדערט זיך אָן אַ שיעור כוחות אויסצובויען און פאַרטיפן דעם מהות פון אונדזער פרויען-חינוך, זאָל דאַדורך ליידן דער עצם קיום פון די שולן, ס-זאָגט זיכער דאָס קיינער נישט, און ווען איך רעד יאָ וועגן אַזאַ השערה, איז עס נאָר צוליב באַוואָרעניש פאַר פאַרענטפערונגין וואָס קענין קומין, מיינינדיק, אַז דאָס וואָס ס-ווערט דאָ גיזאָגט איז לשם קריטיק.

די וואָס האָבן אַוועקגיגעבן די בעסטע יאָרן פון זייער לעבן פאַר ב״י ווילן זען אין ב״י אַ פאָלקס-כח, אַ דינאַמיש לעבידיקן משפיע אויפן גאַנצן יידישן לעבן. אַז אַ שול פאַלט חלילה, אדער אַ שול וועגעטירט צוליב דער אדער יענער סיבּה, וויינט דאָס האַרץ אין יעדן פון אונדז. ווי פילן מיר זיך גיקרענקט פון די צענדליקער בּריוו, וואָס קומין אָן פון דאָ און דאָרט מיטן רוף: העלפט אונדז, מיר ווילן נישט אָפּטרעטן פון דער פּאָזיציע, איר שפּיצןקעפּ פון בית-יעקב לאָזט אונז נישט פאַלן, וואָס זאָל מען פאַרט טון?

וואָס קען מין באמת טון? ווער זאָל טון?

דאָס זענין אַלץ שאלות פאַר די, וואָס האָבן נישט די הכרה אַז איין איבר טוט וויי, איז ממילא קראַנק דער גאַנצער גוף. זאָל נאָר זיין די הכרה, אַז טון מוז מין! נאָר נישט לעבן מיט דער פאַלטשער השערה, אַז אַלע וויסן שוין און פאַרשטיין, וואָס בית-יעקב איז.

מיר פאַרגעסן אַז במשך 20 יאָר האָבן שוין אַסך פאַרגעסן און מיר מוזן אָנהייבן מבּראשית מיטן זעלבן פייער און מיט דער זעלבער ענערגיע פון אַמאָל, אויפצוטרייסלין די יידישע מאַסן, איז דאָס גיבאָט פון דער שעה. ס-וואָלט אויך גלייך גיוועזן, אַז די עסקנים זאָלן זיך צונויפקומין אויף אַן-אויסשמועס און „תשועה ברב יועץ". מיר גלייבן אינים כוח פון ב״י און זאָל מין נאָר אָנהייבן מיט באַנייטער פרישקייט.

די לערערנס-קאָנפערנצן וואָס ווערן אָפט גימאַכט מצד דער בית-יעקב-צענטראַלע, זעען מיר ווי גרויס ס-איז זייער פעולה, און ווי דאַדורך שטייגט דאָס השתלמות פון דער לערערשאַפט. אַזוי אויך האָבן פאַר דער פעדאַגאָגישער אַנטוויקלונג אַ גרויס חשיבות די אינספּעקציעס, די צוזאַמינפאָרן פון עסקנים קענין אויך אַסך, גאָר אַסך אויפטון, אַדרבא, ווען ס-וועלן קומין קעגנזייטיקע אויסשמועסן זיך, וועט איינער לערנין פון צווייטן, און אפשר גאָר וועט איינער אויסמוסרן דעם צווייטן, די עסקנים וואָס האָבן באַוויזן צו דערהאַלטן זייערע שולן, וועלן באַלערנין די וואָס באַווייזן דאָס נישט, פאַרשטייט זיך, אַז די קאָנפערענצן זענין נאָך נישט אַלץ, אבער, אַז אַזעלכע קאָנפערענצן מוזן פאָרקומין פון צייט צו צייט אונטערליגט נישט קיין שום ספק, פּרוּוון מוז מין, רוען, שלווהדיק זיך אַוועקזעצן און נישט פּרוּוון אַפילו עפּיס צו טון, איז זיכער נישט קיין דרך!

מיט קוראַזש און בטחון!

פון ישעי׳ כלאַדניק

אַ גרויסע און ליכטיקע תקופה איז דאָס פאַר אונדז, וואָס אין דעם הייניטיגן יאָר: פאַלן אויס דריי גרויסע יובילעאומס. א) 25 יאָר אגודת-ישראל. ב) 20 יאָר בית-יעקב. ג) דריטע כנסי׳ גדולה.

ווען מיר זאָלן זיך אָפּשטעלן אויף יעדן פּרט באַזונדער פון די דריי יובילעאומס, וועט דאָס אונדז זייער פיל אַרט פאַרנעמין — אבער איינס וואָס מיר קענין זאָגן: אַז דאָס זענין גיוועזן פון די גרעסטע אידעאַלסטע לייסטונגין: זיינט די לעצטע הונדערטער יאָרן אין פינצטערן גלות.

און יעצט ווען מיר טרעטן אַריין אין דעם צווייטן סטאַדיום פון צווייטן יובילעאום, קען דאָס אונדז ברענגין, מיט אונדזער ערנסטער און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבּיט דעם גרויסן קידוש השם.

דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט נאָך אַזאַ פינצטערע צייט נישט איבערגילעבט אין זיין לאַנגן שרעקלעכן גלות, ווי די יידישע נשמה צאַנקט קוים, עס כאַפּט זיך אַריין דער גרויסער יאוש און פאַרצווייפלונג, ביים גרעסטן טייל פון יידישן פאָלק — אין דער דאָזיקער גרויסער שעה, מוז קומין דאָס שטאַרקע היילנדיקע וואָרט, און דאָס איז. נאָר דאָס אייביקע ג–טליכע תּורה וואָרט, מיט זיינע דערהאַבּי:ע גיזעצן, וואָס זאָל זיין אַדורכגידרונגין מיט ריינסטן גיוויסן, און אָט דאָס וועט מיטרייסן די אַלע פאַרשמאַכטע און פאַרטריבּטע נשמות.

די אַרבּיט מוז יעצט אַרומנעמין דריי הויפּט גיבּיטן, א) ברייטע אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, אין וואָרט און שריפט, מיט אַ גרויסן אַפּעראַט, וואָס זאָל אַרומנעמין, די איבּערגיגעבּנסטע אידעאַלע „אַגודיסטן", די גאַנצע רבנישע וועלט, און גרויסע בעלי השפּעה, צו פּראָקלאַמירן, הויך און שטאָלץ, דעם רעיון „האגודה" ב) אַ גרויסע וועלט-שבת-אַקציע, דער הייליקער ג–טליכער שבת מוז צוריק גיווינין זיין גייסטרייכן אָנזען: צוליבּער און פּראַכט, וואָס מיט זיין ג–טליכן חותם, זענין מיר פאַרבּינדן אויף אייביג מיטן באַשעפער, און דאָס וועט ברענגין אַחדות, אויפלעבּונג, גייסטיקע אויפשטייג און דיסציפּלין, ג) שאַפן אַ באַזונדער אידעאַלע גרופּע, אַ פליגל פון דער אָרגאַניזאַציע, ענלעך צו דעם וואָס עס האָט גישטרעבּט ד״ר נתן בירנבּוים ז״ל, וואָס די גרופּע זאָל דינין אַלס מוסטער, מיט זייערע מעשים און האַלטונג, דיסציפּלין און מסירת נפש, גייסטיק גישטאַרק און מאָראַליש הויך, דער בין אָדם למקום און בין אדם לחבירו: זאָל זיין אַדורכגינומען מוסטערטאַפּט — קיין שקר, קיין רמאות, קיין צבועות, — נאָר אמת און שלום — מיט די שענסטע מידות זאָלן זיי באַווייזן.

די דאָזיקע דריי פּרינציפּן, מוזן איבּערהויפּט די ערשטע צייט באַאַרבּיט ווערן מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג, און די דריי גרויסע אָנזעעוודיקע יידישע קיבּוצים — ארץ ישראל — פּוילן, אַמעריקע — וואָס די דאָזיקע קיבּוצים נעמען אַרום מער ווי די העלפט פונם גאַנצן יידנטום — דאָ דאַרף זיין די הויפּט אַרבּיט מיטן גרעסטן אידעאַלן ברען, און ווען מיר גיווינין די דאָזיקע דריי קיבּוצים, איז שוין ביים איבּריקן טייל פונים יידנטום די אַרבּיט פיל פאַרלייכטערט.

דאָס דאַרף זיין די נייע אַרבּיט — מיין פעסטע איבּערצייגונג איז: אַז מיט דעם גרויסן תּורה וואָרט, מיט אמת, מיט ריינים גיוויסן, און מיט מסירת נפש, ערלעכע אַגיטאַציע — דברים היוצאים מן הלב, וועלן מיר מיליאָנין פאַרבּלאָנדזשעטע, פאַרשקלאַפטע און נידערשלאָגינע נשמות, צוריק גיווינין פאַר ג–ט, תּורה, און פאָלק ישראל — און דער קידוש השם וועט וואַקסן, און פאַרשנעלערן די טריט פון דער גרויסער משיחישער האָפנונג.

די דריטע כנסי׳ גדולה 52 יאָר „אַגודת - ישראל" און צוואַנציק יאָר „בית - יעקב" זענין אונדזער שטאָלץ און דער שענצטער אידעאַל אין אונדזער חושכדיקער עפּאָכע טיט קוראַזש און מיט בטחון צו דער וויכטיקע היסטאָרישער הייליקער אַרבּיט!

דער נומער 144 פון בית-יעקב-זשורנאַל

וועט ברענגין אַן-אויספירלעכן באַריכט פונים קאָנגרעס!

אונדזער שטילער יום-טוב

אסתּר הייטנע-

ס'אין היינט דיין שטילער יום-טוב, בית-יעקב, דיינער און אַלימינס, וועלכע האָבן פאַר דיר אַוועקגיגעבּן טעג, נעכט, חדשים און יאָרן, פון מי און זאָרג. און האָבן מיט ציטער און שמחה גיוואַרט אויף דיין אויפשטייג, בית-יעקב! ס-איז היינט דער שטילער יום טוב פון אַרבּיט פאַר דיר, איבּער דיר, וועגן דיר—בית-יעקב!

דו ווילסט וויסן ווי לאַנג נאָך מיר וועלן שטיין נעבּן דיר? דו ווייסט דאָך: „לא עליך המלאכה לגמור, ולא אתּה בן חורין להבּטל ממנה".

ביסט נישט פריי, נישט פריי פון דער אַרבּיט פאַר יידישקייט, אַזוי לאַנג — ווי דו האָסט דעם אָטים אין דיר, אַזוי לאַנג — ווי דו ביסט נאָך נישט חלילה אומטריי גיוואָרן אירע פּרינציפּן, די פּרינציפּן פון דער תּורה.—

20 יאָר בית יעקב! 20 יאָר זייט ס-איז אין האַרץ פון אַ שטילער פרוי גיבּוירן גיוואָרן דער גידאַנק וועגן דיר בית יעקב! 20 יאָר פּרוּוון, ראַנגלינישן אַ קייגן צו שטעלן זיך דעם צעפאַלונגס-פּראָצעס אין יידישן הויז, 20 יאָר שטילער קאַמף אַקייגנצואַווירקן דער שטורמיש-רייסנדיקער אַסימילאַציע, דעם גלייכגילטיקייט, אַפּאַטישקייט פון דער יידישער שטוב בנוגע עבר און עתיד. 20 יאָר אַרבּיט צו באַלעבּן דעם עבר פאַרן עתיד. שוין אַזוי לאַנג איז עס פון יענים מאמענט, פון יענער גיבּענטשטער שעה ביז יעצט? עס דאַכט זיך: אָט נעכטן, איז עס גישען... דער אָנהייב? אַ טיפּיש יידישער פול-בטחונדיקער: עס וועט שוין זיין! עס וועט שוין גישען! לאָמיר נאָר אָנהייבן פּרוּוון.

עס דאַכט זיך אַז אויפגישטאַנין איז יהודית, וועלכע האָט גימאַכט אַ פּרוּוו צו ראַטעווין ס-פאָלק אין אַן-עת צרה. עס דאַכט זיך אַז אָנגירופן האָט זיך דאָס קול פון יענער רחל, וואָס וויינט איבּער אירע קינדער, וועלכע קען נישט רוען, און איר גיוויין האָט דערגרייכט צו די אויערן פון דער פרוי, וועלכע האָט אויך נישט גיקענט רוען, האָט אויך גיוויינט איבּער גורל פון יידישע קינדער, דאָס איז גיוועזן יענער גיבּוירן-מאמענט פון בית-יעקב.

פּראָגראַם? אַ העפט מיט אַ פרויען-האַנט גישריבּן... און דער אָנהייב? ווער ביסטו? מיט וואָס ביסטו אַ יידיש קינד? אַ העפט! דו בּלעטערסט, אבער ס-העפט האָט גיצייל'טע זייטלעך... און אַפילו די באַשריבּינע זייטלעך זענין דורכזיכטיק... לייענסט איין זייטל, קוקסט צו דיר שוין ס-צווייטע... האָסט נישט וואָס צו קלערן. ס-איז פּשוט... גרייכסטו צו זיינע כּוחות, גרייכסטו אַליין צום ספר און ס-ווערן דיר אַזוי פיל זאַכן קלאָר! ביסט ביז יעצט ווי גישלאָפן... פאַרשטייסט דעם רוף: השמר לך ושמור נפשך מאוד... באַגרייפסט אַז: אין בּור ירא חטא... אַז יראה מוז מין לערנין... פאַרשטייסט דעם חורבּן אויף דער גאַס און זעסט ווי שוואַך ס-זענין דיינע כּוחות, ווי נישט דו ביסט אָרגאַניזירט.

קיין שול-ביכל, קיין אָנווייזונגין, אַלץ אין די וויקעלעך, און דאָ יעדע מינוט אַן-אייביקייט. יעדער זומער-טאָג? שווערער פּרוּוו בייצושטיין צו דערהאַלטן די קינדער, אַריינציען פרישע... אַלץ איז אַזאַ. אַפילו בית-יעקב - זשורנאַל זאָגט נישט קאָנקרעטס... נאָכנישט קלאָר. אבער ס-זענין דאָ מענטשן, עסקנים, זיי שלאָפן נישט... ראַבּאָו. ראַבּאָו באַווייזט פאַר דער ליכטיקייט דאָס וואָס איז גיוואָרן צוגיגרייט זייער שטיל, אָן רעש, ס-באַווייזט אויך אַז חברים כל ישראל. די דייטשע אָרטאָדאָקסיע קומט העלפן.

דער ראָזנבּוימישער-מאמענט איז גיוועזן אַ סך פאַר אונדזער דאַמאָלטיקע אַרבּיט.

יעצט נאָך צוואַנציק יאָר אַרבּיט שטייען מיר אויפן ריכטיקן יסוד, אויפן ריכטיקן וועג פון קלאָרקייט, פון קריסטאַליזירונג, דער ערלעכאַנישער מאמענט איז גיוועזן דער, וועלכער האָט אויפגיפירט און פעסט אַוועקגישטעלט, גיזונט אַוועקגישטעלט די רעכט-ליניע פון אונדזער שווערער אחריותדיקע אַרבּיט. דאָ איז גיבּרענגט גיוואָרן גיזונט און קלאָר יידישקייט, דאָ ווערט גילייגט בּריקן איבּער אַלע פּראָבּלעמין ·זיי צו לעזן אינים תּורה-זין. פון אַ גישריבּן העפט ביז שטייען מיטן שולחן ערוך און לערנין דיגים פון אָריגינאַל. צו וואָס? נישט אַז די מיידלעך, די בנות זאָלן זיין למדנות, נאָר זיי זאָלן זען ווי מע מוז זיין דערצויגן צו פירן אַ יידישע שטוב, ווי ווייט מע מוז פרעגן אַ שאלה... ווי ווייט מע טאָר זיך נישט שטיצן אויפן אייגינים שכל... האַרץ- און שכל-דערציאונג אַזוי אימפּאָרמירט מיך אַ יינגע לערערן... דער אונטערשיד פון צוואַנציק יאָר אַרבּיט...

גיוועזענע תּלמידות, היינט דאַצענטינס, אייגינע פּעדאַגאָגישע אייגנאַרטיקע ריכט-ליניעס באַלעבּן יעדן ענין, יעדן דין, אַ שלל פון בּיכער וואָס קומין פון אומדערמידלעכן לאָדזש, אַ בית-יעקב-זשורנאַל, רעט קלאָרע דבורים... אַ בנות שטייט—שמועסט מין—מיט, שטייט ערב אַ גרויסן וויכטיקן קאָנגרעס וואָס וועט דאָס באַווייזן. בתי׳, אַ שול-נעץ, קינדער אַריינגיטון מיטן גאַנצן חוש, וואָס קוקן אַלס צו בּרענגין נוצן אונדזער באַוועגונג, לערערן-קרעפטן, וועלכע אַרבּיטן - יאָרן, און ווילן נישט אויפהערן צו אַרבּיטן, קענין אָן דער אַרבּיט נישט לעבּן, דאָס איז נאָר אַ קורצער בליק אויף צוריק, אַ בליק, וועלכער האָט נאָכנישט אַריינגידרונגין איבּעראַל, האָט נישט אַריינגיקוקט אין יעדן גיבּיט באַזונדער, וואָס פאַרלאַנגט אַ ספּעציעלע אָפּהאַנדלונג.

אַ בליק אויף ווייטער? בּית יעקב. בּנות, אונדזער גאַנצע באַוועגונג האָט נאָכנישט גיזאָגט איר לעצט וואָרט. די יידישע גאַס איז פאַר איר, די צוקונפט קען נאָך אַ סך גאָר אַ סך בּרענגין... דערפאַר וויל איך דיר צום צוואַנציגסטן יאָר טאָג פון דיין עקזיסטענץ בית יעקב, איבּערשיקן נאָר אַ שטילע ברכה, און אַלע צו וועלכע אַרבּיטן ביי דיר זייערע טעג און יאָרן, סיי זומער אין די היצן, סיי אין לאַנגע ווינטער-נעכט, אַז ס-זאָל זיי אַלע וואָס מיינין נאָר דיין יואויל בּית יעקב, באַשערט זיין לאַנגע, לאַנגע יאָרן ביי דיר, וועגן דיר זיך צו באַמיען, און זאָלן זיי זען דיין כסדרדיקן אויפשטייג, אַז זאָלסט ווערן אַ באַשטאַנד-טייל פון יעדער יידישער שטוב, און מיר ענדיקן מיט אַ שטילער תּפלה:

ויהי נועם ד׳ עלינו, ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו.

מיר מוזן געבּן פרייד אונדזערע קינדער!

יהודית געלבּלום

אינים מאמענט ווען די בּית-יעקב באַוועגונג ציילט אָפּ דעם צוואַנציקסטן פרילינג פון איר לעבן, איז שווער זיך צו באַפרייען פון דעם באַגער זיך אַריבּערצוכאַפּן אויף אַ ווײַלע, אויף שפּאַציר אין לאַנד פון אירע אידעאַלן און אויפגאַבּן. עס שווימין דאַן אויף ווי אין אַ קאַלײדאָסקאָפּ זכרונות פון די אָפּגילאָפינע יאָרן, עס ווירקן רעפלעקסן איבּער דער גיטוענער אַרבּיט, און עס מאָלן זיך אויס בּילדער פאַר דער צוקונפט.

איך גידענק: מיט אַ פאָר יאָר צוריק האָט צו מיר גישריבּן אונדזער חשובע פרוי ד״ר ראָזנבּוים-גרינפעלד: „גידענק אַז צו אַ גוטן לערער גיהער אַלץ דאָס וויכטיקסטע די פריילעכקייט, ווייל זי באַגליקט דאָס לעבּן פון די קינדער". די דאָזיקע ווערטער פון דער פרויענלעכקייט וואָס האָט אַ ריכטונג דער באַוועגונג גיגעבּן, האָבּן דעמלט גיזאָלט באַטייטן אין דער אַרבּיט פון דער ב״י לערערן. היינט אבער זענין זיי אויסגיוואַקסן ממש צו אַ מיסיע פון דער בּית-יעקב שול.

מיר מוזן געבּן פרייד אונדזערע קינדער! אונדזער שול פאַרשטייט, אַז זי מוז דאָס אַריינגעמין אינ׳ם חשבון פון אירע צילן. אַז דאָס מוז פאַרנעמין איינע פון די ערשטע רובּריקן און אונדזער אַרבּיטס-פּלאַן, אַז דאָס איז אַן-אינטעגראַלער טייל פון איר עבודת-הקודש היינט צו טאָג. ווען אויך גלייכצייטיק אַ שווערער ענין. דער וואָגן פון צרות טאַטשיט זיך איבּער דער יידישער גאַס, און עס פּאַסירט גאָר זעלטן ער זאָל זיך פאַרגעסן אָפּצושטעלן פאַר אַ יידישער שטוב. אין דער יידישער שטוב איז פינצטער, חושך. פּרנסהלאָזיקייט, מאַנגל אינים בּייטיקסטן האָבּן זיך דאָרט אַ באַקוועמע אַכסני׳ גיפונין. עס הערשט דאָרט דער ווייטיק פון היינט און די שרעק פאַרן מאָרגן. דאָס קינד זעט די דערוואַקסינע דרייען זיך אַרום מיט גראָע פאַרזאָרגטע פּנימער. רק מע זיפצט און מע קרעכצט און מע זאָרגט. דער קנויל פון דעפּרעסיע און האָפנונגס-לאָזיקייט, פאַרוויקלט זיין גימיט אין אַ מיאוסן גיוועב, אין אַ טונקעלין קאָשמאַר. און עס קומט צו אונדז דאָס אָרימע יידישע קינד מיט טרויעריקע אויגן און אַ בלאַס פּנים.

און דאָ הייבּט זיך אָן די שווערע אבער וואונדער שיינע אַרבּיט. מיר ווייסן איינס: מיר טאָרן נישט לאָזן דעם יאוש פאַרוואָרצלין אין די הערצער פון אונדזערע קינדער. מיר טאָרן נישט לאָזן, אַז דער באַציל פון פאַרצווייפלונג,

דער גרעסטער גיפערלעכסטער יידישער שונא, זאל טויטן זייערע נשמות. מיר מוזן אים פון דארט אויסרייסן און פארזייען במקומו בטחון, אמונה אין א בעסערן מארגן. פארפלאנצן דעם אלטן יידישן אפטימיזם. מיר מוזן זיי געבן ריינע, קוועליקע תורה-פרייד. גייענדיק מיטן לאנגין אויסגיטרעטינים שליאך פון דער יידישער גישיכטע, טרעפן מיר כסדר אן אויף קוואלן פון האפינונג און גלויבן, און אויף זייער פארווירקלעכונג, פון זיי, פון אט די קוואלן שעפן מיר, שעפן מיט עמערס און טרונקין די דורשטיקע נשמהלעך פון אונדזער קליינים עולם. ושאבתם מים בששון ממעיני הישועה. —

אין זיי גארן אזוי נאך א ביסל פרייד, דאס קליינוואַרג. זיי שלינגין זי מיט לאנגע שליקן. זיי כאפן אזוי גערן אויף אין זיך דעם העלן שטראל, וואס שיינט פאר זיי אויף דא אין שול. און פרוכטבאר איז דער גרונט אויף וועלכן ער פאלט. דאס פנימל לייכט אויף, די אייגעלעך קוקן העל און גלאנצן. אין מע לאכט, הייסט דאס לאכן, הילכיק און הארציק! אין אז דו קוקסט זיך איין אין זייערע שטראלנדיקע פנימלעך, ווען זיי טאנצן און שפרינגין אין ראד, און פאטשן פאר פרייד צו מיט די הענטלעך, און אז דו אבסערווירסט זיי, ווי זיי צושיטן זיך אזוי ווי א גיווימל פון הונדערטפארביקע זומער-פייגעלעך, מוזטו מודה זיין, ווי פיינפילנד און אויסגישארפט עס זאל נישט זיין זייער עסטעטישער גישמאק: באמת, דאס איז דאס שענצטע בילד, וואס איך האב ווען גיזעען!

און קלערסט דיר דערביי: אין א מינוט ארום צוגיין זיי זיך, כדי צוריקצוקערן אין זייער נישט היימלעכער היים. אזא אויפריכטיקע הארציקע פרייד מוז מיטרייסן. אזא ריינע שמחה וואס פליסט פון קינדערישע הערצער קאן וואונדער באווייזן. זי מוז זיגן אין קאמף מיט דער טרויעריקער אטמאספערע פון שטוב. ווען נאר איין טראפן פון איר, זאל פאלן אויף די פארדארטע הערצער פון זייערע פאריאושדיקע עלטערן, מוז ער זיי באלעבן. מוזן די קנייטשן אויף זייערע שטערנס א ביסל זיך אויסגלייכן און א שמייכל אויף זייערע ליפן באווייזן. עס מוז א ביסל ליכטיקער אין דער יידישער שטוב ווערן.

און עס דאכט זיך דיר אויס, אז עס איז שוין גאר נאנט צו יענים גרויסן טאג בשוב ד' את שיבת ציון, ווען די גוים וועלן שטיין ביי די וועגן און מיט פארוואונדערטע בליקן פון זייערע ברייט צועפנטע אויגן אונדז נאכקוקן, ציען מיט די פלייצים מלא התפעלות איבער די נסים וואס השם וועט אונדז טוען און אויסרופן: הגדיל ד' לעשות עם אלה. און מיר וועלן צוגעבן; באמת, הגדיל ד' לעשות עמנו — אבער נישט נאר דאס איז עס וואס איר שטוינט יעצט אזוי דעריבער, דאס גרעסטע נס וואס השם האט צו אונז אין זיין חסד גיטוען איז — היינו שמחים! מיר זענין אין די ביטערסטע צייטן פונים לאנגין גלות גיבליבן פריילעך. (לויס הירש)

א משל פאר איינעם א משל פאר אלע...

פעסא נאשעלסקא

אין איינ:ים פון די באקאנטע לאנדאנער קלובן, איז לעצטנס פארגיקומין אן-אנקעטע — וועלכע איז באשטאנין פון איין פראגע: וואסערער כוח קען מאכן אויפציטערן דעם היינטיק-מאדערנים מענטש"? דער אינטערעסאנטסטער, און פון דער זשורי אנערקענטער אלס ריכטיקער ענטפער איז גיוועזן דער כוח פון א ציפער. באלד דערנאך האט גיפרואווט די קלוב-צייטונג אויפווייזן, אז די פעסטשטעלונג פון זשורי איז ריכטיק, און נעמין נעמט זיך עס פון דער צופיל מאטעריאליסטיש-ראציאנאליסטישקייט אין וועלכער דער היינטיקער מענטש וואורצלט. אנדערע האבן גיפרואווט באהויפטן, אז ס-איז אומגיקערט, ווייל די ציפער איז היינט צו טאג נישט קיין טרוקינע ציפער אליין... אט די חקירות אינטערעסירן אונדז וויניק, זאלן זיך מיט דעם פארנעמין קאמפעטענטערע מענטשן.

מיר פון אונדזער זייט קענין בלויז פעסטשטעלן, אז דער ענטפער איז אין א גיוויסער מאס אויסגיהאלטן. א קליינע באשטעטיקונג קענין מיר יעצט זען. מיר הערן אזא ציפער: 25 יאר. 20 יאר. און מיר געבן באלד צו, 25 יאר אגודת-ישראל, 20 יאר בית-יעקב.

צי ווערן מיר נישט אויפגיטרייסלט? צי מאכט עס אויף אונדז נישט קיין איינדרוק? ס-אינטערליגט נישט קיין שום ספק דער עפיס מיטן ציפער, און דער ציפער מיטן עפיס וועקט אונדז אויף פון גלייכגילטיקייט, ס-מאכט אפן אונדזער הארץ, ס-וועקט אונדז צו חשבון-הנפש. דער חשבון מיט זיך אליין, און מוז ווערן אריינגיפירט מיט דער שטארקער פראגע; צי האבן די אויפטון פון אגודת-ישראל איבערגישטיגן די ציפער-יארן, אדער די יארן זענין מער, און די אויפטון ווינציקער? אדער פשוטער: צי האט אגודת-ישראל פיל אויפגיטון במשך די 25 יאר זייט איר ארגאניזירונג אדער ווייניק?

מיר קענין ענטפערן יא! און ניין! יא! ס-הייסט; — אגודת-ישראל האט אין דער פארהעלטניסמעסיק קורצער צייט (וואס איז 25 יאר אויף אן-אנטוויקלונג פון א באוועגונג). א סך, גאר א סך גיטון. גינוג אויפצואווייזן, אז זי האט אויפגיטון אויף אלע גיביטין, פאליטיש; אראפגיווארפן פון זיך דעם עול עון די נישט גיוואונטשענע-„פארזארגער". סאציאל: אייגינע קאאפעראטיווע בענק. גמילות-חסד קאסעס, זומער קאל. פועלי א"י ארג. און אחרון אחרון חביב, חנוך גיביט: בית-יעקב שול (היינט 20 יאר פון דער ערשטער שול גרינדונג). סעמינאר בנות אין בתי', צעירים, פרחי, ישיבות, יח"ל, פרעסע, ליטעראטור או"וו. אט דאס אלס איז דער פארדינסט פון אגודת-ישראל. הייסט עס; אז זי האט פיל אויפגיטון, מיר לאזן אבער דעם ניין! אויך, אגודת-ישראל האט אויגיטון פיל, אבער וואס זי האט נאך גיקענט אויפטון און נישט אויפגיטון, וואס זי האט נאך גידארפט טון און נישט גיטון, הייסט מעסטנדיק וואס ס-איז נאך דא צו טון הייסט אז ס-איז ווינציק גיטון גיווארן. די רעזולטאטן קענין אונדז ווייט נאך-נישט באפרידיקן, ס-איז נאך אזוי פיל צוטון, אפשר מער ווי ס-איז גיטון

געווארן, ווייל אויסער שאפן פרישיס, פארלאנגט זיך דערהאלטן די שוין דערוואָרבינע פאזיציעס, און מיר ווייסן דאך, אז צו דערהאלטן איז אמאל שווערער ווי שאפן. ווייל שאפן איז מערסטנטייל באהויכט פון התלהבות. און דאס מאכט אונדז שעפעריש, דאס מאכט אונדז אקטיוו, ביים דערהאלטן איז די אנשטרענגונג אמאל א גרעסערע, און עס פארלאנגט זיך פיל מער כוחות.

לײדער... לאזט זיך מערקן עפיס נישט פריילעכס, דאס התלהבות פאר אגודת-ישראל, דאס אמתע התלהבות וועלכע פליסט פון אן-אינערלעכער נשמהדיקייט ארויס — פעלט, און הייבט אן וואקסן מער צו פעלן אין די רייען פון די אגודה גופא, די קאלטקייט אין די אגודה-רייען נעמט זיך פילייכט; פון פארגעסן די ערשטע טריט פון אגודת-ישראל, פון פארגעסן די קוועלע פון וועלכע אגודת-ישראל האט זיך אויסגיוויקלט, פון נישט גידענקין דעם ראשית אונדזערן. — דעריבער, דארף אונדז פרייען דער היינטיקער אלמאנאך לכבוד 25 יאר אגודה, וועלכע רופט אונדז: זכור תזכור, גידענק, מאין באת? פילייכט וועט עס פארשפארן דעם לאן אתה הולך? מיין צושטייער וועט דא זיין א פאקט. וואס איז טיף אריין אין מיין זכרון: גיוועזן איז עס מיט א יאר 13-14 צוריק מ-האט אנגיהויבן דעמלט צו גרינדין אגודות אין אלע שטעט פון פוילן און צו דעם צוועק פלעגט ווערן גישיקט אינסטרוקטארן, וועלכע פלעגן דערקלערן די צילן פון אגודת-ישראל.

איין מאל פרייטיק איז גיוועזן גימאלדן אין דעמלסטיקן טאגבלאט „ייד" אז שבת וועט האלטן א רעפעראט אין בית-מדרש אין אסטראלענקא דער אגודה אינסטרוקטאר ה' פרידנזאן, (ה' פרידנזאן איז גיוועזן דער ערשטער אגודה אינסטרוקטאר אין פוילן). דער אינטערעס צום רעפעראט איז גיוועזן אן-אויסערגיוויילעכער. נאך מיט א שעה פריער איז דאס בית-המדרש גיוועזן פול גיפאקט. אין בית-המדרש האט מין גיזען פארשידענע פנימער, אלטע יינגע, מיטלע א מיש-מאש פון קולות האט זיך גיהערט ווי ווייט, די גאלעריע פאר פרויען איז אויך גיוועזן פול. נאך לאנג בעטן זיך האט מיך מיין מוטער מיטגינומין. איך האב ארויסגיקוקט דורכן פענצטער און כ'בין פשוט פארוואונדערט גיווארן. כ'האב זיך גיוואנדן צו מיין מוטער מיט דער פראגע: אסטראלענקא איז טאקי אזוי גרויס? איך האב שוין נישט גיקענט קיין ענטפער באקומין ווייל ס-איז דארט שטיל גיווארן, האב איך פארשטאנין אז ס-הייבט זיך שוין אן. ה' פרידנזאן האט אנגיהויבן זיין רעפעראט, איך האב ווינציק פארשטאנין איך האב אבער באמערקט אז ה' פרידנזאן רעט מיט ברען, מיטן גאנצן הארץ וועגן אגודת-ישראל, ווי ס-איז וויכטיק די פאראייניקונג פון אלע רעליגיעזע יידן, ס-איז א חילול ד' אז א פרייער ואל זיין אונדזערס א רעפרעזענטאנץ ביי די אומות-העולם, א. א. וו. איין קוק אויפן עולם האט בולט גיוויזן, אז זיי האבן נישט קיין צוטרוי צום פרעלעגענטס אויספירונגין. וואס הייסט, עפיס א פרומער

ייד זאל קענין אנקומין צום סטאראסטא וכדומה? אלימינס פנימער האט אויסגידרוקט באדווירן, אונצוטרוי מער נישט.

זעט אויס אז ה' פרידנזאן האט עס באמערקט, און זיך גיוואנדן צו די פארזאמלטע מיט פאלגנדע ווערטער: איר ווייסט נישט וואס די אגודה וויל, איך וועל אייך זאגן א משל וועט איר עס פארשטיין. (דעם נמשל) ה' פרידנזאן דערציילט: א חכם איז אמאל גיגאנגין מיט זיינע צוויי תלמידים שפאצירן ס-איז פונקט גיוועזן א הערליכער זומער טאג, זיי גייען אזוי פארטיפט אין א גישפרעך. אין מיטן באמערקן זיי א קוואל וואס האט זיך גיפונין נישט ווייט פון א וואלד, דאס וואסער פון קוואל איז גיוועזן ריין, קלאר און ס-האט גילויכטן קעגן די זון ווי קרישטאל, דער חכם מיט זיינע תלמידים זענין צוגיגאנגין נענטער, זיך גיזעצט ביים קוואל, גיטרונקן א ביסל וואסער פון אים און א ביסל גירוט, אין מיטן האט דער חכם אויפגיהויבן די אויגן האט ער גיזען א גרויסן שטיין, און אויף דעם שטיין איז גיוועזן אויסגיקריצט פאלגנדע ווערטער; „לעולם הוה דומה למעין הזה"! דער חכם האט זיך שטארק פארוואונדערט און דאן זאגט ער: מיינע קינדער! לעזט מיר דורך די שריפט און זאגט מיר דעם פשט און כונה דערפון, איז אויפגישטאנין איין תלמיד און האט גיזאגט; מה המעין הזה מקיר מימיו בלי הרף, זורם למרחוק ויבולע אל קרבו מימי מעינות אחרים, עד שהוא משתרע ומתפשט מאד ונעשה לנהר גדול ורחב ידים, אזוי איז פארפליכטעט דער מענטש צו פארברייטערן זיינע מעשים תמיד, צו טון זיין פליכט אן אויפהער דאן וועט דער מענטש גרויס ווערן, און זיין גליקליך אויף די וועלט. איז אויפגישטאנין דער צווייטער און ער האט גיזאגט: איך מיין אנדערש, די ווערטער ווילן דעם מענטש לערנין

א גרויסן מוסר. כשם המעין מימיו זכים וצלולים מכל רפש ווהמה, אזוי ווי דער קוואל איז ריין פון יעדע בלאטע און שמוץ, אזוי איז פארפליכטעט דער מענטש זיך צו באמיען, אז זיין נשמה זאל זיין ריין מכל מחשבה רעה ותאו, בזוי', דען דער קוואל — ווען ער איז ריין, גיט ער כח צום מידן. און דערפרייט דעם דורשטיקן, אבער ווען די וואסער פון קוואל וועלן ווערן שמוציק איז אפילו ער וועט זיך צושפרייטן אויף דער גאנצער וועלט למי הי' מהנה? ומי מקבל טובתו ממנו? דער חכם האט זיך גיפרייט פון די קלוגע ווערטער פון זיינע תלמידים און ער האט גיזאגט; גוט מיינע שילער: ס-איז ריכטיק וואס איר האט גיזאגט, איך וועל בלויז עפיס צוזאגין, אט די שריפט אויפן שטיין קומט אונדז לערנין עפיס וויכטיקעס' „מה המעין הזה גומל חסדים טובים לבריות בכל שעה ושעה ואינו מקבל פרס, ואינו מחזיק טובה לעצמו, כך האדם חייב לעשות צדקה וחסד עם כל ברי', שלא על מנת לקבל פרס, ושלא על מנת להחזיק טובה לעצמו", ביז דאן דער משל, ה' פרידנזאן, האט אים בארעכטיקט מיט די פאלגנדע ווערטער; דאס וויל אגודת-ישראל איז נישט וועזנטליך קיין נייעס, זי וויל קלאר מאכן אז די גרעסטע נייעס ליגט אין אונדזער אלטער תורה. דער עולם איז אוועק פון רעפעראט א צופרידענער, און אלס פועל-יוצא דערפון, האט זיך אין אסטראלענקא גיגרינדעט אן-אגודה וועלכע איז גיוועזן איינע פון די אקטיווע לאקאלע גרופן, לײדער גיוועזן, דאס וואס ס-איז נישט היינט נעמט זיך פון פארגעסן אונדזער ראשית, דעריבער איז דערמאנט גיווארן דער משל וועלכע איז פון איינים אבער פאר אלע...

בית יעקב יום טוב אין קשאנאוו

ראש חודש אייר האבן מיר גיפייערט דעם 10 יעריקן יובילעאום פונים אנטשטיין די „בית יעקב" שול אין קשאנאוו, ביי די גילעגנהייט איז דורך די באמיאונג פון אונדזערע לערערנס פארגעקומין א בחינה, אויף וועלכן עס זענין גיוועזן פארבעטן אלע חשובע פאטערס פון די בית יעקב קינדער און דא האבן מיר אויך גיהאט דעם כבוד צו באגריסן דעם חשובן גאסט הרב הירשהארן, וועלכער האט נאך דעם צוהערן צו אונדזערע תשובות גיהאלטן א רעפעראט אין וועלכן ער האט אויסגידרוקט זיין צופרידנקייט ווינטשנדיק אונדז פיל גליק אין אונדזער ווייטערדיקע ארביט.

יא, שוין 10 יאר פאריבער זייט דער גרינדונג און אנטשטייאונג פון „בית-יעקב" אין קשאנאוו. פאר 10 יאר צוריק איז גילייגט גיווארן דער גרונדשטיין פון דער היגער ארטאדאקסישע יוגנט-באוועגונג, איז אלזא דער טאג, דער דאזיקער יובל טאג פאר בית יעקב, איז פאר אונדז א זמן פון חשבון הנפש, פון בילאנסירן און אונטערציען א סך הכל, במשך די יארן.

בית-יעקב האט זיך אינים יידישן לעבן גישטעלט די הויכע אויפגאבע אויסצובילדן דאס צוקונפטיגע דור אינים גייסט פון דער תורה, צו שאפן די גרויסע פאלקס באוועגונג וואס זאל מיט א מעכטיקן כח זיך אריינרייסן אין יידישן לעבן, צו ערציען די יוגנט און זיי ארונטער נעמין אונטער די פליגלן פון דער תורה, די שול איז פאר אונדז א היים, די היים וואס מיר טוען זיך פארפאלקאמין, ווערן בעררייכערט מיט ידיעות היהדות. וואס דארף אונדז דינין אין אונזער ווייטערדיקן לעבנס-וועג. מיר טוען זיך אויסארביטן רעליגיעז-יידישע-אנשויאונגין כדי אינים נייטיקן מאמענט ארויסצואווייזן מסירת-נפש און עקשנותדיקן אויסדויער אינים קאמף פאר דערהאלטונג פון דער רעליגיעזער אייגנארט פונים יידישן פאלק.

יא, ווען נישט בית-יעקב וואלטן מיר אפילו נישט גיוויסט וואס עס איז, און וואס פאר א אויפגאבע עס האט א יידישע טאכטער, יעצט ווען אויף דער וועלט איז אזוי שלעכט, מע רודפט און מע פייניגט אונדז, און ווען עס רייסט זיך ארויס פון צואווייטיקטן הארץ דער פארוואס? ענטפערט מען אונדז, ווייל די ביסט א ייד. און ווען מיר בליקן אזוי אויף די לײדן וואס זיי פארשאפן אונדז, און טראכטן וועגן דעם אז דאס גלות איז אזוי לאנג צו קענין מיר נישט פארצווייפלן אז דאס וועט שוין נישט זיין קיין סוף דערצו? אבער מיר קומין אין בית יעקב מע לערנט אונדז, מיר טרינקן מיט דורשטיקייט די ווערטער פון ה' ווי ער זאגט אונדז: „ברגע קטן עזבתיך וברחמים גדולים אקבצך", ביין! ווען איר האבן „בית יעקב" קענין מיר נישט פערצווייפלן און דא בלייבן מיר שטיין באטראכטנדיק זיך ווען מיר האבן דאס אלץ צו פארדאנקן.

יא, דאס אלץ פארדאנקן מיר נאר איר דעם גרויסן גייסט וואס מיר האבן גיהאט די זכי' צו לעבן אין איר צייט, שרה שענירער ע"ה איז עס, זי איז גיוועזן די גרינדערין פון אלע בית יעקב שולן פון וואנט עס גייען ארויס פיל אזעלכע יווי מיר מיידלעך, גילערנט אין איר גייסט, אין גייסט פון תורה און יידישקייט מיר מיידלעך פון 7 קורס קענין ערשט זאגן וואס מיר האבן איר צו פארדאנקן, וואס מיר האבן דורך איר דערווארבן.

יעצט וועלן מיר זיך נאך צוריקקערן מיט 7 יאר צוריק ווען מיר האבן דאס ערשטע מאל זיך דערוויסט וועגן שרה שענירער ע"ה און איר ווירקן. גיוועזן איז עס דעמלס ווען מען האט אונדז גיפירט דאס ערשטע מאל אין בית יעקב, מיר זענין גיוועזן קליין און יונג ווי א קינד פון ערשטן קורס, און באלד ווען עס איז גיקומין צו אונדז אין ערשטן טאג שרה שענירער האבן מיר נאך נישט גיוויסט ווער און וואס זי איז פאר אונדז, באלד ווען זי האט אונדז דערציילט פארשידינע מעשות וועגן באשעפער און יידישקייט האבן מיר דערפילט צו איר א ליבע נאך דעם האבן אונדז ערשט די לערערנס דערציילט וועגן איר און וואס מיר האבן איר צו פארדאנקן. צו יונג אבער זענין מיר דאמלס גיוועזן דאס צו פארשטיין, ערשט מיט די צייט ווען מיר האבן ווייטער גילערנט מיר זענין עלטער גיווארן האבן מיר פארשטאנין איר אומגיהויער ווירקן פאר אונדז.

אבער דער טויט וואס נעמט אלע מענטשן האט זי לײדער אויך פון אונדז אוועקגינומין. שרה שענירער איז שוין נישטא צווישן אונדז. א טרויער איז גיפאלן אויף אלע, א פחד, זי איז שוין נישטא! אזוי ווי א וואונד טוט דאס הארץ ווייל זי לעבט שוין נישט אבער זי האט אונדז איבערגילאזט איין ציל: גיין אין יידישע וועגן און פארשפרייטן יידישקייט, זי האט אונדז ליכט איבערגילאזט און מיט זיי אונדז גיהייסן אין דער פינצטערניש בעלייכטן, און מיר בית יעקב שילערנס דארפן דאס צו ערפילן און זיין א פאר בילד פאר אלע אנדערע, דעמלס וועלן מיר האבן ערפילט איר ווילן, דעם ווילן פון א גרויסן מענטש.

יעצט אין דעם 10 יעריקן יובילעאום וועלן מיר אייך דאנקן אונזערע חשובע לערערנס וועלכע האבן זיך אזוי זייער באמיט ביי אונז און מיר שווערן אלע מאל צו גיין אין די וועגן וואס שרה שענירער האט גיוויזן פאר אונדז, שטענדיק האבן דעם גידאנק אז מיר קעמפן פאר תורה, אונדזער פאלק און אונדזער הייליק לאנד, ווייל אפילו אונדזער מוטער לעבט שוין נישט צווישן אונדז, דאך איר גייסט וועט אייביק זיין צווישן אונדז, אויף אייביק וועט איר אידעאל גישטאלט שטיין אלס איין מוסטער-בילד פאר אלע וואס גייען אין אירע דרכים.

קשאנאוו, אייר תרצ"ז.   7 טער קורס בית-יעקב.

רייזל ראזא-דאפנער

א וואָרט צום „בנות"-קאנגרעס

גרויס פרייד האט ביי מיר אַרויסגירופין די ידיעה אינים „טאָגבלאַט" וועגן דער אַרביטס-פאַרמיטלונגס-שטעלע, וואָס איז גיעפנט גיוואָרן ביי „בנות" אין לאָדזש.

שוין זייער אַ סך איז וועגן דער נייטיקייט פון שאַפן אַזאַ מין וויכטיקע פאַר-מיטלונג-שטעלע גירעט און גישריבן גיוואָרן און ענדלעך איז עס גישעען. מיר זענין דעריבער איבערצייגט, אַז ס-וועט פון אונדזערע קרייזן ריכטיק אָפגישאַצט און פאַרשטאַנין ווערן.

מיר פאָדערן נישט קיין טובות אדער וועלכע ס-איז קרבנות. נאר פשוטער פאַרשטענדניש.

זאלן מיר מודה זיין ווי אפט ס-איז אונדז אויסגיקומין אַריינצופאַלן אומ-באַוואוסט צו אַזעלכע מענטשן מיט אַ שטיקל אַרביט אין וועלכער מיר האבן זיך גינייטיקט, וואָס זענין אונדז גיוועזן ווייט, ווייט נישט צום האַרצן זיי צו טערשטיצן...

יעצט האבן מיר שוין אַנ-אייגינע אַדרעס, אייגינע נאָנטע מענטשן. צו אייגנס גייט זיך אַנדערש און מע פילט זיך אין אַ היימישער סביבה בכלל אַנדערש, ליבער גישמאַקער וועט זיך טראָגן דאס קלייד, דער הוט אא"וו. וואָס איז דורך אונדזערס אַ „בנות"-חברה גיאַרביט גיוואָרן.

נאָך אַ וויכטיק אַרביטס-געביט קען דאָ אויסער די פאַרשידענע פאַכן איינגי-שלאסן ווערן און דאָ פאָדערט זיך שוין אַ גרעסערע אויפקלערונג ספּעציעל אין אונדזערע קרייזן.

איך מוז אונטערשטרייכן אין אונדזערע קרייזן ווייל אין אַנדערער קרייזן קומט עס גאָרנישט אין באַטראַכט ס-זאל דאַרפן אויפגיקלערט ווערן; דאָרט איז עס שוין אַ זעלבסט-פאַרשטענדלעכע זאַך. מיר זאָגן דאך „מאויבי תחכמני" זאלן מיר זיך - טאַקע פון אונדזערע אידעאישע געגנער נעמין אַ מוסר-השכל.

מיר זענין דאָ אויסן צו באַרירן די באַשעפטיקונג אין דער הויז-ווירטשאַפט היינט-צו-טאָג ווען מיר ווערן אויף שריט און טריט אַרום גירינגלט מיטן אַריער-פּאַראַגראַף — איז דאָס האַלטן אין שטוב אַ נישט-יידיש שטוב מיידל פון גרויסער אחריות, הן פון יידישן שטאַנדפונקט הן פונים אַלגימיינים — בלייבט אונדז נאר איבער צו באַשעפטיקן אַ יידיש מיידל. און ווי זעט עס אויס מיט אט די פראַגע? — מיר מוזן זאָגן אַז זייער קריטיש! ווייל די לעצטע אדער זיי שעמין זיך געפערליך מיט זייער באַשעפטיקונג, האַלטן זיך פאַר מענטשן צווייט-ראַנגיקע, שטרעבן נאר ביי דער ערשטער מעגלעכקייט זיך צו באַפרייען פון אט דער באַשעפטיקונג. באַזיפצן און באַקרעכצן זיך כסדר, טון די אַרביט אבי יוצא צו זיין, וואָס קען דעם אַרבעטס-געבער נישט באַפרידיקן אויף קיין שום פאַל. חוץ לזה באַשטייט דער עלעמענט פון אַזאלכע טיפּן, וואָס האבן שוין שלום גימאַכט מיט זייער גורל, אבער וואָס טון זייער אַרביט אָן דער מינצטע מאראַלישער אחריות. נישטאָ עס ביי וועמין צו פאָדערן!

אומבאַוואוסט ווערן פאַרלאזט וויכטיקע ענינים פון יידישקייט וואָס דאַרפן אין אַ יידישע קוך אָפגיהיטן ווערן ווי מילכיקס און פליישיקס, און אַנדערע דינים פון כשרות.

דער שווערפונקט ליגט נאך דערין, וואָס מע ווייסט, אַז אויף אַ יידיש קינד פאַרלאזט מען זיך. גייט זיך די הויז-פרוי אַלס מיטהעלפערן אין גישעפט אַריין און דאָס יידישקייט אין שטוב פירט זיך נישט אין גאַנצן אין אָרדינונג.

אונדזער אויפגאַבע איז דאָס וויכטיקע פראָבלעם צו לעזן, אַזא פארים וואָס זאל צופרידנשטעלן אי אונדזער באַדערפינישן אי די ביי אונדז באַשעפטיקטע. דער עיקר מוזן מיר אַ וועקשטעלן די באַשעפטיקונג פון הויז-ווירטשאַפט אויף אַ העכערער מדריגה, וואָס זאל קיין בושה נישט אַרויסרופן. דערגרייכן וועלן מיר עס מיט אַנ-אויפקלערונגס-אַרביט צווישן די בעסערע רעפלעקטאַנ-טינס אויף דער באַשעפטיקונג צו ציענדיק אַלס מער אין דעם קרייז. דורך פאַרשידינע רעפעראַטן, פאָרלעזונגין און גישפרעכן וועגן דעם אחריות פאַר אמת יידישער הויז - ווירטשאַפט, הייבן ביי די דאזיקע מייד-לעך דאָס גיפיל פון זעלבסטווירדע און די הויפט-זאַך געבן זיי מעגלעכ-קייטן צו זיין עטלעכע מאָל אין דער וואָך פריי אין די אָוונטן, צו קענין באַזוכן די פאָר זיי ספּעציעל איינגיאָרדנטע קורסן ביי „בנות" פאַר לערע און אויפקלערונג

פירן אַנ-אויפקלערונגס - אַרביט וועגן דער וויכטיקייט צו באַ-שעפטיקן אַזעלכע מיידלעך און די הויפּט-זאַך זיי מקרב זיין, זיי זאלן זיך נישט פילן גיפאַלן ביי זיך.

זעען מיר דאך אינים „איזראַעליט" ווי אַפט עס ווערט דאָרט אַנאַנסירט וועגן „אַ מעדכן צו די ריטועלער קוכע" און אומגיקערט זוכן מיידלעך פּאסטנס. אונדזערע מערב-שוועסטער זענין בנוגע דעם גאַנץ אַנדערש דערצויגן ווי ביי אונדז, דאָרט שעמט מין זיך נישט מיט קיין הויז-ווירטשאַפט, נאר מין גי-דענקט אינים „חכמת נשים בנתה ביתה", מע צאַצקיווט זיך נישט מיט די לאַקירטע נעגל און אויסגיאיידלטע הענט נאר מע טוט אַלעראַרט הויז אַרביט, שפּעטער איז מין מענטש מיט אַלע גלייך, קען מין אַפילו אַרויסגיין אויף דער פרייער נאַטור מיט דער פאלעט-פאַרבן און מאָלן אַ שיין פּייזאַזש-בילד.

ביי אונדז אין פוילן האט דער ציוניסטישער קיבוץ גישלאָגן דעם רעקאָרד פון נישט שעמין זיך מיט אַרביט, מיר מוזן עס מודה זיין:

איך ווייס עס פון גאַנץ זיכערע קוועלן, דאָס זייער פיל פון די זעלבע ווערן באַשעפטיקט אין די רעליגיעזסטע הייזער ביי דער הויז-ווירטשאַפט, ספּעציעל די צוקונפטיקע עולות קיין א"י.

פאַרוואָס זאלן מיר גאָרנישט טון אויף דעם גיביט? וואָס זאָל אונדזער גיוויסן שווייגן אויף דער עוולה פון די צענדליקער פראווינצער מיידלעך וואָס קומין אין דער גרויסער שטאָדט אַלס היימישע קינדער זוכן באַשעפטיקונג און אויס נויט און מאַנגל אין רעליגיעזע שטעלעס, אָדער בעסער גיזאָגט ווייל ס-פעלט זיי די ריכטיקע אַדרעס וואו זיך צו ווענדן ווערן זיי גיצוויגגין מחלל שבת צו זיין, און צו טון פאַרשידנס, וואָס עס איז אין סתירה צו יידישקייט.

ס-וועלן זיכער נישט פעלן אַזעלכע, וואָס וועלן זיך סקעפּטיש באַציען צום גאַנצן ענין, אבער צו האבן מיר פאַר 5 יאָר צוריק גיהאָט די גאַראַנטיע אינים היינטיקן ערפאָלג פון „בנות" אדער ביים ב"י גרינדן גיזען די היינטיקע דערגרייכונגין, אַזוי וועלן מיר אי"ה דערציען אמת יידישע הויז ווירטנס פאַר יידישע הייזער.

זאל דער „בנות" קאנגרעס זיין וואָרט זאָגן וועגן דעם.

ס'זענין צו באַקומין פאלגענדע ביכער און בראשורן:

1) אגודת ישראל – רבי יעקב ראזנהיים — — —	0.50
2) גאולה פון לשון – ד"ר ש. בירנבוים — —	0.40
3) ווערטער-ביכל - - - - - - - - - - - -	1.00
4) שמונה פרקים אין יידיש - ראגאווי — —	0.95
5) די מאַמיס צוואה – שרה שענירער — — —	1.25
6) גיזאמלטע שריפטן - - - - - - - - - -	2.00
7) קולטור - פראגראַם – י. ל. ארלעאַן — — —	1.00
8) ביאגראַפיע פון ד"ר דייטשלענדער – יאַקובזאן —	0.40
9) בית-יעקב-בראשור אין פויליש – הרב לעווין —	0.04
10) וואָס וויל „בנות" א. כ. ראגאווי - - - - -	0.40
11) ימים-טובים-בוך - שרה שענירער — — -	1.25
12) מענטשן פונים דור – אלימלך שטייער — -	2.25
13) די פאַרהויליגע קדושה – ד"ר מ. אַשער - -	0.95
14) פוילישע בראשור פון ה' זיידמאַן — — -	0.95
15) די העלדין פון געטא – ש. ראטשטיין - -	2.25

שוין דערשינין אַ נייע פאַרבעסערטע אויפלאַגע פון „יידיש לשון" דריטער באַנד

אויך זענין צו באַקומין די שול-ביכער:

1) עברי אנכי, 2) לשון עבר 3) יידיש לשון, 4 יידיש לעבן 5) ראשית חכמה.

קאנגרעס פון בנות־אגודת־ישראל אין לאדזש

מאָנטיק, דינסטיק און מיטוואָך פ' שלח, כ"א, כ"ב און כ"ג סיון תרצ"ז

דער גרויסער אינטערעס צום היסטאָרישן אַקט

די ס־איז גיוועזן פאַרצוזעען, האט דער בנות-קאָנ-גרעס אַרויסגירופן אַ גרויסן אינטערעס אין דער יידישער פרויען-וועלט.

מיט רעכט ווערט אָנגיוויזן דערויף, אַז גראָד יעצט אין דער שווערער דעפּרעסיע-צייט ווען אַרום און אַרום הערשט אַפּאַטיע און גלייכגילטיקייט צו די הייליקסטע קנינים פון יידישן פאלק, איז עס פון וואָגיקער באַדייטונג אַזאַ כינוס פון דער תורה־גי-טרייער יידישער פרויען-מחנה.

די בנות-צענטראַלע באַקומט פון אַלע אגודה-פירנ-דיקע פּערזענלעכקייטן כסדרדיקע אויפמונטערנדיקע רופן צו דער דאזיקער וויכטיקער איניציאַטיוו. די אגודיסטישע וועלט זעט אין דעם בנות-קאנגרעס, נישט בלויז אַ קאנסטרוקטיווע טואונג פאַר דער פרויען-באַוועגונג, נאר בכלל אַ נייען כוח פאַר חיזוק פון תורהאון יידישקייט ביים גאַנצן פאלק.

אין די בנות-קרייזן איז זייער אַ גיהויבינע שטימונג אומיטום. אין יעדן אַרט ווערן גיקליבן אַלס דעלע-גאַטנס די פּעאיקסטע און אַקטיווסטע פירערנס. ס־קומין אויך פאָר אין פיל ערטער עפנטלעכע פאַר-זאַמלונגין אויף וועלכע ס־ווערט דערקלערט פאַרן ברייטן עולם דאס חשיבות פונים גרויסן היסטאָרישן אַקט. אין וואַרשע און אין לאָדזש איז אויף די ספּעציעלע קאנגרעס-פאַרזאַמלונגין אויך אַרויסגי-טרעטן מיט שטאַרקע רעדיס דער פירער פונים צענטראַל-סעקרעטאַריאַט ח. פרידנזאן.

בכלל איז די שטימונג אין גאַנצן לאַנד פאַרן קאנגרעס זייער אַ גוטע. זייער פיל האַלטן, אַז היות אַזאַ קאנגרעס קומט פאָר אַ מאָל אין יאָרן, איז כדאי די באַמיאונג און קאסטן אפילו צו קומין פון ווייטסטן ווינקל אינלאַנד. באמת קייגן דעם גרויסן גייס-טיקן פאַרגיניגן און אין שייכות מיט דער ערנצקייט פון דעם גראַנדיעזן כינוס, איז כדאי די ווייטגייענד-סטע אָנשטרענגונגין זיך צו באַטייליקן אינם קאנג-רעס.

דער רייכער סדר־היום

הגם ס־קענין אַריינקומין קליינע שינויים, שטעלט מיט זיך פאַר דער סדר־היום אויף דעם אופן:

מאָנטיק 4 נאָכמיטיק פינקטלעך: 1) עפינונג-רעדע פון דער פרעזעסן פרוי חי' קאן 2) אזכרה נאָך נתן בירנבוים, ד"ר שמואל דייטשלענ-דער און שרה שענירער עלי' השלום 3) צווייטע עפינונג-רעדע פון רעד. א"ג פרידנזאן 4) אזכרה נאָך די קדושים אין א"י 5) באַגריסונגין פון לאָד-זשער קערפּערשאַפטן: קהלה, ראַבינאַט, אגודה, בית־יעקב-שול „בנות", „נשי" „אהל שרה", באַזונדערע באַ-גריסונגין פון דער וועלט-אָרגאַניזאַציע אגודת־ישראל, וועלט-אָרג. „בית־יעקב", אגודה-צענטראַלע אין פוילן, בית־יעקב־סעמינאַר פון קראָקע, פון בנות אין אר"י, אָרטאָדאָקסישע פּרעסע, פרויען-אָרגאַני-זאַציעס אין אויסלאַנד אאַ"וו. באַלד נאָך די באַגרי-סונגין וועט האַלטן אַ רעפעראַט דירעקטאָר י"ל ארלעאַן. דאַן וועלן ווערן פאַרגילייענט די נעמין פון די קאמיסיע-מיטגלידער.

דינסטיק צווייטע זיצונג 11 פרי:

1) רעפעראַט פון דאַצ. פרוי ביעגון וועגן שליחות פון „בית־יעקב" און „בנות" אין דער יידישער וועלט 2) אַ וואָרט צום באַריכט פון א"ג פרידנזאן (דער באַריכט וועט זיין גידרוקט) 3) דער אָנהייב פון די וויכוחים. פון 4 ביז 6 וועלן אָנהייבן טעטיק זיין די קאמיסיעס. 6 אָוונט די 3-טע זיצונג 1) המשך פון די וויכוחים 2) רעפעראַט פון דאַצ. אסתר גאַלדשטאַף וועגן די קולטורעל-דערציערישער אויפ-גאַבן פון „בנות". 3) רעפעראַט פון דיר. נ. בערלי-נער וועגן דער סכנה פון לשון אַסימילאַציע 4) רע-פעראַט וועגן ארץ-ישראל (איינע פון דער ארץ־ישראל-דעלעגאַציע) 5) רעפעראַט וועגן יהדות־אויפ-גאַבן פון דער ייד־שער פרוי אסתר הייטנער.

מיטוואָך 11 פרי די פערדע זיצונג:

גלייכצייטיק וועלן טעטיק זיין אַ טייל קאמיסיעס 1) רעפעראַט וועגן נשי אגודת־ישראל פון פרוי פּעסע גוטמאַרגן 2) רעפעראַט וועגן סאָציאַלע פראַגן פון פרל. שיינע קאַפּוסטאַ 3) וויכוחים.

צווישן 4 און 6 וועלן ווייטער טעטיק זיין אַלע קאמיסיעס. נאָך 6 אָזייגער 1) סוף פון די וויכוחים. רעפ. פרל. פּעסע נאַשעלסקאַ וועגן דער אַרט. פּרעסע 2) רעפּ. פון דיר. א"ז פרידמאַן וועגן דער פרוי אין דער אגודיסטישער באַוועגונג 4) פאַרלייענין די פאַרשלאָגס-החלטות פון די קאמיסיעס 5) קלויבן אַ צענטראַל-ראַט 6) שלוס-רעדיס פון לערערנס פון פירערנס און אגודה-פּערזענלעכקייטן.

אינים קאנגרעס באַטייליקט זיך מצד דער וועלט-צענטראַלע פּרעזידענט רבי יעקב ראזנהיים, הרב וואלף יאַקובזאן און א. ה. גידמאַן.

וואָס זאָגט דער סדר־היום

ווי מיר זעען נעמט אַרום דער סדר־היום סיי אַ רייכן מאַניפעסטירנדיקן טייל פון דער באַוועגונג, און סיי, דאָס דער עיקר, אַנ־ערנצטן זאַכלעכן כאַ-ראַקטער פון די ברענינדסטע פּראָבלעמין פון דער יידישער פרוי און יוגנט. אויף וויפל ס־קענין נאָך אַריינקומין קליינע ענדערונגין אינים סדר־היום, קען עס נאר זיין, כדי נאָך פּראָדוקטיווער צו מאַכן די באַראַטונגין פונים קאנגרעס. ס־זענין אויך פאַר-גיזען אַ ריי פּראָיעקטן למשל: 1) אונטערנעמין אַנ־אינטענסיווע אָרגאַניזיר-אַקציע פון בנות-גרופּיס אין יעדן שטעטל און צו דעם צוועק דורכפירן אַ גרויסן טורנע פון בנות־פירערנס אין גאַנצן לאַנד 2) קולטורעל באַלעבן, דערפרישן און מחזק זיין די עקזיסטירנדיקע בנות־סניפים און דערוועגן אויסאַר-ביטן אַ ברייטן פּלאַן. 3) אונטערנעמין אַ ברייט פאַרצווייגטע פאַרלאַגס-אַרביט און שאַפן אַ פאָנד, וואָס זאל העלפן דעם פאַרלאַג „בית־יעקב" דורכ-פירן גיוואָגטע אונטערנעמונגין פאַר אונדזער ליטע-ראַטור 4) שאַפן אַ באַראַטונג שטעלע אויף צו גרינדן אין אַלע גרעסערע בנות-סניפים קאנצעסיאָנירטע פאַך-קורסן. 5) אויפשטעלן אין לאָדזש און וואַרשע גרויסע היימין פאַר פּראָווינצער בנות-חברות, וואָס קומין זיך לערנין אַ פאַך, אדער סתם פאַרדינין 6) ענדלעך רעאַליזירן דעם גידאַנק פון אַקטיוויזירן די יידישע פרוי פאַר דער גיזעלשאַפטלעכער אָרטאָ-דאָקסישע אַרביט 7) אונטערנעמין אַ ברייטע פּראָפּאַ-גאַנדע ביי די אָרטאָדאָקסישע מאַסן צו געבן אַר-ביט און באַשעפטיקונג רעליגיעזע יידישע מיידלעך 7) אונטערנעמין אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע-אַקציע, אַז די ברייטע יידישע מאַסן זאלן געבן זייערע קינדער אַ תורהדיקע דערציאונג 9) אין יעדן אַרט שאַפן פרויען-קאמיסאַריאַטן פאַר חיזוק־הדת, כשרות, צניעות, חינוך אאַ"וו 10) אַריינפירן די אָרטאָדאָק-טישע פּרעסע אין יידישע שטובן 11) אַ פּראָיעקט ווי אַזוי צו העלפן אונדזער ארץ-ישראל־אַרביט.

מיר גיבן דאָ איבער גאַנץ בקיצור פאָרמולירט נאר אַ טייל פון די פּראָיעקטן. יעדער פּראָיעקט באַזונ-דער נעמט אבער אַרום פיל פּראַקטישע פּרטים ווי אַזוי זיי צו קענין דורכפירן אין לעבן. אויפן פּלע-נום פון קאנגרעס און אין די קאָמיסיעס וועלן דע-באַטירט ווערן איבער אַלע פונקטן און ס־וועלן אָנ-גינומין די גיהערוקע החלטות.

וואָסערע קאמיסיעס ס־וועלן אַלץ טעטיק זיין

לויטן באַשלוס פון דער פאַרברייטונג-זיצונג וועלן אויפן קאנגרעס טעטיק זיין פאלגנדע קאָמיסיעס:

א) קולטור־קאָמיסיע. [ענינים: 1) לימודים 2) שיחות און לעקטור 3) אגודיזם 4) התנהגות פון חברות 5) פירערשאַפטס-פּראָבלעם און „חות שמואל" 6) ביבליאָטעק 7) פאַרשידינע קולטור-פּראָבלע-מין].

ב) סאָציאַלע־קאמיסיע [ענינים: 1) פאַך-אויסבילדונג 2) באַציאונג צו אַרביט און „אהל שרה" 3) אַרביט-פאַרמיטלונג 4) וואוין-היימין פאַר פּראָווינצער חברות אין גרויסע שטעט 5) גמילת-חסד-קאַסיע 6) זומער-קאלאָניעס 7) פאַרשידינע צדקה־ענינים].

ג) אָרגאַניזאַציע-קאמיסיע (ענינים: 1) ווער-בירן חברות 2) די אָרגאַניזאַציעלע פאָרים 3) פּראָ-פּאַגאַנדע און אינספּעקציע 4) פגישות 5) זאַמל-אַקציעס 6) התחייבותן פון דער צענטראַלע 7) פאַר-שידינע אָרגאַניזאַציע-ענינים).

ד) ארץ־ישראל-קאמיסיע (ענינים: 1) הכשרה און עלי' 2) „בנות" אין ארץ־ישראל 3) קרן־הישוב פרויען־פאָנד 5) פאַרשידנס].

ה) נשי־אגודת־ישראל־קאמיסיע [ענינים: 1) די אָרגאַניזירונג פון נשי־פאַרבאַנדן 2) שמירת־שבת כשרות 4) קרן־המשפּחה 5) רעליגיעזע דערציאונג 6) ב"י-שולן, ת"ת און ישיבות 7) פאַרשידנס.

ו) פּרעסע און ליטעראַטור־קאמיסיע [ענינים: 1) „טאָגבלאַט" 2) בית־יעקב-זשורנאַל און „קינדער-גאָרטן" 3) בראשורן 4) פאַרלאַג „בית־יעקב" 5) שענירער-לעגיאָן].

ז) בתי'־קאמיסיע

די 7 הויפּט-קאמיסיעס וועלן פון זיך קענין אויס-טיילן נאָך סוב-קאמיסיעס וועלן פון זיך קענין אויס-

טײלן נאך סוב-קאמיסיעס. יעדע הויפט-קאמיסיע וועט האבן א פרעזידיום פון 3 פערזאן. גינוי די געמין פון די אנפירערנס פון די קאמיסיעס וועט באזונדער מיטגיטײלט ווערן.

די אָרדינונג אין זאַל

ס'ווערן אונטערגינומען ענערגישע שריט צו דער-האלטן אמוסטערהאפטן סדר אין זאל בעתן גאנצן קאנגרעס. קודם־כל זענען איינגיפירט נומערירטע פלעצער פאר די דעלעגאטנס און געסט. אויף די קאנגרעס-פעסער און פאסט־קארטן וועט זיין באצייכנט דער זיץ-ארט פון יעדער פערזאן. די זיצונגען וועלן זיך אנהייבן פינקטלעך און 10 מינוט נאכן טער-מין פון יעדער זיצונג וועט ווערן דער זאל געגנצלעך אפגישלאסן. אין זאל וועט זיך אויך גיפינען א כשרער בופעט. מיט דער אָרדינונג אין זאל וועלן אנפירן א גרופע פון לאדזשער „בנות" און תלמידות פון „אהל שרה". אן א קאנגרעס-פאס אדער דעלעגאטן-קארטע וועט קיינער נישט ארייננגילאזט ווערן.

פרעסע־אַמט

בעתן קאנגרעס וועט זיין טעטיק א ספעציעלער פרעסע-אמט, אין וועלכן ס'וועלן זיך באטייליקן א ריי ארטאדאקסישע זשורנאליסטן און שרייבער. מיטן פרעסע-אמט וועט אנפירן רעדאקטאר מ. קע-ניג. פאר זשורנאליסטן איז רעזערווירט א ספעציע-לער בהרחבהדיקער פלאץ. די רעדאקציע פון „טאג-בלאט" וועט זיין פארטרעטן אויפן קאנגרעס מיט אירע שטענדיקע מיטארביטער.

באַריכט־אויסגאַבע פון דער צענטראַלע

דער צ.ס. גיט ארויס א ספעציעלן באריכט פון זיין טעטיקייט פאר די לעצטע 5 יאר. דער דאזיקער באריכט נעמט ארום: אן־איינלייטונג וועגן די צילן אויפגאבן און מעשים פון בנות, און דאן א גינוי ן איבערבליק פון דער טעטיקייט פאר די לעצטע יארן. דער דאזיקער באריכט וועט צוטײלט ווערן צווישן די דעלעגאטנס בחינם און וועט זיי צונוץ קומען צו אריענטירן זיך בעת דער דעבאטע איבערן בא-ריכט.

וועג־ווייזער פאַר דעלעגאַטנס און געסט

יעדע דעלעגאטן אדער גאסט פון דער פראווינץ, וועט באקומען א גידרוקטן וועג-ווייזער זיך צו קענען אריענטירן אין זאל און וויסן ווי זיך צו פארהאלטן בעת די באראטונגען. דער וועג-ווייזער וועט ברענ-גען א גרויסן פראקטישן נוצן די אנטייל-נעמער אינים קאנגרעס. צום קאנגרעס ווערן נישט צוגילאזן קיין מענער, אחוץ די איינ-גילאדינע פון צענטראלע קערפער-שאפטן.

זאַמל־פונקט פון דעלעגאַטנס און געסט

אלע דעלעגאטנס און געסט נאך זייער אנקומען קיין לאדזש וועלן דארפן צופארן אין לאקאל פון דער לאדזשער „בנות" פאלודניאווא 20. שפעטסטנס מאנ-טיק ביז 2 א זייגער בייטאג וועט זיין טעטיק דאס קאנגרעס-ביורא אין זעלבן לאקאל. דעם אויפנט-האלט אין לאדזש מוזן זיך די געסט לחלוטין אליין באזארגן. דעלעגאטנס וועלן יא א געוויסע צאל בא-זארגט ווערן מיט לאזשי, הגם ס'איז נישט גאראנ-טירט.

די פאָן פון דער לאדזשער ב"י־שול אויפן קאנגרעס

די לאדזשער ב"י-שול האט אויסגיפערטיקט א ספע-ציעלע פרעכטיקע פאן, וועלכע וועט אוועקגישטעלט ווערן אויפן פאדיום אין הינטערגרונט.

אַפּעל צו אַלע דעלעגאַטנס און געסט

דער כבוד פון קאנגרעס פאדערט סדר און דיס-ציפלין. יעדער מינצטער אפנייג פון די פארשריפטן פונים סדר קען נאר ברענגען א שטערונג אין זאל. די דעלעגאטנס מוזן קומען פינקטלעך צו די זיצונ-גין, זיך זעצן אויפן נומערירטן פלאץ, קיין מאל נישט שטערן מיט וועלכער ס'איז אומפינקטלעכקייט די באראטונגען. גאר באזונדער אפעלירט דאס קאנ-גרעס-סעקרעטאריאט, אז דעם ערשטן טאג זאלן די דעלעגאטנס קומען קיין לאדזש גאנץ פרי און גלייך צופארן אין בנות-לאקאל, פאלודניאווא 20. ביים איינגאנג אין זאל וועט קיין שום איינטריט-קארטן נישט ארויסגיגעבן ווערן.

וויכטיקער סך־הכּל פון די פרעג־בויגנס

ווי ב קאנט האט דער צ"ס פונאנדער גישיקט סוף פאריקן חודש א ספעציעלן פרעג-בויגן מיט 75 שאלות וועגן דער בנות-באוועגונג. איר אנטוויקלונג, טעטיקייט-גיביטן און אלגימיינים מצב. דער פ־עג-בויגן איז גיטײלט אין 5 הויפט-פרקים: 1) ארגאני-זאציע-ענינים, 2) קולטור־פראגן, 3) סאציאלע ענינים און צדקה, 4) ארץ-ישראל-ענינים, 5) פרעסע און ליטעראטור. צו יעדן פרעג-בויגן זענען נאך צוגי-געבן גיווארן עטלעכע ליידיקע בלעטלעך, כדי צו קענען צושרייבן פארשידינע באמערקונגען לויט איי-גינים איינזעען. דער פרעג-בויגן איז גידרוקט אין א בראשור-פארים, כדי צו קענען די זעלבע איינ-בונדן אין א בוד, און אזוי ארום וועט דאס בלייבן א שטענדיקער דאקומענט.

ביז פארן שליסן דאס העפט זענען שוין אנגיקומען תשובות פון קרוב 150 ארגאניזאציעס. דער גרעס-טער טייל פון די ארגאניזאציעס האבן באמת גלענצנד אפגיענטפערט אויף אלע שאלות. דאס גי-זאמלטע מאטעריאל גיט אן־אינטערעסאנטן סך-הכל. עס וועט גישאפן ווערן א ספעציעלע קאמיסיע, וואס וועט פארשן אלע תשובות, זיך באקענען מיט אלע פרטים, אלע באמערקונגען אאז"וו. פון דעם אלים וועט גימאכט ווערן אן־עפנטלעכער גינויער באריכט. שוין אין נאנטן נומער „בית-יעקב" וועט זיך אנ-הייבן דרוקן אן־אויספירלעכער איבערבליק פון די פרעג-בויגנס.

די ארגאניזאציעס, אפילו די שוואכסטע גרופיס, וואס שיקן נישט צוריק די פרעג-בויגנס, באגייען אן־אויסערגיוויינטלעכע דיסציפלין-לאזיקייט.

פאַרשפּרייט דעם אגודיזם-אַלמאַנאַך!

איר זעט ווי שווער ס-גייט צו מיטן דערשיי-נין פון זשורנאל. די לעצטע צייט צומאל נישט יעדן חודש רעגולער דערשיינט די שריפט. גרויס איז דערין די שולד פון אונ-דזערע שולן און ארגאניזאציעס!

מיר בלייבן אבער גיטריי אונדזער זאך. מיר טרעטן נישט אפ פון דער פאזיציע. מיר גיי-ען אריבער אלע מניעות און מכשולים מיט גיוואגטערע אונטערנעמונגען.

אט איז דער אַגודיזם-אַלמאַנאַך!

אין א צייט, ווען אלס זשורנאל זענען מיר נאך איינציק-אליין גיבליבן אויף דער פאזיצ-יע אין דער אגודיסטישער וועלט. מיר שטרענגען אן אלע כוחות. נאך קרוב 15 יאר ארבית, וועלן מיר אונטער קיין שום פרייז נישט לאזן זיך אפשוואכן, נאר נאך פיל-פאך פארטאפלין אונדזערע באמיאונגין.

די וואס וועלן ביים יעצטיקן אגודיזם-אלמא-נאך נישט טון זייער חוב, נישט פארשפרייטן שטעלן זיך נא־ אליין אוועק מבחוץ פון די איבערגיגעבינע! ס-וועט קומען א צייט כוין חשבון און דעמלט וועלן זיי אליין זיך שעמין!

צו די וואס פארשטייען אבער יא דעם בא-טייט דערפון, וואס אזא זשורנאל וועט ארײנ-גיפירט ווערן אין די יידישע שטובן, צו זיי אפעלירן מיר: גייט פון שטוב צו שטוב און פירט ארײן אומיטום דעם אגודיזם אלמאנאך. לאזט אייך נישט קאלט מאכן פון סקעפטי-קער און צווייפלער! א גרויס שליחות דער-פילט איר מיטן ארײנפירן דעם אגודיזם-אל-מאנאך אין א יידישער שטוב.

די רעדאַקציע

טעטיקייט פון לאדזשער בנות אויפן ערשטן ארט

לאדזש דער צענטער פון דער בנות-באוועגונג מוז גילטן אלס מוסטער. מיר גיבן דא איבער א קורצן באריכט, וואס איז אונדז צוגישיקט גיווארן פון דער לאדזשער בנות-א־גאני-זאציע, וואס באווייזט, אז די לאדזשער „בנות" פארנעמט באמת דאס ערשטע ארט אין פוילן, אלס גרעסטע ארגאניזאציע בכמות ובאיכות אין פוילן.

לאדזשער „בנות" האט זיך אין די לעצטע צוויי יאר קאלאסאל צעוואקסן און אנטוויקלט. זי האט אויפגיהערט צו זיין אן-ארגא-ניזאציע פון יחידות. די לאדזשער בנות ציילט ביים היינטיקן טאג 600 חברות, צווישן זיי מער ווי א העלפט אקטיווע איבער-גיגעבענע אידעאליסטנס. מיט אייגענע כוחות האלט אויס די לאדזשער „בנות" א גרויס פ־עכטיק לאקאל פון 6 צימערן, וועל-כע מאכן א שטארקן איינדרוק מיט זייער פארנעם און עסטע-טישן אויסזען. אין די לעצטע חדשים איז אויך גילונגען צו ארגאניזירן רעליגיעזע פרויען אין א פרויען-פארבאנד „נשי אגודת ישראל". דער פרויען-פארבאנד האט ארויסגירופן גרויס אינטערעס און שוין מיטגליצונגן מיט זיך 200 פרויען, פאר וועל-כע ס-קומען פאר אפטע פארזאמלונגען און רעפעראטן.

ספעציעל אין לעצטן יאר תרצ"ז, א דאנק דעם איבערנעמען די הויפט-לייטונג דורך דער ענערגישער און רוטינירטער פירערין פרל ב. ווייסקאל, איז לאדזשער „בנות" גיווארן מוסטערהאפט ארגאניזירט און שטייט אויף א היכן ארגאניזאציאנעלן און גייסטיקן ניווא. טראץ דעם, וואס די ארגאניזאציע ציילט עטליכע הונדערט חברות איז זי דיסציפלינירט און די חברות לעבן צווישן זיך נאנט.

פיל צוגיהאלפן דערצו האבן די אלגימיינע ארגאניזאציאנעלע זיצונגען, יעדן זונטיק אנגיפירט דורך פרל. ווייסקאל, אויף וועלכע ס-קומען פאר אלע ארגאניזאציאנעל-לאקאלע און אידעאישע אפ-האנדלונגען חוץ דעם קומען פאר אלגימיינע פארטראגן יעדן פרייטיק צונאכטס דורך די פארזיצענדערן פרוי קאן. מוצש"ק — פרעסע-אוונט דורך פרל. ווייסקאל ווי אויך אינטערעסאנטע וועלטלעכע שמועסן בעארביט דורך חברות. די פרעסע-אוונטן צייכינען זיך אויס מיט כפעציעלער אנערקענונג.

די חברות זענען גיטײלט בערך אין 30 גרופן, עטלעכע גרופן פארייניקט אין „גדודן". די פירערנס ווי אויך די, וועלכע רע-פלעקטירן אויף אזעלכע זענען ארגאניזירט אין אן-אינסטרוקטארן קרייז מיט א פראגראם אויף 2 יאר. זייער ציל איז פארצובריי-טן קינפטיקע גרופן-פירערנס און ארגאניזאטארקעס.

די אויפזיכט איבער דער גאנצער ארגאניזאציע האט דער אד-מיניסטראטיווער ראט פון 5 פערזאן, די ה"ה: פרידענזאן, בער-לינער, פרוי קאן, פרל. ווייסקאל, פרוי מיליאנער און פרוי לעווין—דזיאלאווסקי.

אלע דערציערישע פראגן, פעדאגאגישע אנווייזונגען, באהאנדלט דער גרויסער פעדאגאגישער ראט, וואס באשטייט פון די גרופן-פירערנס.

זייער טעטיק ארבעט דער „תפארת"-קרייז, וועלכער זארגט פארן עסטעטישן אויסזען פון לאקאל און האט גלייכצייטיק א דער-ציערישע ארביט צווישן די חברות אין דער ריכטונג תפארת פון שפראך, פיינע האלטונג אא"וו.

לאדזש אלס גרויסע ארביטס-שטאט האט אירע ספעציעלע אויפ-גאבן און פארלאנגען, וואס אונטערשיידן זיך פון אנדערע בנות-ארגאניזאציעס. אזוי איז שטארק אנגיוויטיקט די סאציאלע פראגע. פיל אין דער ריכטונג טוט דער סאציאלער קרייז, וועל-כער פירט א גמילת-חסד-קאסע, בארגט אויס חברות געלט אויף איינאורדינין זיך ווארשטאטן צו קויפן ניי מאשינען, אויף דירה געלט. לעצטנס ווערט שטארק גיארבעט צו דערמעגלעכן חברות גוט זיך אויסצולערנען פארשידינע פאכן. א באזונדערע פילאנ-טראפישע טעטיקייט ווערט גיפירט. אויך ווערן יאר-יערלעך איינגיארדנט זומער-קאלאניעס.

דער שטאלץ פון דער ארגאניזאציע איז די ארביט-פארמיטלונגס-ביורא, וועלכע איז ערשט ארגאניזירט גיווארן און איז אויפגי-נומען גיווארן מיט פיל אינטערעס. די ארביט-פארמיטלונג-שטעלע

דערמעגלעכט חברות צו באקומען ארביט, היט אפ פון ארביטן שבת און גייען אין פרעמדע פאבריקן. זי באמיט זיך צו בא-קומען ארביט פאר די חברות אין רעליגיעזע הייזער, גי-שעפטן, ווארשטאטן, זייער פיל אבער פארלאנגט זיך נאך און מע קען טון אין דער פראגע.

דאס רעליגיעזע לאדזש שטעלט מיט זיך פאר בכלל א ריזיק פעלד פון ארביט פאר אונדזער באוועגונג.

שוין די ערשטע טעג נאכן קאנגרעס דערשיינט דאס זאמל-בוך

עת־לעשות

גיקליבינע כתבים פון ד"ר נתן בירנבוים ז"ל

50 מאמרים פון גרויסן דענקער זענען דא צוזאמענ-גיזאמלט און די כתבים זענען א מאנומענטאל ווערק פאר דער יוגנט.

די גינויע פרטים פון די אויסגאבן פון פארלאג „בית יעקב" וועלן דערשיינען בקרוב אין א ספעציעלן פראספעקט

דער פאַרלאַג „בית יעקב" פאַר גרויסע אונטערנעמונגען

דער פארלאג „בית יעקב", וועלכער האט גיט 15 יאר צוריק אנגיהויבן זיין טעטיקייט, און כמעט יעדיס גידרוקטע ווארט אין אונדזער באוועגונג צוגישטעלט, גרייט זיך תיכף נאכן קאנגרעס אויף גיוואגטע אונטערנעמונגען פאר אונדזער ליטעראטור. א גאנצע ריי חיבורים און ווערק ווערן צוגי-גרייט צום דערשיינען תיכף. נישט גיקוקט אויפן שווערן מצב, וואס דער פארלאג לעבט איבער לעצטנס, רעזיגנירט נישט דער פאר-לאג, נאר להיפוך, נעמט זיך דער פארלאג ענערגיש ארויסגעבן די נייטיקע ליטעראטור פאר אונדזערע קינדער און יוגנט.

נאר אזא פארלאג, ווי „בית יעקב", וועלכער האט אזויפיל יארן ריי ־אידעאליסטיש ארויס-גיגעבן א ביכל נאך א ביכל, א העפט נאך א העפט פון זשורנאל, א נומער נאך א נומער „קינדער גארטן" קען האבן דעם מוט ביי דער גאנצער קאלטקייט און גלייכגילטיקייט ארום, פארט צוצוטרעטן אויף נייע איני-ציאטיווים.

דער פארלאג „בית יעקב", האט זיך גישטעלט אין פארבינדונג מיט אלע רעליגיעזע פעדא-גאגן און פעדער-מענטשן און זיי פארגילייגט פארשידינע פראיעקטן פון זאמלין און אנ-שרייבן די נייטיקע ווערק.

דער אבנדיק הינטער זיך אן-עבר פון יארן-לאנגע אנשטרענגונגין, נישט מיד ווערן, זיין פעאיק אויף קרבנות, דינין דעם אידעאל, אן דעם מינימאלסטן גישעפטס-חשבון און אייגננוצן, גלייבט דער פארלאג „בית יעקב" בע"ה צו האבן הצלחה.

גישיכטע פון אגודת־ישראל אין פוילִיש

דער פארלאג „בית יעקב" גיט ארויס די טעג א גרעסערע בראשור אין פויליש פון ה' הלל זיידמאן, וועגן דער גישיכטע פון אגודת ישראל. איר אנטשטייאונג, אנטוויקלונג, טעטיקייט און פונאנדער־וואוקס. די דאזיקע אויסגאבע איז זייער אן־אינטערעסאנטע.

דאס רעליגיעזע שול־וועזן

דער באקאנטער שריפטשטעלער ה' הלל ויידמאן האט ארויסגיגעבן דורך דער „חורב"-צענטראלע א בוך מיטן נאמען „דאס רעליגיעזע שול-וועזן און דער ביזעצגעבונג". דאס בוך ברענגט כל־ערליי פארארדינונגין און תקנות פאר דער שול־מאכט. וואס נוגע דעם יורידישן מצב פונים רעליגיעזן שול־וועזן. אויך גיפינען זיך אין בוך (אין פויליש) אלע מיני טעקסטן פון בקשות אא"וו. דאס בוך האט אן־אריינפיר פונים לייטער פון „חורב" הר' איז פרידמאן. אויספירלעך וועלן מיר שרייבן אין קומינדיקן נומער.

„די גישיכטע פון חסידות"

דער באקאנטער חסידות־פארשער און דערציילער ה' ש. ניסנזאן (ראטשטיין) האט ארויסגיגעבן שוין קרוב 10 העפטן פון זיינע חסידישע באשרייבונגען און מעשיות. ס־איז וויכטיק, אז די דאזיקע העפטן זאלן גילייענט און פארשפרייט ווערן פון אונדזער יוגנט.

א רעצענזיע—אין קומינדיקן העפט ב"י.

א הארציקן מזל-טוב ווינטשן מיר אונדזער ל. לערערן, דער שטאל-צער פאן-טרעגערן פון אונדזער בנות-אידעאל—פרל. י. ווישניא צו איר חתונה מיט ה' **דוד אינגער** (קאלושין) זייט זוכה צו בויען אייער עתיד אויף די בערג פון ציון ירושלים.

גאלין. **בנות אגודת ישראל.**

צו די תנאים פון אונדזער חברה **רחל לאה קיבעל** מיט ה' **מאשקאוויטש** (אוניעיאוו), ווינשן מיר א הארציקן מזל-טוב. זאל אייער צוקונפט זיין א קייט פון אייביקן גליק און צופרידנהייט

דיינע חברות: **שוועסטערן לענטשיצקא, קאפלאן בריש און גרינפעלד**

אוניעיאוו

מזל-טוב ! פיל גליק און בליענדע צוקונפט ווינשן מיר אונדזער חשובער בנות-פירערן פרל. **רבקה בעהאריער** (לאדז) צו איר תנאים מיט ה' **קליימאן** (פאביניץ)

זאל אייער עתיד באצירט זיין מיט בלומען פון אונדזער הייליקן אידעאל. **דיין גרופע** (לאדזש)

דער פּרייז פון הייגטיקן נומער איז 1.25 גילדן

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

BĄJS JAKOW | ŁÓDŹ, Maj—Czerwiec 1937 r. | **zeszyt 143**

Adres Redakcji: „BAJS JAKOW" Łodź, Kilińskiego 44. TELEFON 109-77. P. K. O. 602.295.

צו די תנאים פון אונדזער טרייער איבערגעגע־בענער לערערן או פירערן, שטאלצע טרעגערן פון אונדזער אידעאל פרל. פעָ־ל באציאַן (ראדאמסק) מיט ה' ש. שטיינפעלד (תל־אביב) און צו דער התונה פון אונדזער איבערגעגעבענער חברה א. שערמאַן מיט ה' א. מאַרקאָווסקי. ווינטשן מיר פיל גליק און אייביקע צופרידנהייט

בעלכאטאוו — **בנות אגודת ישראל**

א ברכהפו'ן מזל־טוב ווינטשן מיר דער טרייער און איבערגעגעבענער לערערן פון אונדזער שול פרל. **פערל באציאַן** (ראדאמסק) מיט ה' **שמואל שטיינפעלד** (תל־אביב) צו זייער תנאים. זאל דער בורא עולם אייער נייעם לעבענס־וועג בענטשן מיט שפע און הצלחה עד בלי די.

מענער־קאמיטעט ביי בית יעקב

בעלכאטאוו

די הארציקסטע ברכות אונדזער איבערגעגעבענער לערערן און טרייע פריינדן **פערל באציאַן** (ראדאמסק) צו איר תנאים מיט ה' **שמואל שטיינפעלד** (תל־אביב). השי"ת זאל בענטשן אייער צוזאמענבונד מיט אייביקער הארמאניע.

בעלכאטאוו — **דיינע טרייע מיידלעך**

א הארציקן מזל־טוב ווינטשן מיר אונדזער חשובער און ליבער לערערן פרל. **פערל באציאַן** (ראדאמסק) מיט ה' **שמואל שטיינפעלד** (תל־אביב) אייער תנאים און צו די חתונה פון אונדזער ל. פירערן א. שערמאַן מיט ה' **אברהם מאַרקאָווסקי**, זאל ג—ט אייער עתיד מיט פיל ברכות באגליקן.

בעלכאטאוו — **אייער גרופע „שושנה"**

ברכת מזל־טוב חמה ולבבה אני מגשת לחברתי היקרה **לאה לעווענהאף** לרגלי בואה בברית האירושין עם מר **דניאל בראניצקי**, תהי דרככם בחיים צלחה ועושר ואושר יתאחדו על שלחנכם תמיד.

יאראוו — **ביילא קאַהן**

א הארציקן מזל־טוב אונדזער טרייער איבערגע־געבענער בנות־חברה פארוו. מיטגלידערן פרל. **שבע האַלפערן** צו איר תנאים מיט ה' **נתן קעסלער** (ראווא־רוסקא). אייביק גליק און צו־פרידנהייט ווינטשט

ראווא־רוסקא — **בנות אגודת ישראל**

א ברכה פולן מזל־טוב ווינטשן מיר אונדזער איבערגעגעבענער סעקרעטארן פרל. **רחל חיגדא־ראוויטש** (בושעושין) צו איר חתונה מיט ה' **יעקב קרעלל** (לאדוש). זאל אייער נייער וועג אין לעבן געבענטשט זיין מיט אייביקער הארמא־ניע און באלייכטן מיט די שטראלן פון אונדזער הייליקן אידעאל.

לער. צ. מארטענפעלד

בושעושין — **בנות אגודת ישראל**

צו די תנאים פון אונדזער ח' לערערן **חנה פלידערבוים** (לינטשיץ) מיט ה' **מארדאוויטש** (אזארקאוו), ווינטשן א הארציקן מזל־טוב.

קאזשמיגעק — **פר. קאנטשאם, פר. האראַ־וויטש, פר. מאמעלאַק, פר. הייגסדארף און פר. קאַטס.**

א הארציקן מזל־טוב ווינטשן מיר אונדזער אי־בערגעגעבענער אקטיווער בנות־חברה, די שטאלצע פאַ־טרעגערן פון ביי און בנות־אידעאל פרל. **רחל יאסקאוויטש** צו איר תנאים מיט ה' **בעם** (פאביאניץ) און פרל. **אסתר ראכל לור־יע** (חאווידיסלאוו) מיט ה' **שמואל זעלוועד** (לאדוש). השי"ת זאל באצירן זייער וועג אין לעבן מיט די בלומען פון אונדזער תורה־קראַנץ.

בנות אגודת ישראל

קאנסטאנטין — **לער. רייזיל רשדליך**

א הארציקן מזל־טוב ווינטשן מיר אונדזער ל. גיוו. לערערן פרל. **שרה זשימנאוואדאַ** (חלאצ־לאַחעק) צו איר תנאים מיט ה' **שמחה יאיר דונקעלמאַן** (אזארקאוו), זאל השי"ת בענטשן אייער צוזאמענבונד מיט זיין פולער ברכה און אייביקער הארמאניע.

בנות אגודת ישראל

חישטאגראד — **צעירות בנות אגודת ישראל** — **לערערן ב. זאַלעשינסקאַ**

א הארציקן מזל־טוב ווינטשן מיר אונדזער געח. חשובע לערערן פרל. **שרה זשימנאוואדא** צו איר תנאים מיט ה' **שמחה יאיר דונקעלמאַן** זייט זוכה צו בויען אייער צוקונפט אויף די בערג פון ציון און ירושלים אין גייסט פון אונדזערע אידעאלן.

בתי „אחדות"

חיערושאוו — **פירערן ראנא לעווקאוויטש**

צו די תנאים פון אונדזער גיליבטע און אייביק גידענקטע גיוו. לערערן און פירערן **ש. זשימ־נאוואדא** (חלאצלאַחעק) מיט ה' **דונקעלמאַן** (אזארקאוו). און אונדזער ל. חברה **אסתר פראַדל** (חיערושאוו) מיט ה' **בריקמאַן** (בלאש־קי). ווינטשן מיר פון טיפן הארצן א הארציקן מזל־טוב. איר זאלט ווייטער שפינען דעם פאדים פון אמ־ן ישראל גייסט. אויך אונדזערע ח' על־טערן ווינטשן אייך באַזונדער מזל־טוב.

דינה דזיאלאוויסקא, געשה. לעווענהאף, חי' קאנאפניצ־קא, חיי ביילא גרינבערג.

חיערושאוו

אויך איך ווינטש דאס זעלבע דער ל. לערערן **אסתר פראַדל**

דעם פרל. **זימנאוואדאַ**, ווינטשן דאס זעלבע **פרויען בעהאריער, יאכימאַ־וויטש און קיילא לעווענהאף**

דער ליבער און ציאכטעטער לערערן, גרינדערן פון אונדזער בתי פארבאנד לערערן **ש. זימ־נאוואדאַ** (חלאצלאחעק) מיט ה' **דונקעלמאַן** (אזארקאוו) ווינטשן מיר, אז דער אלמעכטיקער זאל אייער צוקונפט באגליקן מיט שטענדיקער צופרידנהייט.

פירערן דינה דזיאלאווסקא

חיערושאוו — **בתי „שעגירער"**

א ברכה פולן מזל־טוב צו די תנאים פון אונדזער ל. גיוו. לערערן [illegible] פירערן, שטאלצע פיאנערן פון אונדזער אידעאל פרל. **ש. זשימנאוואדא** (חלאצלאוועק) מיט ה' **דונקעלמאַן** (אזארקאוו), דער שטערן פון גליק זאל אייער צוקונפט בא־גליטן.

בנות אגודת ישראל

בנות פארוואלטונג

חיערושאוו — **בית־יעקב.**

אויך מיר ווינטשן דאס זעלבע

פאמיליע לעוו

אונדזער אקטיווער פארוואלטונגס־מיטגלידערן **אסתר פראַדל** (חיערושאוו) צו איר תנאים מיט ה' **בריקמאַן** (בלאשקי), און ח' **ריבאַ לעוו־קאוויטש** מיט ה' **גרינשטיין** (לאדוש), ווינטשן מיר א הארציקן מזל־טוב. אייער צוקונפט זאל געבויט ווערן אין גייסט פון די הייליקע תורה־אידעאלן.

חיערושאוו — **בנות אגודת ישראל**

א הערצלעכן מזל־טוב ווינטשן מיר אונדזער גיוו. ח. לערערן פרל. **בלוט** (סטראנאבזשעג) צו איר תנאים מיט ה' **בלוט** (קראקע). איר זאלט אכה זיין צו בויען אייער עתיד אין גייסט פון תורה והיהדות.

לערערן ג. זילבערבערג

בנות אגודת ישראל

קרושניק — **בית יעקב־שילערנס**

מיינע איבערגעגעבענער פריינדן **ריבאַ לעוו־קאוויטש** צו איר תנ ים ווינטש איך מזל־טוב.

חיערושאוו — **אסתר גרינבערג**

ברכות לנביות ובתוכם ברכת מזל־טוב לחברותינו מרת **רויזא בודניק** לגדי'אי' את מר **משה שטאַטווינער**, מרת **קריינע גוטמאַכער** לאירושי' את מר **רויזנבוים** ולמרת **שפהינצה רושניעווסקאַ** לאירושי' את מר **וואַסערשטיין** גם לחברותנו רת **מינדל הערשמאַן** ברכת מז"ט חמה לרגלי הולדת לה בת יהי רצון שתזכי לגדלה ולחנכה בדרך התורה ותרוי רב נחת ממנה.

מצחלות:

המורה בתי' עפשטיין

בנות אגודת ישראל

מרדכי דוד אונגער

(קצלושין)

יהודית פרומיט חישניאַ

(ורשה)

נ ש ו א י ם

אייר — תרצ"ז

צו דער חתונה פון דער בנות־עסקנית לערערן פרל. **יהודית חישניאַ** מיטן פרס. עסקן ה' **דוד אונגער** (קצלושין), ווינטשט א ברכה־פולן מזל־טוב.

צענטראַלע

בנות אגודת ישראל

אין פוילן.

ברכת מז"ט לידידי מר **דוד אונגער** (קצלושין) לנשואיו, שולח

משה פרידנזאן

צו די תנאים פון ח' **גליצענשטיין** מיט ח' **יאַקובאוויטש** און צו די חתונות פון ח' **לע־ווין** מיט ה' **זאנדבערג**, ח' **טיבערג** מיט ה' **גאלדקינד**, ח' **גערשט** מיט ה' **בערלינסקי** ווינטשן מיר א הארציקן מזל־טוב, זאל אייער צוקונפט באלייכטן מיט די שטראלן פון גליק.

פרוי קלוגמאַן

לאדוש — **און איר גרופע**

א ברכה־פולן מזל־טוב, ווינטשן מיר צו די תנאים פון אונדזערע חברות: **חנה פריימאַן** מיט ה' **יאַכימאוויטש** און **רחל קימאוויטש** מיט ה' **גרינבערג** חי אויך צו די חתונה פון **הדס פלאַם** והריקותי לכם ברכה עד בלי די.

לאדוש — **אסתר און פערל הענדעלעס**

א הארציקן מזל־טוב און גליקלעכע צוקונפט ווינטשן מיר צו די חתונה פון אונדזער ח' חברה און שטאלצע טרעגע־ן פון א־נדזער אידעאל פרל. **אסתר רחל וואַלד** (בלאשקי) מיט ה' **רעדליך** (קאליש). אייער מזל זאל שיינען כשמש בצהרים.

בנות אגודת ישראל

בלאשקי — **לערערן שרה מערזער**

א הערצלעכן מזל־טוב ווינטשן מיר אונדזער ח' לערערן פרל. **שטיעל** (מישלעניץ) צו איר תנאים מיט ה' **רייך** (לעושיסק), איר זאלט זוכה זיין צו בויען אייער עתיד אויף די בערג פון ציון וירושלים איגים גייסט פון ישראל־סבא.

פרויען־קאמיטעט

בנות־חברות

לעושייסק — **בית־יעקב־תלמידות**

טיף דערשיטערט זענען מיר פון דעם שרעק־לעכן אומגליק, וואס איז געשען מיטן טויט פון אונז זער יונגער חברה **מינדל קנאפ** נ"ע וועלכע איז אזוי יונגערהייט אוועקגעריסן גי־ווארן. אין גיטרייער און פארשטארקטער אר־ביט פאר אונדזער בנות אידעאל, זאלן מיר א טרייסט געפינען און אירע עלטערן און פא־מיליע טרייסטן מיר: המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

פארוואלטונג בית־יעקב

בנות אגודת ישראל

בלאשקי — **לערערן שרה מערזער**

דעם טיפסטן צער און מיטגעפיל דריקן מיר אויס אונדזער ח' פרעזעס פון בית־יעקב **אברהם נ"י גאַרפינקעל** צוליבן פריצייטיקן טויט פון זיין ליבער מוטער, **מרים** ע"ה. אין זיין איבערגעגעבענער ארבייט פאר בית־יעקב זאל ער א טרייסט געפינען.

לערערן גוטמארגן

ראדזשין — **און אלע קורסן בית־יעקב**

אונדזער איבערגעגעבענעם פרעזעס פון בית־יעקב ה' **אברהם נ"י גאָרפינקעל**, צוזאמען מיט זיין גאנצער משפחה דריקן מיר אויס אונדזער טיפסטן בייליד צוליבן פריצייטיקן טויט פון זייער געליבטער **מוטער, מרים** ע"ה, זאל זיי השי"ת טרייסטן צו זאמען מיט די, וואס טרויערן אויף ציון וירושלים.

ראדזשין — **בנות אגודת ישראל**

דעם טיפסטן צער דריקן מיר אויס אונדזער חברה **אסתר רבקה אייזנשטיין**, מוטער און געשוויסטער, צוליבן פריצייטיקן טויט פון זייער ח' מאן און פאטער ע"ה. אין דער ארבייט פאר אונדזער אידעאל, זאל זי א טרייסט געפינען.

פירערן ל. גאלדשטיין

דיינע חברות:

אלטע נעמי בעקערמאַן, טובע בארנשטיין, רחל באַק, מלכה ראטבלאַט, לאה שיקע, אסתר צפורה ווי־נער, בריינע וואַרגאַן, געשו. זילבערמאַן, חי' דבורה פאלקע, יסכה קאהן.

לאדוש

א בשורה־טובה!

שוין דערשינען דאָס וויכטיקע ספר אין יודיש **„דער יידישער דערציער"**

וועלכער ענטהאַלט מאמרים און רעפעראטן, שמועסן וועגן ראש השנה, יום־כפור און אנדערע ימים־טובים, עס ווערן אין אים באַהאַנדלט און גילעזט פאר־שידינע אַקטועלע פראַבלעמען, ספעציעל דאָס חינוך הבנים והבנות פראַבלעם פון באַרימטן טאַלאַנטפולן רעדנער, דרשן און פעדאַגאַג הרה"ג ר' חנוך טשאַרנאַ־טשאפקא (גאַלינער רב). בראשירט פראַכטפול 100 עמודים.

—— פרייז מיט פארטא 2.50 גילדן. חו"ל 60 סענט ——

אויך איז נאך צו באַקומען א קליינע צאָל עקז. פון בערימטן ספר „דער יידישער גאַרטען", וואָס האט זיך שוין קונה שם גיוועז מיט זיין אינהאלט פון דערמאנטן מחבר. דאָס דאזיקע ספרל אַנטהאַלט 17 רעפעראטן. פרייז 1.50 זל. חו"ל 40 סענט. ביידע צוזאמען נאר 4 זל. מע קאָן דעם בא רעף אויך שיקן אין אינטערנאַציאָנאַלע פאָסט־מאַרקיס. יעדער איינער וואָס וויל זיך בעקענען מיטן יודישן אריגינעלן גידאנק דאַרף זיך די דערמאנטע ספרים תיכף פאַרשאַפן.

אדרעס: Rabin Czarnoczapka, Golina n/Wartą, P. K. O. 146,626

Red. odp. Luzer Gerszon Frydenzon. Nakł. Centr. (B.A.I.) Agudas Isroel w Polsce Druk. Djament Łódź Kilińskiego 63.